STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04531

DER MAN VOS ZUKHT LIBE

Pitigrilli

Permanent preservation of this book was made possible
by Major Harry & Lillian Wolfe
in honor of
their 50th wedding anniversary (June 16, 2001)

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

174

פיטיגרילי

דער מאַן וואס זוכט ליבע

ראָמאַן

אויטאָריזירטע איבערזעצונג
א. בלום

פאַרלאַג „פּאַרן בוך" וואַרשע.

Druk. „NOWOZETGRAF", Warszawa,
Pawia 44, tel. 643-86

קאפיטל 1

דער גערי‏כטסדינער האָט געמאָלדן:

— דאָס געריכט גייט!

פּרעזעס פּאָט האָט צוגעוואַרט, ביז די ריכטער וועלן פאַרנעמען זייערע ערטער, דערביי האָט ער זיך געווענדט צו דער באַשולדיקטער:

— ביטע אויפשטיין!

כאָטש דאָס גרינגע ליכט פון דער לאָמפּ האָט פאַרדעקט די בלאַסקייט, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויפן פאַרזיצערס פּנים, איז דאָך נישט שווער געווען זיך משער צו זיין, אַז דער סיכסוך אין באַראַטונגסצימער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערס שטאַרקער פאַרביסנקייט. אַגב, האָבן דאָך אַלע געוואוסט, אַז פּרעזעס פּאָט איז נישט געווען אין קיין גאָר גוטע באַציאונגען מיט די איבעריקע ריכטער. די געהיימנישן פון באַראַטונגסצימער האָבן זיך אָפט אַרויסבאַקומען אינדרויסן, ווערנדיק אַ קוואַל פון זאַפטיקע רכילותלעך. די אינטעליגענץ און ערלעכקייט פון פּרעזעס האָבן זיך נישט איינמאָל צוזאַמענגעשטויסן מיטן טעמפּן ביוראָקראַטיזם און מיט דער פאַרעקשנטער אומלאָגישקייט פון זיינע צוויי מיטאַרבעטער.

דער פאָרזיצער האָט מיט אַ רואיקער, מעסיקער שטים אָנגעהויבן פאַרצולייענען דעם אורטייל:

— אין נאָמען פון דער פראַנצייזישער רעפּובליק... אויפן סמך פון פּאַראַגראַף... א. אַז. וו., נעמענדיק אין אַכט, אַז...

— און דער עיקר צוליב דעם, וואָס דער ריכטער, וועל־כער זיצט דאָ נעבן מיר לינקס, איז אַ אידיאָט — און דער ריכטער, וואָס זיצט דאָ נעבן מיר רעכטס, איז אויך פּונקט אַזאַ אידיאָט — ווערט די אָנגעקלאָגטע מאַריאַ לאַנסאָן, די טאָכטער פּיערס, 25 יאָר אַלט, געבוירן אין קולאָמניער, פאַר־משפּט לויטן דאָזיקן אורטייל אויף דריי יאָר תּפיסה, 2000 פראַנק געלטשטראָף, און חוצדעם ווערט פון איר צוגעפּסקנט די ציווילע תּביעה לטובת דעם אָנקלאָגער. די פאַרמשפּטע קען אין משך פון דריי טאָג אָנגעבן אַן אַפּעלאַציע, וואָס איך ראַט איר אויך פון מיין זייט צו טון, ווייל צום גליק זענען נישט אַלע ריכטער ענלעך צו אָט די, וואָס זיצן אויף דער טריבונאַל־באַנק.

דער פאָרשטייער פון דער פּראָקוראַטור, אַ יונגער באַ־אַמטער, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער באַשולדיקונג צו־ליב מאַנגל אין באַווייזן וועגן דער שולד פון דער אָנגעקלאָג־טער, האָט מיט אָנשטרענגונג זיך באַמיט צו באַהערשן דעם טומל און די אויפרעגונג, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין גע־ריכטסזאַל נאָכן איבערלייענען אַזאַ אויסערגעוויינלעכע באַגרינ־דונג פון אורטייל. ענדלעך האָט ער געהייסן די פּאָליציי אַרויסבעטן דאָס פּובליקום פון זאַל און באַלד אַרויספירן די באַשולדיקטע.

פּרעזעס פּאָט האָט גלייך נאָכדעם, ווי ער האָט אַרויס־געזאָגט די לעצטע ווערטער, פאַרלאָזט זיין אָרט און שווייגנ־דיק אויסגעטון די טאָגע. ביידע ריכטער, וועלכע זענען ביז־איצט געזעסן אויף דער באַנק, ווי צוגענאָגלט מיט דער לאַסט פון די אומדערהערטע ווערטער, וואָס זענען געווען געווענדט קעגן זיי, האָבן זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן און זענען אַרויס פון זאַל.

דער יונגער פּראָקוראָר האָט דער לעצטער פאַרלאָזט דעם געריכטסזאַל.

דער פאַרקעט פון זאַל האָט טויב אָפּגעהילכט לויטן טאַקט פון זיינע טריט, ווי די שטיינערנע פלאַטן אין אַ קירכע.

דורכן גרויסן פענסטער פון געריכטסזאַל האָט זיך אַריינ־געריסן אַ זונענשטראַל און האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן ליידיקן

אָרט פון פאָרזיצער, ווי אויף רעליגיעזע בילדער רייסט דער אוירעאָל אַדורך די וואָלקנס און באַשיינט דעם קאָפּ פון הייליקן.

— — — — — — — — — — — —

איידער פרעזעס פּאָט האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים, האָט ער נאָך אָפּגעטרעטן ביים העכסטן פּראָקוראָר פון דער רעפּובליק, כדי צו מעלדן זיין דעמיסיע. ווען ער איז שוין געווען אויף דער גאַס, האָט ער אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ פּאַפּיראָספּאַפּירל, האָט צוזאַמענגעדרייט אַ טוטל און האָט אָנגעפּילט מיט העל-געלן טאַבאַק.

באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיין פריינט וואַרט אויף אים דאָרט, וואו ער וואַרט אויף אים געוויינלעך. אַזוי האָט ער זיך פאַרקערעוועט אין דער ריכטונג פון יוסטיץ-פּאַלאַץ.

דער רעסטאָראַן, וואָס צו אים האָט ער זיך געלאָזט גיין, האָט זיך געפונען אין עק פון אַ קליינעם, פינסטערן הויף. דאָרט טאַקע האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן די אַדוואָקאַטן און באַאַמטע בעת די הפסקות אין די געריכטספאַרהאַנדלונגען. אין דער צייט פון טעראָר איז דערדאָזיקער זאַל געווען אַ וואַרט-קאַמער פאַר די אומגליקלעכע קרבנות, וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן דורכן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל. ביי היינטיקן טאָג דיסקוטירן דאָ לעבהאַפטע גרופן אויף דער טעמע פון געריכטס-פאַרהאַנדלונגען און דערציילן זיך פּיקאַנטע געשיכטעס, צוגעפּעפּערטע מיט דעם אומפאַרגלייכלעכן, נישט נאָכגעאַמטן פּאַריזער גייסטרייכן וויץ. די אַדוואָקאַטינס אין די טאָגעס לאָזן זיך באַוואונדערן פון די גאָר יונגע אַפּליקאַנטן, זיכער דערפאַר, כדי צו האָבן אַ פאַרגיטיקונג פאַר די אומבאַקוועמלעכקייטן פון זייער דורכאויס מענער-פּראָפעסיע, פלאַפּלענדיק דערביי אומאויפהערלעך אויף דער טעמע פון רעכטס-פּראָבלעמען און פּראָצעדוראַלע פאַרפלאָנטערטקייטן. דערביי האָבן זיי אַ טבע אָנצושפּאַרן דאָס שפּיגעלע אָן פּאָרטפעל מיט די אַקטן און פאַרבן די ליפּן מיט קאַרמין אָדער פרישן-אויף די פּנימלעך מיטן פּוכל צום פּודער, ווייל דער פאַרטיידיקונגס-פּיבער און די לעבהאַפטיקייט פון די רעפּליקן ווירקן נישט גינסטיק אויפן

שיינעם אויסזען. דער באַרימטער אַדוואָקאַט, אַנרי ראָבער,
טרינקט דאָ שטענדיק טיי, איידער ער גייט אַריין אין גע-
ריכטזאַל, כדי אויסצופּועלן אַ באַפרייאונגס-אורטייל פאַר עפּעס
אַ געפערלעכן פאַרברעכער — און אויסצופירן ס'זייניקע. אַזוי
האָט אויך דער באַרימטער פאַרטיידיקער מאָדאָ-דזשאַפּערי גע-
האַט די געוואוינהייט אויסצוזופּן אויפדערגיך אַ גלעזעלע פּאָרט-
ווײַן, כדי אַ רגע שפּעטער איבערצוציִיגן מיט טעמפּעראַמענט
די געשווארענע, אַז דער איינציקער ריכטיקער אויספירער
פון פאַרברעך איז דער דערמאָרדעטער, און נישט דער מער-
דער. די מיט אַראָמאַט אָנגעזאַפּטע פאַרע פון פּונטש מישט
זיך אויס מיטן ריח פון פּערפומען, מיט וועלכע עס שמעקן די
פרויען-טאָגעס, און מיטן רויך פון פּאַפּיראָסן. דער נאָמען
פון פערד, וואָס האָט געזיגט ביים נעכטיקן לויף, אָדער אַ דיס-
קרעטער קלאַנג פון גאַלאַנטע-בײַנדלעך ביים אָנקלאַפּן זיך אָן
די הילצערנע פּלאַטן פון די טישלעך, דאָס קלינגען פון די
טעלעפאָנען, דאָס בלעזלען זיך אין דער קאַווע-מאַשינקע און
דער הויכער קלאַנג פון פרויען-געלעכטער — פאַראייניקן זיך
אין אַ וואונדערלעך וויברירנדיקער מוזיק.

דורך דער גלעזערנער טיר פאַלט אַריין אַ פּיאָלעטע
האַלב-טונקלקייט פון הויף, דערזעלבער הויף, וואו אויף ביין
שלעכטסאָנזאָגנדיקע טרעפּ זענען אַרויפגעגאַנגען כמעט אַלע
קרבנות פון דער רעוואָלוציע: מאַריאַ אַנטואַנעט מיט אירע
צום הימל געווענדטע אויגן, אין וועלכע סהאָט זיך נישט גע-
זען קיין טרער — מאַדאַם ראָלאַן, וואָס איר שטאָלץ געשטאַלט
איז געוואָרן צוזאַמענגעבראָכן אין תפיסה-קאַמער — שאַרלאָט
קאָרדיי און די קלויסטער-פאַרוואַלטערין פון מאָנמאָראַנס. עס
דערהייבט זיך נאָך דאָ דער אומזעבאַרער שאָטן פון סעסיל
רענאָלדס שמייכל און מאַדאַם דיבאַריס יאָמער, גאַרנדיק נאָך
אַלץ צום לעבן. די זשיראָנדיסטן, דאַנטאָן, קאַמיל דעמולען,
העבערט, דער אומפאַרגלייכלעכער מאַלהערב און דער אומפאַר-
קויפלעכער ראָבעספּיער האָבן געשפּאַנט איבער דידאָזיקע טרעפּ.

דאָרט, וואו היינט שטייען אין אַ רייע פלאַשן ליקער
און פרוכטגעטראַנקען, האָבן אַ מאָל דעם תּליינס געהילפן אַוועק-
געלייגט די פון די פאַרמשפּטע אַראָפּגעצויגענע קליידער. דאָ האָבן

געוואַרט די קרבנות מיט פאַרבונדענע הענט אויף הינטן אויף דער אומפאַרמיידלעכער צערעמאָניע פונם ברוטאַלן אָפּשערן די האָר, און העלע, שוואַרצע אָדער ווייסע פּאַסמעס האָר זענען אַראָפּגעפאַלן אין דעם פון פריער צוגעגרייטן קאָרב, וואָס איז טאַקע געשטאַנען אויף דעם אָרט, וואו ביי הייַנטיקן טאָג שימערירט אין האַלבטונקל מיט דורכזיכטיקער רויטקייט אַ וואַזאָן בלומען.

מען דאַרף נישט באַזיצן אַזש די פאַנטאַזיע פון מעטראָ-גאָלדווינס רעזשיסער, כּדי פאָרצושטעלן זיך דעם תּלין סאַמסאָן, ווי ער לייענט-פאָר, שטייענדיק אויף זיין וועגעלע, אַן אומענדלעך לאַנגע רשימה פון די פאַראורטיילטע, מיט ערנסט און נעגוויאיקייט, וואָס עס מאַכט פּשוט אַן אויסטערלעשן איינדרוק ביים קלאַנג פון די האַרצרייסנדע געזעגענונגסווערטער און היסטערישן יאָמער פון המון.

דער תּפיסה-אויפזעער רישאַרד זיצט אויף דער באַנק און באַפעלט די וועכטער, זיי זאָלן באַלייכטן דאָס געזיכט פון די פריש-אָנגעקומענע אַרעסטאַנטן, כּדי פעסטצושטעלן, צי זיי זענען עס טאַקע דיזעלבע. דערנאָך פאַרצייכנט ער זייערע נעמען ביי זיך אין ביכל, בלי-ספק מיט דער רואיקייט, וואָס מיט איר ציילט איצט דער קאַסירער — וואָס זיצט אפשר אויף יענעמס אָרט און איז אויך, קען זיין, צו יענעם ענלעך — די קאָנטראָל-זשעטאָנען, וואָס די קעלנערס דערלאַנגען אים, היט די פלאַשען קאָניאַק און רעכנט די צאָל אויסגעטרונקענע גלעזלעך.

דאָ האָט אויך פּאָטן געוואַרט טאָגטעגלעך זיין פריינט. און אויך היינט איז אָט דער פריינט געזעסן, ווי געוויינלעך, אויף זיין באַשטימט אָרט, פאַרנומען מיט לייענען עפּעס אַ מאָדנע געלעכערטן בוך, וואָס אויף אירע בלעטלעך האָט ער געפירט פאַמעלעך זיינע בלאַסע פינגער, וואָס זענען געווען קנאָכיק, ווי באַמבוס-שטעקעלעך.

דער פּרעזעס האָט זיך אַוועקגעזעצט אים אַנטקעגן, האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנטפלאַך און האַרציק זי געדריקט.

— ביסט שוין דאָ? — האָט דער בלינדער געפרעגט מיט

אַ שמייכל, ווענדנדיק ס׳פּנים צו פּאָטן, נאָר, לײדער, נישט אין דער געהעריקער ריכטונג: — ביסט שוין פאַרטיק?

— יאָ, כ׳בין פאַרטיק. וואָס לייענסטו?

— ווירגיילן.

— האָט דען דאָסדאָזיקע בוך באַקומען הײַ־יאָר די גאָנקור־פּרעמיע?

— כ׳לייען בלויז אַלטע ביכער. אַ היינטיק בוך — איז אַ מישמאַש פון דאַטן, פאַקטן, געדאַנקען און נעמען, אַרויס־גענומען פון אַנדערע ביכער און אַ ביסל אַנדערש צוגעפּראַ־וועט. קוים ווערט נאָר אַ בוך אָפּגעדרוקט, קוים ווערט עס נאָר אָוועקגעלייגט אויף די פּאָליצעס — קומט גלייך אָן אַנדערער מחבר און נעמט עס אין האַנט אַריין — כדי אַרויסצונעמען פון דעם עפּעס אַ פאַקט, אַ דאַטע, אַ נאָמען אָדער גאָר פּשוט עפּעס אַ געדאַנק און דאָס צוריכטן אויפן אייגענעם שטייגער צוזאַמען מיט אַנדערע זאַכן, וואָס זענען אַרויסגעקלקחנט גע־וואָרן ווידער פון אַנדערע ביכער. קומט אַזוי אויס, אַז ס׳איז אַלצאיינס, צי מ׳לייענט אַלטע ביכער אָדער נייע ביכער.

דער קעלנער האָט פּאָטן אונטערגערוקט אַ מענו.

— דער הער ריכטער וועט באַווילקן אַ שטיקל אַלפּיש?

— ביטע.

— און דער הער לעווי?

— אָן אַנדער שטיקל פון זעלבן אַאַל — האָט געענט־פערט דער בלינדער.

באַלד האָט ער זיך געווענדט צו פּאַל פּאָטן:

— האָסט זיך נאָך קיינמאָל נישט אַזוי פרי אָפּגעפּאַרטיקט.

— אָדער בעסער געזאָגט: נאָך קיינמאָל נישט אַזוי שפּעט — האָט פּאַט רואיק אָפּגעענטפערט. — כ׳האָב נאָך פרי־ער געדאַרפט מיט דעם מאַכן אַ סוף.

לעווי האָט אויפגעהויבן זיין פּעך־שוואַרצע באָרד; זיינע ברעמען האָבן זיך אויך אויפגעשטעלט איבער די אויסגעלאָשענע אויגן.

דאָס נייעס האָט זיך שוין דערווייל געהאַט צעטראָגן איבערן רעסטאָראַן. די קאָמענטאַרן האָבן פאַרגעשטעלט די פּרטים פון אינצידענט אין אַ ניי ליכט. אַ געריכטסבייזיצער,

וואָס האָט בייגעוואוינט די גאַנצע סצענע, האָט טאַקע געהאַלטן אין שילדערן זי פאַר דריי אַדוואָקאַטן; — נאָר פלוצלינג האָט ער אָפּגעהאַקט, ציענדיק ווייטער דעם פאָדעם פון דער דער־ציילונג אַ ביסל איינגעהאַלטענער און ווייניקער באַריכות, וואָרום ער האָט דערזען, אַז דער העלד פון דער געשעעניש הערט זיך צו צו זיינע רייד.

איינער אַן אַלטער אַדוואָקאַט, וואָס כמעט אַלע האָבן אים געקענט, איז דרייסט צו צום פּרעזעס און אים געדריקט די האַנט. אַ סך האָבן נאָכגעטון דאָסזעלבע. אַ יונגער אַסעסאָר האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך געווענדט צו פּאָטן מיט עפּעס אַ פראַגע. דער אַלטער אַדוואָקאַט האָט אים איבער־געריסן:

— לויט מיין מיינונג, איז עס אין אַ געוויסער מאָס אַ געשמאַקלאָזיקייט צו פאַרנעמען זיך אויף דעמדאָזיקן אָרט מיט סודות פון באַראַטונגסצימער. די געשעעניש, וואָס וועגן איר האַנדלט זיך דאָ, חזרט זיך איבער פון צייט צו צייט: דאָס איז אַ צוזאַמענשטויס פונם געוויסן מיט דער געוויסנלאָ־זיקייט.

פּאָל פּאָט, אַלצאיינס גלייכגילטיק צו די סימפּאַטיע־אויסדרוקן, פונקט ווי צו דער גרויסער פאַראינטערעסירונג, וואָס עס האָט אַרויסגערופן זיין פאַרהאַלטן זיך אין געריכטסזאַל, האָט זיך מיט אינטערעס צוגעקוקט צום קעלנער, וואָס האָט אויסגעלייגט דאָס באַשטעלטע מאכל אויפן טעלער.

פלוצלינג האָט ער זיך געווענדט צום בלינדן:

— גיב אַכטונג! די ביינדלעך זענען דעם פישס געווער, וואָס מיט אים איז ער באַשאָנקען געוואָרן פון דער נאַטור, אַז ער זאָל זיך קענען נוקם זיין נאָכן טויט אָן די מענטשן.

אין רעסטאָראַן האָט זיך באַוויזן איינער פון די באַליי־דיקטע ריכטער — אָט דער, וואָס איז געזעסן אויף דער רעכ־טער זייט פון פּרעזעס — אַן עלטערער פּאַרשוין, וואָס האָט געקייכט אָטעמענדיק, פונקט ווי ער וואָלט נאָר־וואָס מיט איין זופּ אויסגעטרונקען אַ גאַנצע פלאַש וואָרקסערשייר־זאָפט.

— הער פּרעזעס — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט

— זיבעט צען מינוט בין איך שוין מער נישט קיין פּרעזעס.

— הער דאָקטאָר — האָט ער ווייטער גערעדט מיט גרויסער אָנשטרענגונג, שטייענדיק פאַרן טישל מיט ווייט פאַנאַנדערגעשטעלטע פיס, ווי אַ מאַטראָז, וואָס באַמיט זיך צו דערהאַלטן די גלייכגעוויכט, — הער דאָקטאָר, צי ווילט איר אייבערחזרן... אַז... דער אידיאָט, וואָס איז געזעסן אויף דער רעכטער זייט פון אייך — האָט, הייסט עס, געזאָלט זיין איך?!

פּאָט איז געבליבן פאַרגליווערט אין אַ פולשטענדיקער רו.

— אויב איר מיינט דאָ צו מאַכן אַ סקאַנדאַל, וואָלט איך געבעטן, אַז איר זאָלט זיך באַצייטנס אָריענטירן אין דער לאַגע. ס'איז איצט פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג, און נישט פיר ביינאַכט, און די שטיק, וואָס גיבן אייך צו אַ חן אין „שאַטאָקאָקאַזיען", וועלן אייך דאָ נישט פאַרשאַפן קיין כבוד.

דער ריכטער האָט אַרויסגעבראָמט אין העכסטער אויפרעגונג:

— כ'ווייס נישט, וואָס עס האַלט מיך אָפּ פון צו געבן אַ פּאַטש...

— דער פּחד—האָט רואיק אַ שמייכל געטון דער פּרעזעס.

— דער ריכטער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט וואַרפן אויף פּאָטן. ס'זענען באַלד אונטערגעלאָפן אייניקע אַדוואָקאַטן, וועלכע האָבן די צעקריגטע פאַנאַנדערגעגומען און אַרויסגעפירט דעם פון כעס זיך טרייסלענדיקן ריכטער.

דער בלינדער האָט געפרעגט:

— נו, און וואָס וועט זיין איצט?

— איצט? איצט וועל איך בעטן אייניקע מאַנדאַרינקעס—האָט זיך פּאָט געווענדט צום קעלנער.

דער אַלטער אַדוואָקאַט איז ווידער צוגעקומען.

— ס'דערוואַרטן אייך שטאַרקע אומאָנגענעמלעכקייטן...

— אומאָנגענעמלעכקייטן? — האָט פּאָט אַ שמייכל געטון: — ווען איך גיב אויף אַ ווייל אַ טראַכט, אַז דער „מזל-

טלה״ איז פון אונז ווייט 54 ליכט־יאָר — גאָט מײַנער! — וואָס פאַרא ווערט האָט שוין מ׳שטיינס געזאָגט אונזער איי־גענער גורל!...

דער אַלטער אַדוואָקאַט האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער:

— איר זענט נישט געבוירן געוואָרן פאַר אַ ריכטער.

— נאָכן באַלייגן דעם עקזאַמען האָב איך גערן געוואָלט ווערן אַן אַדוואָקאַט. נאָר פונקט האָבן מיר געפעלט די 3000 פראַנק אויף צו קויפן אַ שרייבמאַשין. דערפאַר בין איך גע־וואָרן אַ ריכטער.

דער בלינדער האָט געשוויגן. זיין פריינטס טראַגעדיע איז געווען אַ וואַריאַנט פון זיין אייגענעם שיקזאַל.

ער איז אַמאָל געשטאַנען פאַרן מיליטערישן געריכט אַלס אַמטלעכער פּראָקוראָר: דער גענעראַל האָט אים געגעבן אַ וואונק, אַז ער דאַרף פאָדערן טויטשטראָף. און דער ריכ־טער־קאָמפּלעט האָט נישט דערהערט די שטים פון גערעכטי־קייט, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין די ווערטער פון זעלנער, וואָס האָט פייערלעך פאַרזיכערט, אַז ער איז אומשולדיק.

— וואָס וועט איצט זיין מיט דיר? וועסט איבערגיין צום אַדוואָקאַטנשטאַנד? — האָט לעווי אַ פרעג געטון.

— זיכער וועט מיך קיינער שוין מער נישט זען אויפן געביט פון בלוטיקער נקמה, וואָס ווערט דורכגעפירט אין הסכם מיטן טאַריף.

— אין אייך פאַרלירן מיר אַ גרויסן ריכטער — האָט גע־זאָגט דער אַלטער אַדוואָקאַט אויפשטייענדיק. — אייער טאַט וועט סוף־כל־סוף אייך צוגעבן סימפּאַטיע. איך רעד צו אייך נישט ווי צום פאָרזיצער פון געריכט, נאָר פשוט ווי צו אַ מענטש. מיר טאָרן נישט פאַרלירן דעם פאַרמעג פון ערלעכ־קייט און ערע, וואָס איר שטעלט מיט זיך פאָר. שטייט צו צו אונז. איר וועט ווערן אַ גרויסער אַדוואָקאַט.

— מיינע פריערדיקע קאָלעגן וועלן מיר נישט לאָזן גע־ווינען קיין איין פּראָצעס.

דער אַלטער אַדוואָקאַט איז אַוועק, געזעגענענדיק זיך אויסערגעוויינלעך האַרציק. דער בלינדער האָט לייכט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— קוים רייסט אַ מענטש איבער דעם שווינדלערישן אָפּ־מאַך צווישן אים און דער געזעלשאַפט, ווען די געזעלשאַפט ביי אים אָפּנעמען יעדע מעגלעכקייט פון טעטיקייט און גייס־טיקער אַרבעט.

— — — — — — — — — — — — —

ווען זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס, האָט דער בלינ־דער אינסטינקטיוו געפירט זיין פריינט אויף דער זייט, וואו ס׳שיינט די זון.

זיי זענען געגאַנגען לענג־אויס די גראָע תפיסה־מויער, וואָס האָט געוויזט מיט אַ דעמפּיקער קילקייט, ווי יעדע רע־גירונגס־געביידע.

ווען זיי זענען אַדורכגעגאַנגען דעם מאַרק, האָט דער בלינדער, גייענדיק נעבן קעסטלעך און בלומענטעפּ, דערקענט לויטן ריח די באַזונדערע מינים בלומען און מיט תענוג אויס־גערעכנט זייערע נעמען:

— גלאָקנבלום... ציקלאַמען... ווידער גלאָקנבלום...

אויף קעי דע קאָרס האָבן די הענדלער פאַנאַנדערגע־לייגט אויף בענקלעך קליינע פּעקלעך מיט זאָמען; יעדעס פּעקל איז פון אויבן געווען באַצירט מיט אַ צייכענונג, וואָס שטעלט פאָר די באַטרעפנדע בלום. פּאָל פּאָט האָט ציטירט אַ ווערטל פון קלער גאָל אין איינע פון זיינע דערציילונגען:

— אָט די זאָמען, וואָס ליגן פאַרשפּאַרט אין די פּעקלעך, ווייזן זיך אויס, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף אַ מאָמענט פון עקסטאַז.

— זאָג מיר שוין אַמאָל, ווי דאָס אַלץ איז געשען — האָט זיך אָנגערופן דער בלינדער.

— גאָר פּשוט. עס האָט זיך אין דאָזיקן פּראָצעס גע־האַנדלט וועגן אַ געוויסע פרוי, אַ פּויערטע, וואָס איז אָנגע־קלאָגט געוואָרן פאַר גניבה און פאַר פאַרשאַפן זיך אַ פאַרמעגן אויף אַן אומערלעכן אופן. זי האָט געוואוינט אויפן דאָרף, האָט פאַרמאָגט הונדערט טויזנט פראַנק. עפּעס אַ שיינער יונגערמאַן האָט זי אָנגערעדט, זי זאָל זיך באַזעצן אין פּאַריז, זאָל דאָרט דינגען אַ דירה און אים אויסהאַלטן ביי זיך עטלעכע חדשים. ווי נאָר ס׳ביסל געלט האָט זיך אויסגעשעפּט — איז ער אַנט־

לאָפּן, און דערצו נאָך נישט אַליין, נאָר מיט די סאַקסאָפאָ־ניסטין פֿון באַר „אַמפּיר“. דעמאָלט האָט דאָס מיידל אַרויס־פֿאַרקויפֿט, כדי צו האָבן אויף חיונה, דאָס גאַנצע מעבל, וואָס איר געליבטער האָט געהאַט געקויפֿט פֿאַר איר געלט. אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן פֿאַלט דעם יונגנמאַן איין צוריקצוקומען. דאָס מיידל, פֿאַרשטייט זיך, שיקט אים צום טייוול. ער בלייבט אָבער וואוינען ביי איר. דעמאָלט נעמט זי ביי אים צו זיין זייגערל, וואָס זי האָט אים אַמאָל געשענקט. גייט דער בחור אַוועק צו אַן אַדוואָקאַט, וועלכער ראַט אים צו פֿאַרפֿירן קעגן איר אַ פּראָצעס. נו, און אָט האָסטו דיר אַ וויכטיקן פּראָצעס. דער בחור, שוין איינמאָל אַ פּוילער יונג, האָט קיינמאָל קיין גראָשן נישט פֿאַרדינט — און ס׳מיידל האָט איר אייגנס אַ הונדערט טויזנט, און אַן אַרבעטזאַמע. אָבער דער חברהמאַן האָט קוויטונגען אויפֿן מעבל און אויפֿן זייגערל און טענהט, אַז אַלע זאַכן זענען פֿאַר זיין געלט געקויפֿט געוואָרן. דער פּראָקוראָר, אַן אינטעליגענט בחורל, רעדט אַרום נישט דרייסט די באַשולדיקונג, מאַכט צונישט די טענות פֿון ציווילמאָנער און פֿאָדערט אַ באַפֿרייאונגס־אורטייל צוליב מאַנגל אין באַווייזן. מיר האָבן שטילערהייט געשמועסט אין דער צייט פֿון דער פֿאַרהאַנדלונג. איך זע, ווי די ביידע ריכטער זיצן אומאויפֿ־מערקזאַם און צעטראָגן — טראַכטן גאָר וועגן עפּעס אַנדערש אויף דער סעסיע; ענדלעך גייט דאָס געריכט אַוועק אויף אַ באַראַטונג. דער יונגערער ריכטער איז פֿאַר פֿאַראורטיילן, דער צווייטער דאָסגלייכן. איך באַמי זיך זיי איבערצוצייגן. זיי שפּאַרן זיך איין און האַלטן זיך פֿעסט ביי זייער מיינונג, דער־פֿאַר, וואָס די קוויטלעך אויפֿן מעבל און אויפֿן זייגערל זענען אויסגעשטעלט אויף אַן אַנדערנס נאָמען, און נישט אויפֿן נאָ־מען פֿון דער אָנגעקלאָגטער. מיר האָבן זיך געאַמפּערט גאַנצע צוויי שעה צייט. מיין שטים איז דורכגעפֿאַלן. זיי האָבן דער פּרוי אַריינגעפּאַקט דריי יאָר תּפֿיסה.

זיי זענען געגאַנגען איבער דער פּאָן־נעיוו, אַ הענג־בריק איבער דער סען. די פֿאַרגייענדיקע זון האָט באַשיינט מיט די לעצטע שטראַלן די פֿענסטער פֿון גראָען לוּוור. פּאָל פּאַט האָט פֿאַרגעזעצט זיין דערציילן:

— אין פאַרגאַנגענעם חודש האָבן דיזעלבע ריכטער געוואָלט פאַרמשפּטן אַ מענטש, וואָס האָט געשמוגלט אַ שאַכטל ציגאַרן. דערדאָזיקער ענין איז איבערגעשיקט געוואָרן פון האַוור קיין פּאַריז, — כ'ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. אַזוי האָבן די ריכטער פאַרלאַנגט, פאַרשטייט זיך — אַחוץ דער שטראָף, — אַז מ'זאָל קאָנפיסקירן די זאַך, וואָס מיט איר הילף איז אַדורכגעפירט געוואָרן דער שמוגל. ווייסט, וואָס פאַר אַ זאַך דאָס איז געווען? אַ גרויסע, טראַנסאַטלאַנטישע שיף. כ'האָב מיט זיי געקעמפט פאַרביטערט, ווענדיק זיי איבערצייגן, אַז ס'וואָלט געווען רעכטפערטיקער צו פאַרטושן דעמדאָזיקן גאַנצן ענין, איידער אַרויפצולייגן אַ סעקוועסטער אויף אַ שיף צוליב אַ שאַכטל ציגאַרן. פאַרשטייט נאָר: אַ שיף, וואָס אויף איר געפינט זיך: איין קאַפּיטאַן, צוואַנציק אָפיצירן, אַכצן מאַשיניסטן, פיראונגצוואַנציק הייצער, צוויי באַאַמטע, צוויי דאָקטוירים, פונפאונגצוואַנציק קעלנערס, דריי קעכערס, פערציק מאַטראָזען א. אַ. וו., א. אַ. וו., וועלכע וואָלטן צוליבן דאָזיקן אורטייל געמוזט פאַרלירן זייערע פּאָסטנס.

ביידע פריינט האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויז, וואו ס'האָט געוואוינט דער בלינדער. לעווי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן טויער.

— פונדעסטוועגן קען מען נישט אַזוי איילנדיק, אָן אַ יושב־הדעת, באַאורטיילן דידאָזיקע מענטשען. אין פראַנקרייך ווערן די ריכטער אַזוי נידעריק באַלוינט, און זיי מוזן דאָך אורטיילן וועגן ריזיקע סומען — מוזן אויסהערן די פּאַפּלעַרייען פון עפּעס דאָרט אַ רעכטספאַרדרייער, וואָס האָט זיין „אַנגאַזשמענט" צו פאַרדאַנקען די סקאַנדאַלן און וואָס מאַכט אין איין טאָג מער געלט, ווי זיי זאַמלען זיך אָן אין משך פון אַ יאָר דורך קאָרגשאַפט.

פּאָט האָט געזאָגט אין אַן אויפגערעגטן טאָן:

— די באַנקקאָסירער פאַרדינען נאָך ווייניקער! און דורך זייערע הענט פליסן דאָך דורך מיליאַרדן.

— אמת טאַקע. אָבער גיב נאָר אַ טראַכט וועגן דעם אַנדערן פון די ביידע ריכטער — ער איז אינדערמאמתן אַ גרויסער קבצן. די זין צופּן פון אים, דער ווירט מאָנט דירה־געלט,

דער שפּייזקרעמער וויל נישט געבן אויף באָרג, די וועקסלען גייען צום פּראָטעסט. ווען דידאָזיקע לייט וואָלטן בעסער באַ־לוינט געוואָרן, וואָלטן זיי געקענט מיט מער רואיקייט אַדורכ־קוקן די אַקטן — און מעגלעך, אַז דעמאָלט...

— ... דעמאָלט וואָלטן זיי זיך פאַרנומען מיט די גע־ריכטס-ענינים פּונקט אַזוי פלייסיק, ווי דער צווייטער ריכטער, וואָס האָט שוין נישט די דאגות פון אַ פאָטער, און דאָך גע־פינט ער נישט קיין צייט אויף אַדורכצוקוקן די אַקטן, ווייל נאַכט ביי נאַכט הוליעט ער אויפן מאָנמאַרטר.

אויף דער גאַס האָבן זיך דערהערט די אויסגעשרייען פון די צייטונגספאַרקויפער:

— „לא ווי די פעיפל”! אַ סקאַנדאַל אין יוסטיץ-פאַלאַץ!— „ל'אינטראַן”! אַ ריכטער האָט באַליידיקט אַ קאָלעגע בעת אַ גע־ריכטספאַרהאַנדלונג!

שמואל לעוויס אַ שכן איז צוגעקומען מיט אַ צייטונג אין דער האַנט:

— הער לעווי! איר קענט דעם ריכטער, וואָס איז משוגע געוואָרן בעת אַ סעסיע אין געריכט?

— ניין.

פאָל פאָט האָט געדריקט די האַנט פון בלינדן:

— זיי געזונט, כ'וועל דיר שרייבן.

— — — — — — — — — — — — —

פּרעזעס פאָט האָט געוואוינט נישט ווייט פונדאַנען. ער האָט געהאַט חשק צו גיין אַהיים צופוס, דורך דער שענסטער גאַס אויף דער גאַנצער וועלט, פאַרביי די הערלעכע קליידער־מאַגאַזינען און אומשאַצבאַרע יובילער-געשעפטן, אַדורכשניידנ־דיק דעם עלעגאַנטן „פלאַס-וואַנדאָם” און פאַרבייגייענדיק דעם פּראַכט פון דער אָפּערע. דאָס אַלץ צוזאַמען מאַכט דעם איינ־דרוק, ווי ס'וואָלט געווען אַ מוזיי פון דער מענטשלעכער נאַרי־שער גאווה, וואָס האָט פאַר די מענטשן „פון דער געזעל־שאַפט” געהאַט פּונקט אַזאַ ווערט, ווי דער לוווּר פאַרן קונסט־היסטאָריקער. נאָר ס'האָט זיך פאָטן אויסגעוויזן, אַז די צײַ־טונגספאַרקויפער פאַרפאָלגן אים מיט זייער געשריי:

— גאָט! — האָט ער אַ טראַכט געטון — וויפל צייטונגען ס׳גייען דאָס אַרויס אין פּאַריז!...

און אַזוי ווי די יינגלעך האָבן כּסדר אויסגערופן זיין אייגענעם טאָט, איז פּאָטן געוואָרן אומהיימלעך. ער איז אַלזוי אַריינגעשפּרונגען אין אַ טאַקסע־אויטאָ און האָט זיך פּאַררוקט אין אַ ווינקל. ביים קרייצן זיך פון די גאַסן האָט זיך דער אויטאָ פאַרהאַלטן צווישן צוויי רייען אויטאָמאָבילן.

— „לע סואַר״! אַ פּלוצלינגער שגעון־אַטאַק אין געריכטס־זאַל! — האָט געוואַלטעוועט אַ צייטונגספאַרקויפער, אַריינרוקנדיק אַ צייטונג דורכן אויטאָ־פענסטערל. אויף דער ערשטער זייט האָט פאַרנומען אַ גאַר אַנגעזעען אָרט דאָס בילד פון פּרעזעס פּאָט, אַנגעטון אין דער טאָגע און דעם באַרעט אויפן קאָפּ.

דער אויטאָ איז געלאָפן דורך די אויסערלעכע בולוואַרן. פּלוצלינג האָט ער זיך פאַרהאַלטן.

פּאָט איז אויסגעשטיגן פון דעם אויטאָ און באַצאָלט פאַרן קורס, נישט קוקנדיק אויפן טאַקסאָמעטער.

— הער פּרעזעס! — האָט די דינסט אויסגערופן אויף די שטיגן, לויפנדיק גיך — זאָל דער הער זיך איילן, ס׳וואַרט אַ גרויסער עולם!

די אַלטע שטובווירטין האָט אים מודיע געווען נאָך אויף דער שוועל:

— אַכט פּערזאָן וואַרטן אויפן הער.
— וואָס פאַרלאַנגען זיי?
— זיי וויקן רעדן מיטן הער.
— מילא.

פּאָט איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין.

דער וואַרטצימער איז געווען אַזוי ענג, אַז די אַלטע האָט געמוזט אַריינפירן אַ טייל פון די געסט אין קאַבינעט אַריין, און צוויי פון זיי האָט זי אַפילו אַריינגעפירט אין עסצימער אַריין. דער ציל פון דאָזיקן וויזיט איז פאַר פּאָטן גלייך קלאָר געוואָרן: דאָס זענען געווען די רעפּאָרטערן פון די גרעסערע פּאַריזער צייטונגען, וועלכע זענען געקומען בעטן אַן אינטערוויו.

אין דעם מאָמענט, ווען איינער פון די רעפּאָרטערן האָט דערלאַנגט פּאַטן זיין וויזיטקאַרטע, האָט מאַגנעזיע-ליכט אַ באַלייכט געטון דעם צימער מיט אַ העלן בליץ. אַ יונגערמאַן מיט אַן אַרטיסטיש בערדל האָט אַ צי געטון פאַרן שנירל פון פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט — און האָט באַדאַנקט דעם באַלעבאָס, אַ נייג טוענדיק זיך העפלעך.

די שטובווירטין, אַן איבערגעשראָקענע פון די ווייסע מאַגנעזיע-בליצן, האָט זיך אומזיכער דערנענטערט צו פּאַטן:

— זייט אַזוי גוט, די צוויי הערן, וואָס וואַרטן אין עס-צימער, איילן זיך זייער, זיי האָבן אייך צו זאָגן בלויז אַ פּאָר ווערטער.

— מיר איילן זיך אויך זייער — האָט איינער פון די זשורנאַליסטן זיך אָנגערופן אין נאָמען פון זיינע קאָלעגן — מיר האָבן נאָך העכסטנס צען מינוט צייט...

— אָבער איך נעם זיך נישט אונטער צו געבן קיין שום דערקלערונגען — האָט פּאַט פּראָטעסטירט.

די צוויי הערן, אָנגעטון אין שוואַרצן זענען אַרויסגעקומען פון עסצימער און געשטאַנען שווייגנדיק, כּדי דערמיט אונטערצושטרייכן, ווי שטאַרק זיי איילן זיך

דער פּרעזעס האָט איבערגעבעטן אויף אַ ווייל די רעפּאָרטערן, כּדי אַדורכצושמועסן זיך מיט די צוויי איילנדיקע געסט.

נאָך אַ קורצן געשפּרעך האָט איינער פון די ביידע הערן זיך אַ נייג געטון מיט פיינע מאַניערן פון אַ סאַלאָן-מענטש.

— אַלזוי אין אַ שעה אַרום...

—מסכּים — האָט פּאַט געענטפערט, פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר.

באַלד האָט ער זיך אומגעקערט צו די זשורנאַליסטן:

— איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז...

ער האָט אָפּגעהאַקט, ווייל ס'האָט ווידער אַ בליץ געטון די מאַגנעזיע.

— איך חזר איבער, אַז כ'האָב לגמרי נישט וואָס צו זאָגן. כ'האָב אָפּגעגעבן אַ ביטע וועגן מיין דעמיסיע פון אַמט אַלס פּרעזעס אין העכסטן טריבונאַל. איך פאָר אַוועק, כּדי ווי-

דער צו ווערן דערזעלבער, וואָס כ'בין פריער געווען, דאָס הייסט, אַ פּריוואַט-מענטש. כ'בין געבוירן געוואָרן מיט פינפאונדרייסיק יאָר צוריק. אין מיין גאַנצן לעבנסלויף געפין איך נישט עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל פאַראינטערעסירן פון זשורנאַליסטישן שטאַנדפּונקט. מיין געבוירן ווערן איז נישט פאָרגעקומען נאָך אַ פריערדיקן אָנזאָג דורכן באַווייזן זיך — ווי פאַר קריסטוס אָדער נאַפּאָלעאָנס געבוירן ווערן — פון עפּעס אַ קאָמעט. כ'האָב נישט קיין פרוי, ווייל כ'האָב זי נאָך ביז איצט נישט געפונען. כ'האָב נישט קיין פריינט, ווייל איך באַטראַכט פריינטשאַפט בלויז ווי וואָפנשטילשטאַנד, ווי אַ טויטן פּונקט אין סאָציאַלן קאַמף. ס'איז מיר זייער נאָענט צום האַרצן אַ געוויסער בלינדער, אַ ריכטער פון פאַך. אַמאָל האָט מען פון אים געפאָדערט, ער זאָל פאָדערן טויטשטראָף, אָבער נאָכן אויספירן די עקזעקוציע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאַרמשפּטער איז געווען אומשולדיק. ווען מיין פריינט האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין שלייף. די קויל האָט אים איבערגעהאַקט דעם ראיה-נערוו, און אָנשטאָט דעם טויטשטראָף, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעקליבן, האָט ער זיך פאַראורטיילט אויף אַ נאָך מער שווערן גורל: ער איז בלינד געוואָרן.

— אַן אַנדער ריכטער אויף זיין אָרט וואָלט זיך זיכער געטראַכט: אַלס מענטש פאַרשאַפט מיר אַ טויט-אורטייל אַ שרעקלעכן האַרץ-ווייטיק, אָבער אַלס באַאַמטער בין איך ביי זיך שטאַרק צופרידן, וואָס מיין פאָרשלאַג איז דורכגעגאַנגען. כ'וועל נישט לייקענען, אַז דערדאָזיקער מענטש האָט געהאַט אויף מיר אַ געוויסע השפעה. — איך האָב ליב זיך צו פאַרטיפן אין די ביכער פון די גרויסע מאַטעמאַטיקער, — אַ זייער פרוכטבאַרע באַשעפטיקונג פאַרן מענשלעכן אינטעלעקט. כ'שטאַם פון אַן אַלטער פאַראָרעמטער אַדל-פאַמיליע, וואו, לויט דער טראַדיציע, איז דער ערשטער זון געוואָרן אַ זעלנער, דער צווייטער ווידער — אַ באַאַמטער; איינע פון די טעכטער האָט חתונה געהאַט, און די צווייטע איז אַריינגעטרעטן אין אַ קלויסטער. כדי נישט עובר צו זיין אויף דער טראַדיציע, האָב איך זיך גענומען שטודירן יוריספּרודענץ, הערנדיק גלייכצייטיק

לעקציעס איבער פילאָזאָפיע. נאָר כ׳האָב זיך גאָר בייצייטנס אָריענטירט, אַז די פילאָזאָפיע איז גיכער אַ שטערונג פאַר דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. אין אַ געוויסער מאָס צוליב קעגנגעוויכט, האָב איך זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט מעכאַניק. כ׳האָב דערפינדן אַ געוויסן פאַרהיטונגס-אַפּאַראַט פאַר די טראַמווייען. אפשר צוואָנציק פאַכמענער האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז דער אַפּאַראַט גיט זיך אויסגעצייכנט איין צו ווערן באַנוצט ווי אַ פאַרהיטונגס-מיטל. האָב איך אַזוי פאָרגעשטעלט דעם פּראָיעקט דער פאַרוואַלטונג פון די שטאָטישע טראַמווייען. אַז די הערן פון דער פאַרוואַלטונג האָבן גענוי אַדורכגעקוקט די צייכענונגען, דעם מאָדעל און דעם מעכאַניזם, האָבן זיי מיר דערקלערט, אַז מיין פּראָיעקט איז פון טעכנישן ווי פון טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט אויסגעצייכנט, אָבער — שוין נישט רעכענענדיק די הוצאות פון דער אינסטאַלאַציע — דאַרף די איינריכטונג און אויסהאַלטונג פון דאָזיקן אַפּאַראַט קאָסטן אַן ערך אַ האַלבן מיליאָן יערלעך.

— מיר קענען אַזוי נישט — האָבן מיר דידאָזיקע הערן געגעבן צו פאַרשטיין — אויסגעבן אַ האַלבן מיליאָן אויף צו פאַרהיטן פון פאַרפאַלן, ווייל די קאָנטראַקטן, וואָס מיר האָבן געשלאָסן מיט דער פאַרזיכערונגסגעזעלשאַפט זעען-פאָר דורכשניטלעך אַרום צען טויטפאַלן און פופציק פאַרוואונדונגס פאַלן יערלעך, וואָס אין ציפערן דריקט זיך עס אויס אין אַ סומע פון צוויי הונדערט און פופציק טויזנט פראַנק. דאָס ווייזט אייך אַזוי, אַז דער טויט פון די פּאַסאַזשירן קאָסט אונז אויף אַ העלפט ביליקער, ווי דאָס פאַרזיכערן זיי ס׳לעבן.

— דערווייל — האָט נאָך אַ רגע שווייגן פאָרגעזעצט פאָל פאָט — האָב איך באַלייגט דעם עקזאַמען. איך האָב גערן געוואָלט ווערן אַ מענטש פון טאַט, נאָר כ׳האָב באַמערקט, אַז די מענטשן פון טאַט אַפּעלירן דערעיקרשט צו די נידעריקסטע אינסטינקטן פון זייערע נאָענטע. דער שטראָף-קאָדעקס, למשל, פאַרזיכערט די געזעלשאַפטלעכער אומבאַשטראָפטקייט, אויב זיי וועלן אויסגעבן זייערע מיטשולדיקע. דאָס איז ווי אַ שטייגער אַ פּרעמיע פאַר פאַרראַט. די געזעלשאַפט, ווען זי וויל זיך פאַרטיידיקן, שטעלט זיך נישט אָפּ אַפילו פאַר צורעדן צו

מסירה. כ׳וואָלט גערן געוואָלט ווערן אַן אַדוואָקאַט — כ׳האָב געפיקט אין זיך אַ נייגונג צו פאַרטיידיקן אַלמנות און יתומים— אָבער איך בין געווען אָרעם און האָב נישט געקענט אָפּלייגן אויף ווייטער — בין איך אַלזוי געוואָרן אַ ריכטער. מ׳האָט מיך נישט איינמאָל פאַרבעטן, אָנטייל צו נעמען אין דער טעטיקייט פון פילאַנטראָפּישע קאָמיטעטן. בלי-ספק וואָלט פילאַנטראָפּיע געווען אַ הייליקע זאַך, ווען נישט אָט די קאָמיטעטן, וועלכע מאַכן פון דעם אַ קאָמעדיע. ווי איר זעט, וואוין איך אין דערדאָזיקער באַשיידענער דירה, און כ׳שעם זיך נישט צו זאָגן, אַז פון שטאַנדפּונקט פון מיין נעבעכדיקער עקזיסטענץ באַוואונדער איך די מענטשן פון היינטיקן דור, וועלכע פאַרברענגען זייער לעבן מיט שפּילן אין קאָרטן אָדער באַשליסן זיך אויף אַזאַ העראָאיזם, ווי קויפן פאַר די לעצטע צוואָנציק פראַנק אָרכידייען פאַר דער געליבטער. די פרייע צייט פון זיצונגען און פון איבערקוקן די אַקטן גיב איך אָפּ אויף הערן פילאָזאָפישע לעקציעס אין דער סאָרבאָנע. איך לייען נישט קיין פּאָעזיע, ווייל איך לייד נישט קיין פאַרנעפּלטקייט — דערפאַר אָבער שעץ איך זייער די פיינע אַקראָבאַטיק, וואָס מ׳קען מאַכן אויפן שטענגל פון דער מאַטעמאַטיק. די פילאָזאָפישע שטודיען האָבן מיר נישט פאַרשאַפט קיין סימפּאַטיע מצד מיינע פאָרגעזעצטע. יעדע אָנשטרענגונג אַרויסצוהייבן זיך איבער דער מיטלמעסיקייט איז תמיד פאַרדעכטיקט. איך פאַרער פראַנקרייך — הגם אַליין שטאַם איך פון גריכן. איך פאַרער פראַנקרייך פאַר איר גייסט, — אָט דאָס וואונדערלעכע לאַנד, וואו אַזעלכע שרייבער, ווי: טריסטאַן, בערנאַר, לואי ווערנייל, זשאַן סארמען, מאָריס ראָסטאַן—זשענירן זיך נישט אַרויסצוטרעטן אַלס רעציטאַטאָרן; וואו אַזאַ דיכטער, ווי רענע פאָשוואַ, נאָכדעם אַז ער האָט שוין אָנגעשריבן זיין אויסגעצייכנט ווערק „בעטהאָווענס לעבן״, זינגט קופּלעטן אַלס קלאָאון מיט אַ צוגעקלעפּטער נאָז אין קליינעם טעאַטער אויף מאָנמארטר. איך פאַרער דאָסדאָזיקע אינטעלעקטועלע לאַנד, וואו אין אַלע מוזיק-האָלן חוזקט מען אָפּ פון די גענעראַלן, וועלכע האָבן געוואונען די שלאַכט ביי דער מאַרנע.

— איך באַוואונדער די פאַריזער, אָט די כלומרשטע

סקעפּטיקער, אָבער אינדעראמתן טרוימער, וואָס זענען אייביק פֿאַרכאַפּט מיט אַן אומזעטיקער אַנטציקונג. אין משך פֿון אַ האַלבשעהדיקן געשפּרעך מיט אַ פֿאַריזער מיט אַ דורכשניטלע־כער אינטעליגענץ און קולטור, הערט מען פֿון אים אַט אַזעל־כע אויסרופֿן און סופּערלאַטיוון: הערלעך, רייצנד, וואונדער־לעך, אַנטציקנד, אויסערגעוויינלעך א. אַז. וו.

כ׳בין אַנטציקט פֿון פּאַריז ביינאַכט: פּיגאַל־פּלאַץ, אָפּערע־פּלאַץ, דער האָסמאַן־בולוואַר, דאָרט וואו ער קרייצט זיך מיטן איטאַליענישן בולוואַר — דאָס איז דאָך אַ טאַנץ אַרום דעם בבל־טורעם, אינסצעניזירט פֿון דער פֿאַנטאַזיע פֿון אַ כאָרעאָ־גראַף. שאָסע שימערירט מיטן ווייסן ליכט, וואָס פֿאַלט אַריין אין פּיאָלעט; און מיט אַ פֿיילכן־ניואַנס בליצן־אויף מיט אַ גריני־לעכן פֿלאַם די רעפֿלעקטאָרן פֿון די אויטאָס. דאָס איז דאָס פּרעכטיקסטע פֿייערווערק, נאָר אָן דעם פֿאַרטויבנדיקן הילך פֿון די ראַקעטן.

אַ קלונג ביי דער טיר. די שטובווירטין איז באַלד אַריינ־געקומען אין צימער.

— דאָס איז פֿאַרן הער! — און האָט דערלאַנגט פּאָטן אַ בינטל רויטע רויזן.

— ווער האָט דאָס מיר געשיקט?

— כ׳ווייס נישט. ס׳איז געווען ביי׳געלייגט בלויז אַן אַדרעס: פֿאַרן ריכטער פּאָל פּאָט.

דער באַלעבאָס האָט פֿאַרענדיקט, ווענדנדיק זיך צו די רעפּאָרטערן:

— ווי איר זעט, איז קיין שום באַזונדערס אינטערעסאַנטע געשעעניש נישט פֿאַרגעקומען אין מיין לעבן.

די רעפּאָרטערן האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון זייערע ער־טער. פּאָט האָט זיי באַגלייט ביז צו דער טיר.

הינטערן פֿענסטער איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט.

פּאָל פּאָט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפֿן באַלקאָן, אָנ־שפּאַרנדיק זיך אָן דער באַריערע. פּאַריז האָט זיך געגרייט צום נאַכט־שגעון. דער הימל אויף מערב־זייט האָט זיך באַ־דעקט מיט אַ ראָזן שלייער.

— ווידער זענען געקומען צוויי מענער.

פּאַט האָט אַ שמייכל געטון — אַ ביסל אויס לאַנגווייליי־קייט, אַ ביסל אויס מיטגעפיל.

— אַז ס׳געפינען זיך מענטשן — האָט ער ביי זיך גע־טראַכט, — וואָס זענען יעדע מינוט גרייט צו שלאָגן זיך, פאַרשטיי איך נאָך; אָבער אַז ס׳געפינען זיך נאָך צוויי פאַר־שוינען, וואָס זענען גרייט צו ווערן סעקונדאַנטן — דאָס קען איך שוין גאָרנישט באַגרייפן.

— איר קענט זיי אַריינבעטן — האָט ער געזאָגט צו דער אַלטער.

די צוויי הערן זענען אַריינגעקומען מיט איבערגעטרי־בענער ווירדע.

— איר זענט, הייסט עס, מיינע הערן, די סעקונדאַנטן מצד דעם ריכטער דע סעגאָנזאַק, וועלכער פאָדערט אַן ערן־סאַטיספאַקציע לויט די ריטערלעכע זיטן? איר פאַרלאַנגט, מיי־נע הערן, אַז אויך איך זאָל פון מיין זייט באַשטימען צוויי פריינט פאַר סעקונדאַנטן? ליידער האָב איך נישט קיין פריינט. ביטע, קומט נענטער.

פּאַט האָט זיי אַריינגעבעטן אין קאַבינעט אַריין. האַלטנ־דיק אין דער האַנט זייערע וויזיטקאַרטן, האָט ער אויפמערק־זאַם באַטראַכט די געזיכטער פון די צוויי מענער.

די שטובווירטין האָט געמאָלדן, אַז ס׳זענען געקומען נאָך צוויי מענער.

— נאָך צוויי? ביטע, זעצט זיך — האָט ער זיך גע־ווענדעט צו די געסט; — אַנטשולדיקט מיר אויף אַ מינוט.

אין עסצימער האָבן געוואַרט די אַנדערע צוויי.

— צי האָבן מיר דעם כבוד צו רעדן מיטן הער ריכ־טער פּאַט? מיר זענען געקומען בעטן אַן ערן־סאַטיספאַקציע אין נאָמען פון ריכטער גרענעל און אויך וועגן דעם, אַז איר זאָלט אָנגעבן די סעקונדאַנטן פון אייער זייט.

פּאַל פּאַט האָט אַ שמייכל געטון. נישט בחנם האָט ער פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט אין די אָקאָפּעס.

— איר, מיינע הערן, פאַרלאַנגט, אַז כ׳זאָל אייך פאַר־שטעלן די סעקונדאַנטן? האָט אַ רגע געדויערט.

ווען די פיר הערן האָבן זיך געפונען אין איין צימער, האָט זיי פּאָט פאָרגעשטעלט:

— די הערן וועלן דערלויבן...

און ווענדנדיק זיך צום צווייטן צד:

— אַז כ'זאָל זיי פאָרשטעלן...

נאָך עטלעכע צערעמאָניאַלע באַגריסונגען, האָט איינער פון די סעקונדאַנטן דערקלערט:

— אייגנטלעך האָבן מיר אייך, הער ריכטער, שוין מער גאָרנישט וואָס צו זאָגן. דאָס ווייטערדיקע געהערט שוין צו אונזער קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג. אַנטקעגנאיבער געפינט זיך פונקט אַ שטילע קאַוויאַרניע.

ווידער אַ סעריע באַגריסונגען. אַלע פיר האָבן זיך געלאָזט אַראָפּגיין פון די טרעפּ אָנגעבלאָזענע, מיט פייערלעכע מינעס — צוויי פאָראויס, צוויי פון הינטן, פונקט ווי זיי וואָלטן געטראָגן אַ טרומנע אויף די אַקסלען.

פּאָט האָט פאַרמאַכט די טיר און אָנגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן. דאָס איז געווען די פּליטע:

„Vous avez oublié ça dans un taxi, Madame”*)

פּאָט האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דעם ספּיראַלן קרייז, וואָס עס האָט געמאַכט די נאָדל אויף דער פּליטע, און האָט אויסגעקלאַפּט דעם טאַקט מיט די פינגער, מיט די קנאַפּל און מיט דער בלייפעדער אויף דער שויב.

די אַלטע, שווייגנדיקע שטובווירטין האָט אויסגעדריקט איר אומצופרידנקייט צוליב דעם, וואָס עס האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט אין שטוב אַזויפיל געהיימנישפולע מענטשן און געהאַלטן אין איין אַריין און אַרויסגיין, דורך קלאַפּן מיט די טירלעך פון קרעדענס און דורך וואַרפן מיט קיכגעשיר. און דעם אומדערהערטן עפּיזאָד מיטן בינטל רויזן האָט זי באַטראַכט פאַרן קולמינאַציע-פונקט פון שטורמישן נאָכמיטאָג.

פּאָל איז אַריין אין קיך, און, וועלנדיק באַרואיקן די אַלטע, האָט ער איר געקלאַפּט גוטמוטיק איבערן אַקסל, דערנאָך האָט ער גענומען פון טיש אַ שטיקל ברויט און איז אַרויס אויפן באַלקאָן.

*) איר האָט עס פאַרגעסן אין טאַקסע-אויטאָ, מאַדאַם.

אַ מחנה שפּערלינגען האָט געשוויטשערט אונטער דער דאַכרינע. פּאָל האָט זיי גענומען אָנרופן יעדן ביים נאָמען:

— בערגסאָן, איינשטיין, פּאַסטער, מיעטשניקאָוו!

ער האָט זיך אויסגעלערנט וואַרפן זיי ברעקלעך, נישט־רירנדיק זיך פון אָרט, כמעט מיט אַ פאַרשטייפטער האַנטפלאַך.

די פייגעלעך האָבן זיך דערנענטערט מיט צוטרוי.

— וואָלטער, רוסאָ, לאָרענץ, פלאַמאַריאָן...

ס'זענען אונטערגעפלויגן פרישע געסט.

— ספּינאָזע, קלער גאָל, קאָלעט, סאַשאַ...

די פייגעלעך האָבן געפּיקט די ברעקלעך, פאַרלאַנגענדיק גיריק נאָך שפּייז. פּאָל האָט זיי אויסגעצייכנט געקענט און האָט געהאוסט אונטערצושיידן איינס פון צווייטן. אַלעקסאַנדער דיומא, למשל, איז אַדורכגעפלויגן האַרט ביי זיין אַקסל, נאָר האָט נישט געוואָגט אָפּצושטעלן זיך. דאַקעגן שומאַן, דער באַצויבערנדיקער שומאַן, האָט דרייסט אַרויסגעפּיקט ברעקלעך פון זיין האַנט.

— שומאַן! — האָט פּאָל אַ רוף געטון.

דער שפּערלינג האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער מחנה, איז אים אַראָפּגעפלויגן אויפן אַקסל און דערנאָך אויף דער האַנטפלאַך.

פּאָל האָט מורא געהאַט אַ ריר צו טון זיך, כדי נישט איבערצושרעקן דעם קליינעם גאַסט. ער איז דערפאַר געשטאַנען שטייף. ווי אַ סטאַטוע, און ווען ס'פייגעלע האָט געפּיקט דאָס ברויט פון זיין האַנט, האָט ער געשעפּטשעט ווייך, צערטלעך:

— שומאַן...

— — — — — — — — — — — — —

דאָס בינטל רויזן האָט אים טאַקע צוגעשיקט פרײַלן שומאַן.

— שטעלט אַריין די רויזן אין וואַסער אַריין — האָט פּאָל פאַראָרדנט דער אַלטער.

— האָט שוין עמעצער אַזוינס געזען! — האָט געוואָרטשעט די אַלטע: — מ'זאָל אַזוי שפּעט נישט לאָזן פייגעלעך שלאָפן!... זאָל דער הער צוגיין צום טיש. שוין געגרייט.

פּאָל האָט אָפּגעגעסן און איז אַרויס אין גאַס אַריין.

בולוואַר ראַשפּאַר און בולוואַר דע קלישי זענען געווען איבערגעפּילט, אַזויווי שטענדיק, מיט צעהוליעטער אַוונט־לוסטיקייט. דער ריח פון געבראָטענע ניסלעך, געברענטן צוקער, טערקישן האָניק, צוזאַמען מיטן ריח פון גאַז, — האָט זיך געטראָגן לענגאויס דער גאַס פון ביידע זייטן בודעס. אַ טרוקענער קנאַל פון די שיס־בודעס, דער רעש פון די אַזאַרד־שפּילער, דער געפּליסטער פון דער אַרומקרייזנדיקער רולעטע, און די באַמבאַסטישע, לאָקנדיקע אויסגעשרייען פון די רופער — האָבן געשאַפן אַן אומדערטרעגלעכן טומל. פּאָל פּאָט איז אַנטלאָפן פאַר די אייגענע געדאַנקען, דערעיקר אָבער פאַרן געדאַנק: פונוואַנען וועט ער אייגנטלעך פון מאָרגן אָן נעמען אויף צו לעבן? אין שטוב האָט ער נאָך געהאַט ליגן אין אַ שאַכטל פון פּיגולן דעם לעצטן טויזנטפראַנק־באַנקנאָט, פאָרזיכטיק איינגעלייגט אין פּירן.

אויף איינעם פון די דעכער האָט געפינקלט אַ ליכטצייטונג. די פלאַטערנדיקע, פלאַמענדיקע אותיות האָבן אַרויסגעשוועבט פון דער שוואַרצער טיפעניש פון דער נאַכט, זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער שורה, געשאַפן זאַצן — און זיך צוריק פאַנאַנדערגעשיידט, כדי צו פאַרפאַלן ערגעץ אין די אָפּגרונטן פון דער נאַכט. פּאָט איז געבליבן שטיין אויף דער גאַס, פאַרטיפט אין די פלאָגנדיקע מחשבות וועגן דער אומזיכערער צוקונפט זיינער, און האָט האַלב־באַוואוסטזיניק געלייענט אָט די זאַצן, וואָס האָבן געלעבט נאָר איין רגע: „די בעסטע אָפּפירמיטלען באַקומט מען ביי פּריניעסן. — די אָפּשטימונג איבער דעם פאָרשלאַג וועגן אויסדריקן אומצוטרוי צו פּואַנקאַרע האָט געגעבן פאָלגנדיקן רעזולטאַט: 308 שטימען פאַר, 262 קעגן. — אין געזונטצושטאַנד פון ענגלישן קעניג איז ווייטער נישט פאָרגעקומען קיין ענדערונג. — אַן אויסשטעלונג פון זומער־מאָדעלן אין דער גאַלעריי לאַפאַיעט. — דער געריכטס־פּרעזעס האָט היינט בעת דער סעסיע געמאָלדן, אַז די צוויי אַנדערע ריכטער זענען אידיאָטן. — דער פּודער, וואָס פאַרדאַרבט נישט דאָס געזיכט און וואָס...”

ביים איינגאַנג פון מולען דע לאַ שאַנסאָן האָט איינער

אין אַ ציילינדער פאַרבעטן ס׳פּובליקום צו הערן אַקטועלע קופּ־לעטן און אַלטע לידלעך פון מאַנמאַרטר.

פּאַט האָט געקויפט אַ בילעט און איז אַריין אין זאַל.

דריי אַדוואָקאַטן האָבן אים באַמערקט און אים באַגריסט.

דער קופּלעטיסט אַנדריי דאַל האָט געזונגען די לעצטע „שלאַגערס", וואָס אין זיי האָט זיך גערעדט וועגן די קינבאַקן פון אַ געוויסן גרויסן „שטערן" אין איינעם פון די מוזיק־האָלן, וועגן אַ באַיאָרטער אַקטריסע פון דער קאָמעדי פראַנסעי און וועגן דעם אומנאָרמאַלן געשלעכטס־לעבן פון איינעם אַ מיני־סטער. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען אַ לידל מיט נאָמען: „די צוויי אידיאָטן".

די אַדוואָקאַטן האָבן געגעבן אַ צייכן צו אַן אָוואַציע. דער זאַל האָט אויפגעציטערט פון בראַוואָ־פּאַטשערייען. פּאַט האָט געדאַנקט, פאַרנייגנדיק זיך פאַרן פּובליקום, אָבער ער האָט אויסגענוצט די ערשטע פּויזע, כּדי אַרויסצושלייכן זיך אומבאַמערקט.

קאפיטל 2

אויפן אנדערן טאג אינדערפרי האבן פינף צייטונגען אפגעדרוקט דעם אינטערוויו מיטן ריכטער פאט, צוגעפעפערט מיט פארשידענע ווארייאנטן, וואס האבן זיך געשאפן אין דער פאנטאזיע פון די צייטונגס-שמירער. זיינע פאטאגראפיעס אין די פענסטער פון די רעדאקציעס „מאטען" און „זשורנאל" האבן צוגעצויגן גרויסע מאסן דורכגייער. ווערשינס און געשעפטס-אנגעשטעלטע האבן נישט געקארגט קיין באמערקונגען:

— ס'ארא מאדנער נפש!

— ער זעט אויס א כיטרער.

— און די צוויי אידיאטן האט מען נישט אפגעפאטאגראפירט?

— אט די צוויי פיינע פארשוינען וואלט איך זייער געוואלט אנקוקן.

א סאציאליסטישע צייטונג האט אדורכגעפירט אן אינטערוויו. מיט איינעם פון די צוויי באליידיקטע ריכטער, טאקע מיט דעם רייכערן.

דער רעפארטער האט אים געפאקט אין קאבארעט אויף פיגאל גאס אין דעמזעלבן מאמענט, ווען ער האט ארומגעטאנצט ארום א רוסישער סטודענטין, טראגנדיק א פאפירענעם מעדאל צוגעשפילעט צום פראק און א קארנאוואל-העלם אויפן קאפ.

דער אינטערוויו האָט געדויערט נישט לאַנג, פאַר וואָס אָבער איז ער געווען אינהאַלטס-רייך. דער ריכטער, אַ ביסל בגריפֿין נאָכן אויסטרינקען אַ גרויסע צאָל גלעזלעך געמישטע בראָנפנס, האָט באַגרינדעט זיין אורטייל אויף אַזאַ אופן:

— כ'האָב זי געוואָלט פאַרמשפטן, דערפאַר וואָס זי איז אַ פויערטע. איך פאַרמשפט פויערן ביי יעדער געלעגנהייט. זאָל לעבן די פרעסע! איר זענט אַ זייער סימפּאַטישער זשורנאַליסט. די פרעסע — דאָס איז דער פילאַר פון דער גערעכטיקייט. איר וועט דערלויבן, איך זאָל אייך פאָרשטעלן פאַר דער פירשטין טאַניאַ סאַרבעקאָוו? זעצט זיך אָט דאָ! שאַמפּאַניער! די פירשטין טאַניאַ פון דער מאָסקווער קונסט-אַקאַדעמיע האָט געהערשט איבער די פויערן נאָר מיט אַ בייטש! שטענדיק פאַרמשפט איך דאָס פויערטום! כ'האָב עס פיינט! כ'לייד נישט קיין פויערים!

דער רעפּאָרטער פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג האָט געפונען פאַר פּאַסיק צו פּראָטעסטירן:

— וואָס רעדט איר? דער פויער איז דער וועכטער פון...

— ... טעמפּקייט!

— און דער שעפער פון...

— ... פאָראורטיילן. לויט מיין מיינונג, איז דער פויער אַ קאַרג, נאַרישעוואַטע, טעמפּע באַשעפעניש, וואָס האָט נישט קיין באַגריף, אין וואָסער תקופה ער לעבט; ער שלאָגט די קינדער, פייניקט חיות, גלייבט אין הייליקע און פאַרלירט טשוועקעס טוצנווייז איבער די אויטאָמאָביל-שאָסייען.

דער זשורנאַליסט האָט זיך נאָך אַלץ נישט אונטערגעגעבן:

— דער פויער איז דער שומר פון נאַציאָנאַלן אוצר.

— יאָ — האָט פאַרענדיק דער ריכטער — איבערהויפּט, ווען ס'עקזיסטירט אַן אַרויספיר-פאַרבאָט.

— אונזער העלד האָט זיך גאָרנישט געוואונדערט, ווען ער האָט איבערגעלייענט אָט די אויספירונגען זיינע. ער איז אַוועק אין דער ריכטונג פון לאַטייבישן קוואַרטל און מיט הנאה אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם ריח, וואָס פליסט פון די זאַפטיקע קושאַקעס אין זשאַרדען דע טילע

— — — — — — — — — — — —

פאָל פּאָט איז געווען איינער פון די פּלייסיקסטע צו־הערער פון פּראָפעסאָר נאָנס׳ פאָרטראָגן „וועגן דער לאָגיק פון אומענדלעכקייט״. אַ דאַנק דער עלעגאַנץ און געניויאיקייט פון פאָרטראָג האָט דערדאָזיקער פּראָפעסאָר באַקומען דעם נאָמען פון אַ „וועלט־מענטש״, וואָס עס האָט אַבסאָלוט נישט דערגי־דעריקט זיין אַקאַדעמישן אויטאָריטעט.

ווער ס׳וויל אין פּאַריז אָנגיין פאַר אַ פילאָזאָף, איז דורכ־אויס נישט גענייט צו טראָגן קאָמאַשן מיט גומעס. און דער ריח פון פּערפום, וואָס טראָגט זיך פון נאָזטיכל, באַשטימט נאָכנישט דעם גורל פון קאַנדידאַט אויף אַקאַדעמישן כּבוד. די יונגע סטודענטן הערן די לעקציעס מיטן גאַנצן ערנסט, ווען אַפילו זיי האָבן זיך אָפּגערעדט אין די אוידיטאָריעס מיט די עלעגאַנטע פרויען, וועלכע זוכן נאָכמיטאָג פאַרווייַלונגען ביי ריטזן און זעצן זיך אויס פויל אויף די הויכע בענקלעך אין די נאַכט־באַרן. עטלעכע ענגלענדערינס זענען ספּעציעל געקו־מען צו פליען מיט אַן עראָפּלאַן פון לאָנדאָן, און די ראַדיאָ־סטאַציע אין פּאַריז האָט אינסטאַלירט אַ מיקראָפאָן אויף דער קאַטעדרע. מיט צווייאונצוואָנציק יאָרהונדערטן צוריק האָבן די רוימישע סנאָבן און אינטעלעקטואַליסטן, ווען ס׳האָט זיי שוין געהאַט דערעסן די לאַנגווייליקע און פּראַקטישע מאָראַלישקייט, פאַרטעמפּט פון אייגענעם רום, דערדריקט פון דער משא, וואָס האָט געלאַסטעט אויפן „מעכטיקסטן פאָלק אויף דער וועלט״, — האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער גרינער אינדזל לעסבאָס, קיין מיטילען. וואו עפּיקור, אַן עלעגאַנטער פילאָזאָף אַ לאַ מאָד, האָט געוואוסט זיי אויפצופרישן מיטן העלענישן גייסט פון גלענ־צנדיקע פּאַראַדאָקסן.

פאָל פּאָט איז אַריינגעגאַנגען אין ליידיקן זאַל אַריין. עפּעס אַ סטודענט מיט אַ געל געזיכט און קרומע אויגן, וואָס אויף זיי האָבן געפינקלט ברילן־גלעזער, איז געזעסן און געשריבן אַ בריוו מיט כינעזישע צייכנס. פאָל האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן אים, אויף זיין שטענדיקן אָרט, און גענומען אָבסער־ווירן די געהיימנישפולע צייכנס, וואָס זענען געוואַקסן אין אַ לאַנגער שורה אונטערן שמאָלן פּענדזל, ווי פאַנטאַסטישע

קאָמפּאָזיציעס, וואָס יעדער צייכן אין זיי האָט פאַרגעשטעלט אַ פּרימיטיוו בילדל.

אין צווייטן עק זאָל האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ גלח, און נאָך אים — אַ יונגע דאַמע אין אַ לייכטן וואָלענעם קאָסטיום, וועלכע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק נישטווייט פון דער קאַטעדרע. אַז זי האָט דערזען פּאָטן, האָט זי אים גע־געבן אַ צייכן מיט דער הענטשקע.

פּאָט איז שנעל אַראָפּגעלאָפן פון די אַמפּיטעאַטראַלע טרעפּ און מיט שטאַרקער ליבשאַפט געדריקט אירע הענט.

— ווען מיר האָבן אין דאָזיקן זאָל צום ערשטן מאָל גערעדט — האָט זיך דערינערט די פרוי — און איר האָט מיר דערציילט וועגן אייער אָמט, האָב איך גלייכצייטיק זיך דער־וואוסט, פאַרוואָס איר באַזוכט די לעקציעס מיט אַזאַ גרויסער התמדה. אָט די ווערטער געדענק איך מיט אַ מאַטעמאַטישער גענויאיקייט: „ווען דער ריכטער־אָמט באַטייט נישט קיין פּי־לאָזאָפיע, באַטייט ער ביוראָקראַטיע, — דאָס איז אַן אינטע־לעקטועלע קראַפט, וואָס ווערט באַנוצט צו בלוטיקער נקמה". און דערנאָך האָט איר נאָך צוגעגעבן: „כ'ווייס גאַנץ גוט, אַז יעדער מין דענקען דערפירט צו סקעפּטיציזם, און יעדער מין סקעפּטיציזם — צו געצוימטקייט".

— האָב איך דען דאָס געזאָגט?

— יאָ. און נאָך אַ קליינער פּויזע האָט איר אויסגעבע־סערט: „צו רעזיגנאַציע".

פּאָט האָט אַ זאָג געטון אָנשטאָט אַן ענטפער:

— כ'דאַנק פאַר די רויזן. זיי זענען געווען אַזוי שיין!

— די איינציקע באַשטימונג פון רויזן — איז שיינקייט.

— פאַרוואָס האָט איר זיי מיר געשיקט?

— ווייל ס'איז מיר געפעלן געוואָרן אייער אַרויסטריט.

— פון וועמען האָט איר זיך דאָס דערוואוסט?

— פון קיינעם נישט.

— פון די צייטונגען?

— ניין. איך האָב בייגעוואוינט דעם פּראָצעס. געזעסן צווישן פּובליקום. אויף איינער פון די לעצטע בענק. כ'בין

שוין עטלעכע מאָל געווען אין געריכט, כּדי אייך אָנצוקוקן און צו הערן. איר האָט אַן אייגנאַרטיקן סיסטעם אין פירן די געריכטספאַרהאַנדלונגען: אַ ביסל טעאַטראַליש, נאָר טאַקע דאָס ווילט מיך. כ׳זעץ זיך אַוועק צווישן די ליידיקגייערס, וואָס פאַרברענגען לאַנגע שעהן אין געריכט. אין אָט דער ביליק-סטער שענק.

— צי שטאַמען אָט די רויזן פון אייער גאָרטן?

נישט איינמאָל פלעגט פּאַט געבן פּלוצלינג אַ שטעל אָט אַזאַ מין פראַגע, כּדי געוואָר צו ווערן עפּעס געגויערס וועגן איר לעבן.

— כ׳האָב נישט קיין שום גאָרטן — האָט זי געענטפערט.

קיינמאָל האָט זיך אים נישט איינגעגעבן אַרויסצוקריגן פון איר מער, ווי דאָס, אַז זי הייסט שומאַן, מאַדמואַזעל שו-מאַן, און אַז זי גרייט זיך צו באַלייגן אַ דאָקטאָראַט פון פילאָזאָפיע אין פּאַריז.

— מיט וואָס קען איך אייך אָפּדינען?

— ברענגט מיר אַ גלאָז וואַסער.

אין אַ רגע אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַ גלאָז וואַ-סער. דערווייל איז דער אוניווערזיטעט-זאַל געוואָרן פול מיט צוהערער. פריילן שומאַן האָט אויפגעעפנט אַ גאָלדענעם מעדאַליאָן, וואָס זי האָט געטראָגן אויפן האַלדז, און האָט אַרויסגענומען פון אינעווייניק עפּעס אַ ווייסע זאַך.

— ווי די קייזערין טעאָדאָראַ — טראָגט איר אויך בײַ זיך סם?

— כּמעט. נאָר מיט דעם אונטערשיד, וואָס עס איז נישט קיין סם, נאָר אַ פּולווער קעגן קאָפּווייטיק.

און זי האָט אַראָפּגעשלונגען די רפואה, נאָכטרינקענדיק אַ ביסל וואַסער.

— דער פּראָפעסאָר.

דער יונגער פּראָפעסאָר, אין אַ העלן, פּיינגעשניטענעם אַנצוג, האָט זיך אַ בייג געטון פאַר דער אוידיטאָריע און אַרויף אויף דער קאַטעדרע.

—אַנרי פּואַנקאַרע — האָט ער אָנגעהויבן זיין פאָרטראַג —

ציטירט עפּימענידס אַנטינאָמיע*). אַ ליגנער פון דער ערשטער מדרגה קען זיין דער, וואָס לייגט תמיד, אַ חוץ דעם איינעם מאָל, ווען ער באַהויפּטעט: כ'בין אַ ליגנער פון דער ערשטער מדרגה. אַ ליגנער פון דער צווייטער מדרגה קען זיין דער, וואָס לייגט תמיד, אַפילו אין דעם פאַל, ווען ער באַהויפּטעט: כ'בין אַ ליגנער פון דער ערשטער מדרגה. אָבער דעמאָלט, ווען ער זאָגט וועגן זיך: כ'בין אַ ליגנער פון דער צווייטער מדרגה, דעמאָלט לייגט ער נישט. און אַזוי ווייטער. אַלזוי, ווען עפּי-מעניד זאָגט: כ'בין אַ ליגנער, קענען מיר אים פרעגן: פון וועלכער מדרגה? און ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט ענטפערן אויף דערדאָזיקער ריכטיקער פראַגע, וועט זיין תשובה האָבן דעם ריכטיקן זין.

פאַט האָט באַמערקט, אַז דער פּראָפעסאָר האָט עטלעכע מאָל בעת דער לעקציע געוואָרפן אַן אויג אין דער זייט פון כינעזער, וואָס נעבן אים פלעגט פאַט געוויינלעך זיצן. אָט דאָס אָרט איז איצט געווען ליידיק, ווייל פאַל איז פאַרבליבן ביי דער פריילין שומאַן.

אַ רגע שפּעטער האָט דער פּראָפעסאָר אַרויסגענומען פון קעשענע אַ טיכל און אָנגעהויבן פּוצן דעם מאָנאָקל.

ווען ער האָט באַמערקט פאַטן, האָט ער זיך לייכט פאַר-נייגט אין זיין זייט. דערנאָך האָט ער זיך גענומען שרייבן מאַטעמאַטישע פאָרמולן אויפן שוואַרצן טאָפל.

פאַט און פריילין שומאַן זענען געזעסן אויף איין באַנק, אָבער גענוג ווייט איינער פון צווייטן. אין איין מאָמענט האָבן זיי זיך אינסטינקטיוו געטראָפן מיט די בליקן — און אירע אויגן האָבן גערעדט אָן קול:

— דו!...

— איז אייך שוין איבערגעגאַנגען דער קאָפּווייטיק? — האָט פאַל געפרעגט נאָך דער לעקציע.

— נישט אינגאַנצן. אַ שפּאַציר אויף דער פרישער לופט וואָלט אויף מיר גוט געווירקט.

---

*) אַ נ ט י נ אָ מ י ע — אַ סתירה אין געזעץ אָדער אין אורטייל וועגן דער איינגנשאַפט פון זאַכן. — ד. איבערז.

דער פּראָפעסאָר האָט צוזאַמענגענומען זיינע פּאַפּירן. אָבער איידער ער האָט פאַרלאָזט דעם זאַל, איז ער צוגעקומען צו פּאָטן און אים געדריקט די האַנט.

אַלע בליקן האָבן זיך געווענדט אויפן ריכטער, און צווישן צווי רייען שמייכלען און באַגריסונגען איז פּאָט אַרויס־געגאַנגען פון זאַל.

— — — — — — — — — — — — — —

אין דעם הערלעכן פרימאָרגן איז דער לוקסעמבורגער גאָרטן פול געווען מיט קרישטאָל־ריינעם געלעכטער פון פּאַנטאַנען.

— איר וואוינט ווייט פונדאַנען?

ווי תמיד, האָט זי געגעבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער:

— אין פּאַריז זענען נישטאָ קיין ווייטע שטרעקעס.

— וויפל אַ זייגער מוזט איר שוין זיין אינדערהיים?

— איך האַלט זיך נישט ביי קיין שום פּלאַן.

— וואָרט עמעצער אויף אייך?

— ברוינינג.

— ווער איז עס ברוינינג?

— אַ גרויסער, שוואַרצער הונט, וואָס איז פּונקט אַזוי געפערלעך, ווי אַ רעוואָלווער.

— האָט איר עלטערן?

— ווייזט אַזוי אויס. נאָר כ׳בין נישט מיט זיי אין קיין שום קאָנטאַקט.

און זי האָט פון איר זייט געפרעגט:

— און וואָס וועט איר טון איצט, ווען איר האָט זיך שוין אָפּגעגעבן אין דעמיסיע?

— כ׳ווייס נישט.

— לויט מיין מיינונג, דאַרף מען אין לעבן זיך אַוועק־שטעלן פּונקט אין אַזאַ פּאָזיציע, ווי זשאָנגלערן, וועלכע וואַרפן און כאַפּן מיט אַ גלייכער קראַפט און פלינקייט זאַכן פון פאַר־שידענער וואָג: הענטשקעס, אַ ציגאַר, אַ הוט, אָדער אַ מעשע־נע קויל.

זיי זענען אַרומגעגאַנגען אָן אַ ציל אויף די אַלטע גאַסן פון לאַטיינישן קוואַרטאַל, וועלכע טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון דער פאַרגאַנגענהייט. די צייט פאַרבלייבט. ס׳איז

נישט אמת, אַז צייט פֿאַרגייט. זי פֿאַרשטעקט זיך אין די זאַכן, כּדי כאַטש עפּעס פֿון אונז זאָל פֿאַרבלייבן נאָך אונזער פֿאַרשווינדן. אײַנגעהויקערטע הײַזער און אַלט מעבל פֿאַרמאָגן אַ נשמה, וואָס איז אַנטשטאַנען אויס דער אויסשטראַלונג פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. אין קאַלך, אין די שפּאַלטן, ליגן באַהאַלטן יאָרהונדערטן — די אַקומולאַטאָרן פֿון דער צייט, סענטימענטן, געפֿילן, וועלכע זענען איבער זיי אַריבערגעשוואומען. אָט זיי טאָקע פֿאַרמירן דאָס איבער דעם רעש פֿון דער געשיכטע און שווייגנדיקער פּאָעזיע.

— כּדי אַרויסצופֿאָרן פֿון פּאַריז, דאַרף מען גאָרנישט אַוועק אויפֿן וואָקזאַל — האָט געזאָגט פֿריילן שומאַן און געפֿירט פּאָטן אויף דער לאָמאָן גאַס.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פֿאַרן הויז נומער 27. אַ גראָער פּאַסאַד. דער שליסל האָט אַ קריץ געטון אין קלאַפּשלאָס — און פֿון הינטער דער עטוואָס צעעפֿנטער טיר האָט אַ שמייכל געטון אַ גאָנגע.

פֿריילן שומאַן האָט אַדורכגעפֿירט פּאָטן דורך אַ גאַניק אויף אַ קליינעם, מיט מאָך באַוואָקסענעם הויף.

— קוקט זיך גאָר צו צו אָט די מירמלשטיינערנע פּיליגראַנען — האָט זי געזאָגט: — דאָס איז דער האָטעל סען-אַנדרעאַ, אַ קונסט-אוצר פֿון 18-טן יאָרהונדערט. דאָ האָט פֿאַרברענגט די ערשטע יוגנטיאָרן מאַדאַם דבאַרי. אָן די פֿון אײַזן אויסגעשמידטע קראַטן האָט זי אָנגעשפּאַרט אירע ווײַסע הענט.

זינט יענעם טאָג האָבן זיי יעדן פֿרימאָרגן געשפּאַנט איבער די אַלטע, דרימלענדיקע געסלעך: זיי פֿלעגן פֿאַרבייגיין פּאַלאַצן, וועלכע האָבן נאָך געדענקט די צייטן פֿון ט ע ר אָ ר, האָבן שפּאַצירט דורכן לוקסעמבורגער גאָרטן, וואו די ק אָ מ ו נ ע האָט איבערגעלאָזט אויף די ווענט בלוטיקע צייכנס פֿון שאָסן. פֿריילן שומאַן האָט געוויזן פּאָטן דאָס הויז נומער 9, דער האַנדלס-פּאַסאַזש, דיזלס בוכהאַנדל, וואו דאָקטאָר גילאָטען האָט אויסגעפּרובירט אויף ציקעלעך די ווירקונג פֿון זײַן „פֿילאַנטראָפּישע מאַשין צו קעפּן".

פּאָט האָט באַוואונדערט זײַן וועגווייזערין:

— איר קענט אויסגעצייכנט פּאַריז און די געשיכטע פון פראַנקרייך!

זי האָט דערויף געענטפערט:

— אַ פּשוטע זאַך. איך בין דאָך אַ דייטשקע.

— — — — — — — — — — — — —

ביי יעדן מאָל טרעפן זיך, זענען זיי געגאַנגען שפּאַצירן מיטן ברעג פון דער סען, אין שאָטן פון דער תּפיסה־מויער, אָדער אין דער ליכט־אַטמאָספער פון נאָטרדאַם. בעת דידאַזיקע לאַנגע וואַנדערונגען האָבן זיי אויפגעדעקט איינער פאַרן צווייטן פיל געהיימנישן פון זייער נשמה און ווייניק סודות פון רעאַלן לעבן.

פּאָל פּאָט האָט ווייניק געוואוסט וועגן דער סטודענטין פון פילאָזאָפיע מיטן דייטשן פאַמיליענאָמען, וועלכע האָט וואונדערלעך פליסיק גערעדט פראַנצייזיש, זיך געקליידט מיט געשמאַק, ווי אַ פּאַריזערין, און האָט געהאַט באַצויבערנדיקע. דורך ספּאָרט אויסגעשולטע באַוועגונגען. דאָס פאַרברענגען מיט איר האָט אויף אים געווירקט באַרואיקנדיק און לייטערנדיק. ער האָט זיך געפרייט מיט דעם, וואָס ער האָט די געלעגנהייט צו וואַנדערן צוזאַמען מיט איר אין שאָטן פון אַלטע הייזער אָדער אין גרינקייט פון יונגע בלעטלעך, בעת דעם אומפאַר־גלייכלעכן פּאַריזער פרילינג, און צו פירן מיט איר לאַנגע דיס־קוסיעס אויף ווייטליגנדיקע, אַבסטראַקטע טעמעס, — וואָס עס האָט אים אָפּגעריסן פון געדאַנק וועגן דער דערדריקנדיקער ווירקלעכקייט.

פּאָל פּאָטס פּאָפּולאַריטעט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די הומאָריסטישע טאָגבלעטער זענען פול געווען מיט קאַריקאַטורן פון אים, די וואָכנבלעטער האָבן אים צוגעשריבן די געפּעפּערטסטע אַנעקדאָטן און שאַרפזיניקע, איראָנישע ענט־פערס. אין די אַנטראַקטן בעת די טעאַטערפאָרשטעלונגען פלעגט אויפן רעקלאַמיר־עקראַן זיך באַווייזן דער פּאָרטרעט פון פּאָט צווישן אַ רעקלאַמע פון פּלייעלס פּאָרטעפּיאַנען און בושראָנס ביזשוטעריע. די קאַריקאַטוריסטן האָבן זיך אויסגעלערנט צײ־כענען זיין פּנים אויף אַן איבערגעקערטן דרייקאַנט: צוויי האָריזאָנטאַלע שטריכן אינמיטן זענען געווען די ברעמען, און

צוויי גרויסע רעדער — די אויגן. דער צונאָמען „טאַלמאַ״ וואָס עס האָט אים געגעבן דער אַדוואָקאַט מאָראָ-דזשאַפּערי, געפינענדיק אין זיין געזיכט אַן ענלעכקייט צום גרויסן טראַ־ גיקער און פריינט פון נאַפּאָלעאָנען, האָט אַרומגעקרייזט גאַנץ פּאַריז. אַ באַוואוסטע אונטערנעמונג, וואָס פירט אַ האַנדל מיט פליישׁ־ קאָנסערוון, האָט אים פאָרגעלייגט פּופּציק טויזנט פראַנק פאַרן געבן די דערלויבעניש צו פאַרעפנטלעכן פאָלגנדיקע רעקלאַמע:

„פּרעזעס פּאָט האַלט זיך אויך ביי דער מיינונג, אַז אונ־ זערע אויסאַרבעטונגען זענען פון גאַראַנטירטער פיינקייט״.

אַ געוויסע פאַבריק פון שפּילצייג האָט אַרויסגעלאָזט אויפן מאַרק דריי הילצערנע מאַריאָנעטלעך אין טאָגעס און באַרעטן, וועלכע זיצן ביי אַ טיש, דערביי איז דער מעכאַניזם געווען קאָנסטרואירט אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס מיטלסטע מאַריאָנעטל האָט געשלאָגן די אַנדערע צוויי איבער די קעפּ מיט אַ שווער בוך. אַ נייער קאַבאַרעט אויף ראַספּייל-בולוואַר, וואָס אויף זיין באַנייאונג איז געוואָרן פאַרבעטן אַ חברה מאָלערס און אַלע געניאַלערע „בלאָע פייגל״ פון מאָנפּאַרנאַס, האָט אין דער לעצטער מינוט געביטן דעם נאָמען אויף „פּרעזעס פּאָט״. אַן אַנדער פּאַרוויילונגס-לאָקאַל — וואָס האָט קאָנקורירט מיטן פריער־ דיקן און וואָס האָט זיך געפונען פונקט קעגנאיבער—האָט גע־ ענדערט דעם אויפשריפט: צוויי ריכטער אין טאָגעס, מיט אַ רייזע־ דיקן אָקס, און איבער דערדאָזיקער צייכענונג — אַן אויפ־ שריפט פון דער ליכט-רעקלאַמע: „Aux deux crétins״ („צו די ביידע אידיאָטן״).

דאָס שפּיצל, וואָס פּאָט האָט אָפּגעטון די סעקונ־ דאַנטן, האָט זיך צעטראָגן גיך, ווי אַ בליץ. די פיר הערן, וועלכע האָבן ערשט נאָך אַ האַלבשעהדיקער דיסקוסיע זיך אָריענ־ טירט, אַז זיי זענען מיאוס אַריינגעפאַלן, זענען געווען אַזוי אומפאָרזיכטיק, צו געפינען זיך באַליידיקט. און יעדער איינער פון די באַליידיקטע האָט געבעטן צוויי אַנדערע הערן צו פאָ־ דערן אַ סאַטיספאַקציע פון ריכטער פּאָט.

אין דער אינטערפּרעטאַציע פון די הומאָריסטן האָט דער ענין באַקומען אַן אומגעהייער קאָמישן פאַרנעם: די צוויי־ גולמס האָבן געשיקט פיר סעקונדאַנטן, אָט די פיר האָבן גע־

שיקט אַכט. ווען פּאַט וואָלט באַליידיקט דידאָזיקע אַכט, וואָלט ער געהאַט אַן עסק מיט זעכצן. אין איינע פון די סצענעס אין קאַסינאָ דע פּאַרי, וואָס ווערט אויסגעפירט דורך ספּאַדראָ, איז אַרויסגעטרעטן פאַר די אויגן פון די צוקוקער דערדאָזיקער איבעררעשנדיקער צוואוקס פון סעקונדאַנטן. פון צוויי זענען אויסגעוואַקסן פיר, דערנאָך אַכט, שפּעטער זעכצן, צווייאונדרייסיק, פיראונזעכציק — אַ ריזיקער כאָר פון סעקונדאַנטן. דער קולמינאַציע-פּונקט פון דערדאָזיקער סצענע איז געווען אַן אַפּאָטעאָז פון פיראונזעכציק נאַקעטע מיידלעך, וואָס האָבן געצילט מיט פּיסטאָלעטן אין אַ שיסברעט, וואָס אויף אים האָט געפּלאַמט אַ גרויס האַרץ.

— — — — — — — — — — —

אין אַ געוויסן טאָג האָט פּאָל פּאַט געזאָגט צו פרייליין שומאַן:

— קומט היינט צו מיר.

זי האָט קורץ געענטפערט:

— ניין.

אַן אַנדערשמאָל האָט ער איבערגעחזרט:

— קומט צו מיר.

זי האָט געענטפערט:

— גוט.

פאַרנאַכט, ווען זי האָט פאַרלאָזט זיין וואוינונג, האָט זי געזאָגט:

— צוויי שעה צייט בין איך ביי אייך געווען, און איר האָט אַפילו נישט געפּרוווט מיר אַ קוש טון.

— כ'האָב אייך געוואָלט באַווייזן, אַז מ'דאַרף זיך פאַר מיר נישט שרעקן. איר וועט קומען ווידעראַמאָל?

— מעגלעך. יעדנפאַלס וועלן מיר זיך מאָרגן זען אין סאָרבאָנע.

— — — — — — — — — — — —

די זון איז פאַרגאַנגען צווישן צוויי גרויסע, ווייסע וואָלקנס, וואָס זענען געווען אַדורכגעלויכטן מיט אַ בלענדנדיק ליכט און באַזוימט מיט העלער זוים. דאָס זענען געווען די ערשטע זומער-וואָלקנס. פּאַט איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן,

האָט גיריק אַריינגעאָטעמט די פאַרנאַכטיקע לופט און גע־
טראַכט:

— אויב ס'איז דאָ אַ לעבן נאָכן טויט, מאָדעלירט מי־
קעל אַנדזשעלאָ געוויס אויף יענער וועלט אין אַזעלכע זומער־
דיקע פאַרנאַכטן פּוכיקע וואָלקנס, כדי צו שפּאַסן אַ ביסל.

— הער ריכטער!

דאָס קינדערישע שטימעלע איז געוואָרן אַלץ דרייסטער:

— הער ריכטער! איר האָט שוין אינגאַנצן אָן מיר פאַר־
געסן?

דורכן פענסטערל פון בוידעמשטיבל האָט זיך אַרויסגע־
בויגן אַ העל קעפּל. פּאַט האָט אַ וואונק געטון מיט דער
האַנט:

— קום צו מיר, קליינער!

און זיך גלייך געלאָזט דעם קליינעם אַקעגן.

— האָסט טאַקע אײַנגערעדט אין דער דערמאָנונג, אַז כ'האָב דיך
אויפגעהערט ליב צו האָבן?

די שלאַנקע פיסלעך פון קינד האָבן אַפּערגעקוקט פון
אונטערן לאַנגן פּאַלטאָ, וואָס זיינע פּאָלעס האָבן דעם ייִנגל
געקלאַפּט איבער די קני.

— כ'האָב זיך נאָר אַזוי געטראַכט, אַז דער הער ריכ־
טער האָט שוין פאַרגעסן אַלע מעשהלעך, און וועט מיך רופן
ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט זיך אויסלערנען נייע מעשהלעך.

די געשיכטע פון דאָזיקן ייִנגעלע איז געווען דיזעלבע,
ווי די געשיכטע פון אַנדערע פּאַריזער קינדער, וואָס זענען
געבוירן געוואָרן אין אַ בוידעמשטיבל: די שווינדזוכט פאַר־
שאַפט זיי אינטעליגענץ, און דער הונגער — איראָניע. פּאַט
האָט אָפט געפּלעגט פאַרבעטן דעם קליינעם צו זיך און אים
פאַרשפּיַלן מיט פאַרשידענע קונצן און פּאָקוסן, וואָס אין זיי
האָט ער, אַגב, זיך אויסגעצייכנט.

די שטובווירטין האָט געגרייט צום טיש, און דער קליי־
נער איז, ווי תמיד, פאַרבליבן אויף אָוונטברויט.

— היינט וועלן מיר פאַרכשופן אַ מטבע — און זי וועט
אַליין אַריבערגיין פון גלאָז אין פלאַש אַריין...

פּאַט האָט פאַרקאָטשעט די אַרבל פון דער מאַרינאַרקע

און האָט אָנגעהויבן מאַכן באַוועגונגען מיט דער פייערלעכקייט פון אַ קונצנמאַכער און מיט דער געהיימנישפולקייט פון אַן אמתן כשופמאַכער.

דאָס ייִנגל האָט פשוט געשלונגען מיט די אויגן דידאַ־זיקע וואונדער. ביים געזעגענען זיך האָט אים פּאָט געגלעט איבערן קעפּל.

— די מטבע קענסטו צונעמען. וועסט זיך דערמיט שפּילן אינדערהיים.

פּאָטן זענען די טעג פאַראיבער אין הערן די לעקציעס וועגן דער לאָגיק פון אומענדלעכקייט, אין שפּאַצירן אויף דער זון און אין קונצשטיק, וואָס מיט זיי האָט זיך דאָס אָרעמע קינד גאָרנישט געקענט געניג אָנפרייען.

אין איינעם אַ טאָג, געזעגענדיק זיך מיט פריילן שו־מאַן, האָט פּאָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג:

— מיינע אָוונטן זענען אַזעלכע לאַנגע און אַזעלכע או־מעטיקע. צי וואָלטן מיר נישט געקענט פאַרברענגען אַמאָל אַן אָוונט צוזאַמען?

— ניין — האָט זי געענטפערט אָפּגעהאַקט, אַזויווי אַלע־מאָל.

פּאָט, מורא האָבנדיק, אַז דערדאָזיקער פאָרשלאַג קען זיך איר אויסווייזן צו דרייסט, האָט גלייך צוגעגעבן:

— מיר וואָלטן דאָך געקענט גיין אין טעאַטער אַריין!

— דאָס הייניקע טעאַטער — האָט זי געענטפערט — פאַרנעמט זיך מיט באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פון אַ מאַנספּערשוין, וואָס לייגט זיך אין בעט אַריין מיט אַ פרוי פון אַן אַנדערן מאַנספּערשוין. און דאָס ווערט אָנגערופן ליבע. ווען דערצו קומען נאָך די פינאַנסיעלע אָנגעלעגנהייטן, — דעמאָלט הייסט דאָס אַ „רעפלעקסיע־שטיק".

פּאָל האָט געוואָרפן אַן אַנדערן געדאַנק:

— איר האָט ליב מוזיק?

— יאָ. נאָר איצט קומען אין פּאַריז נישט פאָר אַזעלכע קאָנצערטן, וואָס וואָלטן מיך געקענט פאַראינטערעסירן.

— אפשר אַ וואַריעטע, אַ מוזיק־האָל, אַ צירק?

פריילן שומאַן האָט אַ רגע זיך באַקלערט. דערנאָך האָט זי אַ פרעג געטון:

— ס׳לאַנגווײַליקט אײַך נישט אַ צירק.

— פאַרקערט, כ׳האָב זייער ליב דעם מין פאָרשטעלונגען.

ער וויל נישט זיין מאָראַליזאַטאָריש, דערביי דאַרף מען אויך נישט אָנשטרענגען דעם מוח, כדי זיך גוט צו פאַרווײַלן אין צירק.

— אַלזוי אַ צירק — האָט פעסטגעשטעלט די סטודענטין — איז אַ סעקסועלע אָאַזע אינם עראָטישן ווירבל פון דער גרויסער שטאָט.

— ווען גייען מיר?

— דעם נאָענטסטן אָוונט.

— אין וועלכן צירק?

— אין „ווינטער-צירק״.

און כדי ארויפצוקומען אויף אַן אַנדערער טעמע, האָט זי אַ פרעג געטון:

— וואָס איז עס פאַרא בוך?

פאָט האָט אַרויסגעצויגן דאָס בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין קעשענע.

— איר לייענט פאָעזיע?

און גלייך האָט זי צוגעגעבן, דערלאַנגענדיק אים צוריק דאָס בוך:

— לידער זענען, ווי פּערפומען. אויב זיי שטאַמען נישט פון אַ באַקאַנטער פירמע, זענען זיי ס׳מערסט זייער שלעכט. היט זיך אָבער, מיין פריינט; דאָס לייענען לידער באַטראַכט איך פאַר אַ געוויס כאַראַקטעריסטישער דערשייַנונג.

זי האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. דאָך איז אין דעם געלעגן עפּעס אַ מיין: פאָט האָט זינט עטלעכע וואָכן געלייענט לידער, געגאַנגען צו טרעפעריַנס און נישט געשעמט זיך אַוועקצושטעלן פאַר געוועלבער מיט מענער-קאָנפעקציע און לאַנג זיך צוקלויבן אין געדאַנק קראַוואַטן פון אויסשטעלונג-פענסטער.

— דו ביסט פאַרליבט, מיין טייערער — האָט זיין בליינדער פריינט געשטעלט דעם דיאַגנאָז, — היט זיך! יעדער לעבנספעריאָד באַהאַלט אין זיך אַן אַנדערע געפאַר און דראָט

מיט אנדערער קראנקהייט... געפינסט זיך איצט גראָד אין עלטער פון אומגליקלעכער ליבע.

— אומגליקלעכע ליבע, דאָס איז אַ קראנקהייט, וואָס קען זיך טרעפן אין יעדן לעבנספעריאָד.

— מ'זאָגט, אַז דו ביסט אַ שיינער בחור — איז עס אמת?

פאָל פאָט איז ווירקלעך געווען אַ שיינער מאנספערשוין. ער האָט געהאט גרויסע, מילדע, טונקעלע אויגן, וואָס האָבן אפּערגעקוקט פון אונטער די שווארצע ברעמען. דאָס געזיכט — בלאַס און ערנסט, איינס פון יענע כאראקטעריסטישע געזיכטער, וועלכע שמייכלען קיינמאָל נישט.

— אין וועמען ליבסטו זיך? מ'האָט דיך געזען אין דער געזעלשאפט פון אַ פריילן אויף קעי דע סען, נישטערנדיק צווישן אַלטע ביכער. אַ יונגעטשקע, אין אַ העל קליידל. צי איז זי עס טאקע?

— ניין.

— זי האָט געהאט ביים גארטל — האָט פאָרגעזעצט דער בלינדער, — לויט ווי מ'האָט מיר דערציילט, צוגעשפּילעט אַ בינטל פיילכן, — עניוותדיקע, הכנעהדיקע פיילכן — תמע-וואטע בלימעלעך, וואָס האָבן אַ קאָליר פון קאָפּיר-טינט...

— מיר האָבן זיי זיך גארנישט אויסגעוויזן תמעוואטע — האָט נישט דרייסט באמערקט פאָט.

— איז עס טאקע זי געווען — האָט פעסטגעשטעלט דער בלינדער מיט אַ טריאומפירנדיקער זיכערקייט.

— ווען אַ מענטש פילט זיך אומגליקלעך — האָט פאָל אָנגעהויבן נאָך אַ רגע שוויגן, — באקומט ער דורשט נאָך אַ פרוי, פונקט ווי אַ קראנקער, וואָס ליגט אין היץ, גארט נאָך אַ מאנדארינקע.

— ווער איז דאָס מיידל?

— אַן אינטעליגענטע פרוי.

— נישטאָ קיין אינטעליגענטע פרויען. אַלע פרויען זע-נען נאריש. אַמאָל פאסירט אַ קאָמפּליקאציע: אַ פרוי ווייזט זיך עמעצן אויס אינטעליגענט אין משך פון אַ געוויסער צייט.

— דאָס איז אַ דענקנדיקע פרוי.

— נישטאָ אַזאַ מין אויף דער וועלט. ווען אַפילו ס׳גיט זיך אונדז איין צו טרעפן אַ פרוי, וואָס שפילט אומפאַרגלייכלעך די ראָל פון אַ דענקנדיקן מענטש, איז זי דאָך אין איר מהות אינגאַנצן אַנדערש. כ׳האָב, לטשל, געקענט גרויסע אַוואַנטורי־סטינס, וואָס האָבן געשפילט אין באַקאַראַ, שטעלנדיק אויף דער באַנק אַ קיילעכדיק מיליאָנדל. אָבער ווען די דינסט האָט צעבראָכן אַ שיסעלע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַרן הונט, האָבן זיי דער דינסט אָפּגעשלאָגן פון דער פענסיע; — אָדער זיי האָבן געהאַט אַ טבע, נאָכן אַוועקגיין פון די געסט איבער־צוציילן די אויפן טיש איבערגעבליבענע פרוכטן. פרויען, וואָס באָדן זיך אין לוקסוס, פלעגן פאַר זיך באַשטעלן אין די טייערסטע מאַגאַזינען צו צוואַנציק קליידער, נישט פרעגנדיק דעם פרייז — און דערמיט אַוועקגעבן אָוונט אַרויפקלעטערן אויפן פערטן שטאָק פון אַ הינטערשטעטישער חורבה, וואו ס׳וואוינט אַן אַלטע מוטער, און איר געברענגט אַלטע זאָקן צו פאַרצי־רעווען. דער צופאַל קען דיר נאָך אַמאָל העלפן אויסגעפינען אַ נשמה אין אומזעעוודיקע שטילע ווייבלעך — אָבער די אַזוי־גערופענע „דענקנדיקע פרויען״ — דאָס איז אַ בלאָף. האָט זי דיך כאָטש ליב?

— כ׳ווייס נישט. כ׳בין זיך משער, אַז זי אינטערעסירט זיך מיט מיר.

— האָט זי געהאַט פיל געליבטע פאַר דיר?

— אין ענינים פון צוואה און ליבע רעכנט זיך נאָר דער לעצטער. אַלע פריערדיקע ווערן אַנולירט.

אַזאַ געשפרעך האָבן געפירט צווישן זיך פאָל פאָט און שמואל לעווי, שפּאַנענדיק צווישן די מצבות אויפן בית־עולם מאָנמאַרטר. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן פאַרן קבר פון אַלפאָנזינאַ פלעזיס, דאָס אורבילד פון אַ קאַמעליען־דאַמע, וואָס אויף איר קבר ליגן ביז היינטיקן טאָג די פאַריזער נייטאָרינס טאָג־טעגלעך פרישע פיילכן.

פאָט האָט טאַקע ערשט דאָ נישטלאַנג געקויפט זיך אַן אָרט אויפן דאָזיקן בית־עולם. פון צייט צו צייט פלעגט ער

אהפרגיין, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט צוגעוויינען צום געדאַנק וועגן טויט.

— מיין קבר געפינט זיך אויף אַ פיין אָרט — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ, ווי אַן אייגנטימער, וואָס רימט זיך מיט זיין אייגנטום; — כ'רעכן, אַז אין יולי-אָווגטן וועט דאָ אַהער-דערגרייכן די מוזיק פון „קינעמאַ גאַמאָן". ס'איז דאָ זייער פריילעך — אויפן דאָזיקן בית-עולם. ער געפינט זיך צווישן דעם סענטימענטאַלן מאָנמאַרטר פון די אַרטיסטן און דעם טומלדיקן מאָנמאַרטר פון די צעהוליעטע מאַסן; — מיט אַן אויסקוק אויף דער האַרמאָנישער קאָלינקור-בריק, וואָס איבער איר לויפן ביינאַכט אין אויטאָס פאַרליבטע פּאָרלעך: אַ פּרויען-פּראָפיל, אַנגעשפּאַרט אויף אַן אָרעם אין אַ מענער-סמאָקינג, אַ האַנט מיט אַ טליענדיקן פּאַפּיראָס, אַרויסגעבויגן דורכן פענ-סטערל... מיר ווייזט זיך נישט אויס, אַז דאָס זאָל באַליידיקן דעם טויט...

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר היינעס קבר. פאַט האָט ציטירט דעם דיכטערס אַ ליד:

„Ein Jüngling liebt ein Mädchen,
das hat einen anderen erwählt..."

אָט דאָס קורצע לידל אַנטהאַלט דעם קערן פון אַלע ליבע-טראַגעדיעס.

אויף איינעם פון די קברים איז געשטאַנען אַ ריזיקע סטאַטוע.

— דאָס איז משה — האָט דערקלערט פאַט.

דער בלינדער האָט אַ גלעט געטון מיט די שפּיצן פון די פינגער דעם קאַלטן בראָנז, פּונקט ווי ער וואָלט דערקענט אַ זאַך, וואָס איז אים באַקאַנט שוין פון לאַנג.

— משה! אָט דאָס איז געווען אַ געזעצגעבער!

— אַ געזעצגעבער, וואָס איז געווען גענוג פעיק דערויף, צו פאַרנעמען זיך מיטן ריינעם רעכט, נישט צוריקנדיק זיך צו די פראַגן פון דער פראַצעדור — האָט צוגעגעבן פאַט.

דער בלינדער האָט געפירט מיט די פינגער איבער די מירמלשטיינערנע פּלאַטן און האָט איבערגעזעצט וואָרט ביי וואָרט די פּסוקים פון דער הייליקער שריפט. ער האָט אויס-

געצייכנט געקענט העברעיש און לאַטיין. מענטשן רעדן זיך איין, אַז מיט דידאָזיקע שפּראַכן וועט זיך זיי איינגעבן צו רעדן צום אייביקן און ווירקן אויף אים, ער זאָל רעווידירן די שוין אָנגענומענע באַשלוסן.

— דערדאָזיקער בית-עולם — איז אין אַ געוויסן זין מיין דירה — האָט פאָרגעזעצט פּאָט. — ס'איז מיר ליב צו וויסן פאָרויס דעם פּונקט אין וועלטאַל, וואו מיינע ביינער וועלן זיך צעפאַלן אויף עלעקטראָנען, וואו כ'וועל ביסלעכווייז ווערן איבערפאָרמירט אין גראָז, אין פעלז, אין ווערעם. ס'געפעלט מיר אָט די פאַרשוועגדערישע כעמישע לאַבאָראַטאָריע, די אַזוי פּינקטלעכע, אַזוי קאָנסעקווענט וויסנשאַפטלעכע, הגם די מענטשן גיבן איר אַזאַ אומוויסנשאַפטלעכן נאָמען, ווי „גאָטס פעלד".

— באַטראַכט נאָר — האָט ער צוגעגעבן אין אַ ווײַלע אַרום, — וואָסערע קאָמפּליצירטע לאַבאָראַטאָריע ס'איז נייטיק דערויף, כדי אַרויסצוציען פון לופט, ערד, וואַסער, קוילן, וואַ־סערשטאָף, אַזאָט, פאָספאָר, שוועבל, קאַלך און פּאָטאַש אַן עקסטראַקט און צו שאַפן פון אים אַן אָרגאַנישן און עסנדיקן פּראָדוקט! פאַר דאָס, ווען כ'פאַרזייע אַ קערנדל, באַקום איך דער־פון אַ פּרוכט. ריזיקע כעמישע לאַבאַראַטאָריעס זענען איינגע־שלאָסן אינם אייניציקן קליינעם זאָמענדל, וואָס איז נישט גרע־סער, ווי אַ שפּילקעקעפּל.

פּאָטס מאַטעריאַליסטישע וועלטאָנשויאונג האָט אוממיטלבאַר געפירט צו גוטסקייט און פאַרגעבונג. ער איז געווען טאָלע־ראַנט פאַר אַלע, וואָס טוען שלעכטס, וואָרום ער האָט געזען אין דער זינדיקייט פון דער וועלט בלויז א פּאַטאָלאָגישן צו־שטאַנד.

— ווען לואי דער עלפטער — האָט פּאָט אויסגעדריקט זיין מיינונג — וואָלט נישט געליטן אויף מערידן, וואָלט ער, ווארשיינלעך, נישט געוואָרן אַזאַ אויסוואורף, ווי ער ווערט פאַררעכנט אין דער געשיכטע.

— דו ווילסט אומעטום אויסגעפינען מילדערנדיקע אומ־שטענדן — האָט דער בלינדער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— זיין אַ מענטש — אָט דאָס אַליין איז שוין אַ מיט־דערנדיקער אומשטאַנד.

— ס'איז שוין פיר אַ זייגער — האָט לעווי באַמערקט, אָנרירנדיק מיט די שפּיצן פון די פינגער די ווייזערלעך פון זיין זייגערל.

— זי וועט באַלד אָנקומען — האָט זיך אָפּגערופן פּאָט, — זי איז דאָך אַ דייטשקע.

און ווירקלעך האָט זיך מיט דער מיטלסטער אַלייע דער־נענטערט אַ פרוי אין אַ גראָען קאָסטיום. אונטערן אָרעם האָט זי געהאַלטן אַ קליין היטל. זי איז געגאַנגען מיט אַ פעסטן, פלינקן טריט. דער העלער קאָפּ אירער איז געווען באַגאָסן מיט זון.

נאָכן באַקענען זיך מיט לעווין און נאָך עטלעכע מינוטן פון העפלעכן געשפּרעך, האָט פריילן שומאַן געפרעגט דעם בלינדן:

— צי גלייבט איר אין גלגולים פון נשמות?

— ניין, גענעדיקע פריילן. דער טויט זעצט נישט פאָר קיין איבערפאָרמירונגען.

און דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטון:

— און איר, פריילן, גלייבט אין גלגולים?

זי האָט געענטפערט:

— איך בין אַלט צוואַנציק יאָר.

אָבער אין אירע אויגן איז פאַרגליווערט געוואָרן אַ לייכ־טער שאָטן פון מעלאַנכאָליע. דער וועכטער האָט געגעבן אַ צייכן, אַז באַלד שליסט ער די טויערן פון בית־עולם, — און די דריי פריינט, וואָס האָבן געהאַט אָפּגערעדט צוטרעפן זיך צווישן קברים, כדי צו אַנטלויפן פון גרויסשטאָטישן רעש, זענען גע־גאַנגען אויפן סקריפּנדיקן זשוויר, שמועסנדיק וועגן פילאָזאָפן און דיכטער. אין זייער געמיטס־צושטאַנד האָט געלויערט אַ שמייכלדיקער אומעט. אויפן פּנים פון יינגן מיידל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די רייפע רואיקייט פון אַ מענטש, וואָס טראָגט די לעבנס־לאַסט מיטן באַוואוסטזיין, אַז דער גורל איז סוף־כּל־סוף אומפאַרענדערלעך.

— דאָס גלייבן אין דעם, אַז מ'איז דער שמיד פון אײ

נענעם גורל — האָט זיך אָנגערופן פריילן שומאַן — איז פונקט אזא נאַיווע זאַך, ווי מ׳זאָל זיין איבערצייגט אין דער אייגע־נער ווירטואָזיטעט, ווען מען דריקט אָן די קלאַווישן פון פיאַנאָ.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַר עפעס אַ רייכן פאַמיליען־מויזאָליי, וואָס פון אים האָט אַראָפּגעהאָנגען אַ קראַנץ פאַר־ווערקטע בלומען, און דאָס מיידל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע. אַ דאָרן האָט זיך פאַרטשעפּעט אין איר זאָק און אים אַדורכגעלעכערט. מיט אַ גראַציעזער באַוועגונג פון אַן אַמאָליקער ניקע האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן, כדי אַרויסצוציען דעם דאָרן. און דאָס מיידל, וואָס האָט שוין געלייענט אַלע פילאָזאָפן... האָט באַנעצט איר פינגערל מיט שפּייעכץ און אַ טראָפּעלע פייכט געמאַכט דאָס אַראָפּפאַלנדיקע אייגל, כדי ס׳זאָל זיך נישט אַראָפּלאָזן ווייטער.

די צוויי מענער האָבן אויף איר צוגעוואַרט פונוויטנס. פאָט האָט בגנבה אויף איר געקוקט. אויף איר קני האָט זיך אַרויסגעזען אַ ראָזע זאָקנבענדל.

— איר רייץ — האָט געזאָגט דער בלינדער צו פאָלן, ווען זיי זענען אַ ווײַלע געבליבן אַליין — באַשטייט אין איר אייגנאַרטיקייט. אפילו דער קלוגער שלמה המלך האָט זיך אונ־טערגעגעבן דעם כשוף פון דער מלכה שבא...

פריילן שומאַן האָט דעריאָגט די צוויי מענער:

— אין אָרדענונג! —האָט זי געזאָגט, צונעמענדיק פון פאָטן אַ בילעט, — אָבער איך וועל קומען ערשט דריי פערטל אויף עלף. אַ פ ע ר ט ל פ אַ ר ע ל ף — האָט זי איבערגעחזרט מיט באַטאָנונג — איך בין אַ פּינקטלעכע.

— וואו זאָל איך קומען נאָך אייך?

— וועגן דעם קען קיין רייד נישט זיין. כ׳וועל קומען אַליין.

דער בלינדער האָט געווענדט אויף זיי זיינע אויסגע־לאָשענע אויגן — און האָט געשוויגן. ווייל ער האָט שטענדיק געהערט אַנדערע רעדן, איז ער אַליין צוגעוואוינט געוואָרן צו שווייגן.

ווען פריילן שומאַן איז אַוועק, האָט דער בלינדער אויס־געדריקט זיין מיינונג:

— אַ הערלעך באַשעפעניש! איצט פאַרשטיי איך, ווי

גליקלעך ס'מוז זיך פילן דער מענטש, ווען נאָך לאַנגע או׳ אומזיסטע בלאָנדזשענישן שווימט ער ענדלעך צו צו אַ ברעג...

— וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?

— אַז דו דאַרפסט מיט איר חתונה האָבן.

פּאַט האָט אָפּגעווענדט מיט אַ קאָפּבאַוועגונג:

— ווען מיר האָבן איינמאָל גערעדט בכלל וועגן חתונה האָבן, האָט זי זיך וועגן דעם ענין אויסגעדריקט מיט אַ פאַר־גלייך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר איר אַרט רעדן...

— ... וואָס עס געפעלט מיר טאַקע, ווייל זי ווייזט דערמיט אַרויס אמתע אינטעליגענץ — האָט דער בלינדער פאַר־ענדיקט. — אינטעליגענץ באַשטייט, לויט מיין מיינונג, אין אויסגעפינען מיט איין איבערבליק אַ צוזאַמענהאַנג אין זאַכן, וואָס זענען אין דער גרעסטער מאָס ווייט איינע פון דער אַנ־דערער, אין צוזאַמענקניפן פיל דערשיינונגען אין איין געמיינ־שאַפטלעכן געזעץ — אין דער פעיקייט אויסצוגעפינען די סינ־טעזע, אין אָפּשאַצן פאַרשידענע, קעגנזייטיק זיך באַרירנדיקע פאַסירונגען.

— דאָס הייסט אַלזוי די שפּעקולאַטיווע פעיקייט? — האָט אויסגעטייטשט פּאַט.

— ריכטיק. וועגן וואָסער פאַרגלייך האָסטו גערעדט, אַז זי האָט אים אַרויסגעזאָגט אויף דער טעמע פון חתונה האָבן?

— זי האָט געזאָגט: די מיינונג, אַז מען מוז חתונה האָבן, כדי צו דערגרייכן די ליבע, איז פונקט אַזוי ריכטיק, ווי מען זאָל זאָגן, אַז מ'דאַרף זיך באַקענען מיט די רעכנביינד־לעך, כדי צו באַגרייפן די העכערע מאַטעמאַטיק.

— דערפאַר ראַט איך דיך, אַז דו זאָלסט זיך אין איר נישט פאַרליבן — איז לעווי געקומען צום אויספיר, און גלייך האָט ער צוגעגעבן:

— אָבער כ'האָב מורא, אַז ס'איז שוין צו שפּעט.

— האָסט מורא, אַז ס'איז שוין צו שפּעט? איך האָב פאַר דעם נישט קיין מורא, כ'האָב נאָר די האָפענונג...

— — — — — — — — — — — — —

פינקטלעך אַ זייגער האַלב ניין האָט מען אָנגעצונדן אַלע

לאָמפּן אין צירק. פּאָל פּאַט איז געשטאַנען אין דער לאָזשע און זיך אָנגעשפּאַרט אָן פּאַראַפּעט. דער שאַרפער ריח פון רייטפּלאַץ האָט זיך אויסגעמישט מיטן געשמאַק פון פּאָמע־ראַנצנשאָלעכץ און מיט שאַרפן אַראָמאַט פון ווייַנפערדלעך, וואָס האָט געשטראָמט פון דער זייט, וואו ס'זענען געזעסן צוויי קינ־דער, וואָס האָבן צווישן זיך געשמועסט און דערביי געגרי־זשעט צוקערלעך. דער סאַמעטענער פּאַראַפּעט, וואָס האָט אַרומ־גערינגלט די אַרענע, האָט אויסגעזען, ווי אַ רויטער, לענגלע־כער קרייז, צוגעהעפט מיט אַ ברייטן, ווייסן גאַרטל, ווי נאַר־וואָס אָפּגעפּאַרבט. ס'האָבן געהאַלטן אין איין צוקומען פרישע מאַסן מענטשן, טומלענדיק פאַרפילט די הילצערנע טרעפּ, פאַר־נומען די ערטער; די אויסגעשרייען פון די פּראָגראַמענפאַר־קויפער, דאָס הילכיקע רעקלאַמירן פון די יינגלעך, וואָס פאַר־קויפן צוקערלעך און אייזקרעם אין זילבערנער פאַרפּאַקונג — דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ גערויש און אַ טומל. דאָס אָרקעסטער האָט אָנגעשטעלט די אינ־טרומענטן. אַ יינגעלע, וואָס איז גע־זעסן הינטער פּאָטן, האָט געלייענט אויפן קול די באַוויכטענע אויפשריפטן פון די רעקלאַמעס און פּאָליציייאישע פאַרבאָטן:

„מען טאָר נישט רייכערן". — „רעזערוו־אַרויסגאַנג".

חוצדעם האָט ער פאַרמאַטערט די עלטערן מיט פראַגן, צו וואָס הענגען אַזויפיל שטריק אונטערן סופיט. ווען די מוזיק האָט אויפגעשפּילט אַ באַגריסונגס־מאַרש, האָבן זיך אויף דער אַרענע באַוויזן צען לאָקייען מיט באַקנבערד, אין רייך שאַמע־רירטע ליבעריעס, און האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ שפּאַלער. דער רויטער, לענגלעכער קרייז האָט געפּלאַצט אין איין פּונקט און צווישן די צוויי רייען ווירדעפולע לאָקייען האָבן אַדורכ־גאַלאָפּירט דריי קליינע פערדלעך, וואָס האָבן געהאַט פייכטע, מילדע אויגן.

אַ פאַרשוין אין אַ פראַק, מיט אַ בייטשל אין איין האַנט און מיט אַ שפּיצרוט אין דער צווייטער, איז דערשינען אויף דער אַרענע און זיך גענייגט אויף אַלע זייטן, ציענדיק דעם צילינדער. אין שיין פון רעפלעקטאָר האָט זיך זיין שאָטן אויסגעצויגן אויפן זאַמד פון דער אַרענע און ס'האָבן אַ בלישטש געטון גאָלדענע מעדאַלן, אַ גאָלדענע קראַוואַט־שפּילקע, גאָלדע־

נע ציין; ס׳האָט אַ גלאַנץ געטון דער לאַקיר פון די הויכע שטיוול.

— און איצט? וואָס וועט איצט זיין? האָט געפרעגט דאָס יינגעלע, וואָס איז געזעסן הינטער פּאָטן, ווי ס׳זעט אויס שטאַרק באַהערשט פון נייגיר.

זיין שוועסטער, וואָס דאָס באַזיצן אַ פּראָגראַם האָט זי שטאַרק שטאָלץ געמאַכט, האָט איבערגעלייענט:

„דריי פּאָניס (קוציקעס), אויסגעדרעסירטע פון קאָלאָנעל סטאָק".

און קאָלאָנעל סטאָק האָט זיך אויסגעדרייט צו זיינע קוציקעס, צוגעוואָרפן זיי עטלעכע ענגלישע ווערטער און אַ קנאַל געטון מיטן בייטשל.

פּאָט האָט געטראַכט וועגן דעם, פאַרוואָס די בלאָנדע פריילן שומאַן קען נישט קומען פאַר עלף. דער ענין איז אים נישט געווען קלאָר. דריי פערטל אויף עלף — קיין מינוט נישט פריער.

אויפן צייכן פון דער קאָמאַנדע האָבן די פערדלעך געהאָרכזאַם זיך אַוועקגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום זיך אַליין און אַנידערגעקניט.—ס׳איז העכסט וואַרשיינלעך, אַז אין לעבן פון פריילן שומאַן שפּילט אַ ראָלע עפּעס אַ מאַן, וואָס מיט אים פאַרברענגט זי די צייט יעטוועדן אָוונט ביז אַ זייגער צען.

אין דער קעגנאיבערדיקער לאָזשע איז פּלוצלינג געוואָרן אַ טומל: פיר מענער האָבן זיך פאַרביסן געקריגט איבער עפּעס. די פערדלעך זענען געבליבן שטיין, דאָס אָרקעסטער איז אַנטשוויגן געוואָרן. די צוקוקער האָבן געווענדט די אויגן אין דער זייט, וואָס פון דאָרטן האָט זיך דערטראָגן דער גערויש. דער סכסוך האָט געטראָגן אַ טראַגי-קאָמישן כאַראַקטער. ס׳האָט אַ קנאַל געטון אַ רעוואָלווער-שאָס. דריי קלאָונס האָבן אַנידערגעוואָרפן דעם פערטן קלאָון אויף דער ערד. נאָך אַ קורצן געשלעג האָבן זיי אים אַרויסגעוואָרפן אויף אַזאַ אופן, אַז ער האָט געמאַכט אַ גרויסן בויגן אין חלל, זיך איבערגעדרייט אינדערלופטן און וייך אַראָפּגעפאַלן אויף דער אַרענע, ווי אַ ריזעדיקער, אַנבוי-

נערדיקער פּאַיאַץ. דריי פערדלעך, וועלכע האָבן זיך דערווייל אויסגערוט, האָבן אויפסניי אָנגעהויבן באַווייזן זייערע קונצן אין ריטם פון אַ פּאָקסטראָט. די דינערשאַפט האָט דעם פּאַיאַץ אַרויסגעטראָגן פון דער אַרענע.

— זיכער עקזיסטירט עפּעס אַ מאַן אין לעבן פון פרייקן שומאַן — האָט זיך פּאַל איבערגעצייגט אין געדאַנק, — אויף געוויס! ווײַבאַלד זי איז ערשט אַזוי שפּעט אין אָוונט פריי. אַ מאָדנע פרוי!

ס׳האָט זיך אים ביז איצט גאָרנישט איינגעגעבן געוואָר צו ווערן וועגן אירע פּריוואַטע עסקים. ער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגערל. ער האָט אַזויפיל געוואוסט וועגן איר אינטע-ליגענץ — און אַזוי ווייניק וועגן איר נשמה. אירע אויגן זענען פול געווען מיט לויטערקייט, אָבער...

קאָלאָנעל סטאָק און זיינע קוזיקעס האָבן אַרויסגערופן לעבהאַפטע אַפּלאָדיסמענטן. די מוזיק האָט ווידער אָנגעהויבן צו שפּילן. דאָס קינד האָט איבערגעלייענט אין פּראָגראַם:

„באַבינאָ און באַבינעט, אַקראָבאַטן אויף אַ ראָווער".

— אירע אויגן זענען פול מיט לויטערקייט — האָט פּאָל געטראַכט, — אָבער אין אירע רייד שפּיגלט זיך אָפּט אָפּ אַ געוויסער מאַנגל און געצווימטקייט. אַ דייטלעכע אונטערדריקונג פון אַלע אַמאָליקע פאָרשטעלונגען וועגן ליבע...

די דינערשאַפט האָט אַוועקגעלייגט אויף דער אַרענע אַ גרויס ברעט, באַטראַכטנדיק פריער גענוי אַלע פיר עקן.

— און אפשר איז פרייקן שומאַן אינדערעמתן אַ פּאַרנונפ-טיקער מענטש... דער מאַן, וואָס מיט אים זעט זי זיך יעדן אָוונט, וועלכער פּונקט אין דערדאָזיקער רגע...

אַ פּאָר ציקליסטן האָט זיך באַוויזן אויף דער אַרענע. ביידע זענען געווען אָנגעטון אין בלאָע טריקאָטן, נעט צוגעפּאַסטע צום קערפּער. זייער רייטן איז ווירקלעך געווען קאָרקבערעכע-ריש: אָט האָבן זיי זיך אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אָן פּירהעגטל, אָט זענען זיי געפאָרן הינטערווייַלעכטס, דרייענדיק די פּעדאַלן מיט די הענט. באַבינעט האָט צעלייגט דעם ראָווער אויף צוויי טייל, האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס פאָרדערשטע ראָד און אַרומ-

געפאָרן איבער דער אַרענע, באַלאַנסירנדיק אויפן הינטערשטן ראָד. דער קלאָון האָט אַ קוויטש געטון, ווי ער וואָלט זיך גע-שראָקן, אַז די ציקליסטין וועט אים איבערפאָרן, האָט זיך אַ ווײַלע מיט איר אַרומגעיאָגט, דערנאָך האָט ער זיך איבערגעקערט אויפן אָנלען און איבער אים געמאַכט אַ דריי קאָזשעליקעס, אַרויסרופנדיק דערמיט אַ שרעק בײַ די נעבנטער זיצנדיקע צו-קוקער.

— ווען פרײַלין שומאַן וואָלט געזאָגט: — כ'בין מסכים צו פאַרברענגען מיט אײַך הײַנטיקן אָוונט, נאָר מיטן תנאי, אַז אין דער באַשטימטער שעה מוז איך אײַך פאַרלאָזן, — וואָלט די זאַך אויסגעזען פיל נאַטירלעכער, אָבער...

דער קלײנער שכן פון הינטן האָט געלײענט:

„מיס פרידעל אויפן שטריק און דער קלאָון אלפרעד".

פאַל האָט ווידער אַרויסגענומען ס'זייגערל און אויפמערק-זאַם באַטראַכט די טענצערין, וואָס האָט זיך לײַכט גערוקט אויפן שטריק. און דערבײַ האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער סטודענטין, וואָס האָט זיך ערנסט צוגע-הערט צו די לעקציעס פון פּראָפעסאָר נאַנס „וועגן דער לאָגיק פון אומענדלעכקייט".

דער קלאָון אַלפרעד האָט זיך אָנגעהאָנגען אויפן בום, און ווען זײַן פאַרטנערין האָט באַוויזן אירע קונצשטיק, האָט ער זיך געמאַכט, ווו ער וואָלט געציטערט פון שרעק. דערנאָך האָט ער אַ רגע זיך געמאַכט, ווי ער האַלט נאָר-וואָס אַראָפּ-צופאַלן, נאָר ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן בום, געמאַכט אַ קאָזשעליק און געבליבן אַזוי הענגען מיטן קאָפּ אַראָפּ. פרײַלין פרידעל האָט זיך מיט ברייטע שפּיזן געגליטשט אויפן דראָט. אַ לאַקײ אין זײַבערע ווײַסע הענטשקעס האָט איר דערלאַנגט אַ פידל. ס'אָרקעסטער איז אַנטשוויגן געוואָרן. און בײַ דער טיפער שטילקייט פון פובליקום, אין לבנה-שײַן פון די רע-פלעקטאָרן, האָט די אַקראָבאַטין געשפּילט אַ קאָנצערט, מעלדנ-דיק, אַז דאָס איז לישטס אַ ראַפּסאָדיע.

„הײַנטיקן פרימאָרגן איז פרײַלין שומאַן געווען שענער זוי אַלעמאַל — מער פרײלעך, מער שלאַנק, מער באַאומרואיקנ-

דיק, ווי געווײנלעך. אַ פּרויען־קערפּער פאַרמאָגט אין זיך אַזוי־פיל חן, אַז טײלמאָל שטעל איך זיך די פראַגע, צי געהערט אַמאָל נישט די פרוי צו אַן אַנדער ראַסע, ווי מיר. מ׳קען נאַרנישט צווײפלען אין דעם, אַז אַ קלאַטשע איז די זי פון מין פערד. און אויך אין קעניגרײך פון די פיש איז עס אַ קלאָרע זאַך. אָבער ווען עפּעס אַ נאַטורפאָרשער, אַ זאָאָלאָג פון אַן אַנ־דערן פּלאַנעט, וואָלט דערפינדן אַ מאַן מיט אַ פרוי, וואָלט ער קוים געוואָלט גלייבן, אַז דער זכר און די נקבה פון מענטש־לעכן מין געהערן צו איין און דערזעלבער ראַסע".

„... און טאָמער וועט זי איינגאַנצן נישט קומען?...“ — האָט פּאָט געטראַכט מיט שרעק, אײנקוקנדיק זיך אין די אַרייַנ־קומענדיקע.

ער האָט אַפּלאָדירט די אַקטיאָרן צוגלייך מיט אַנדערע, אָבער אָן ענטוזיאַזם.

ס׳איז קיין צווייפל נישטאָ דערין, אַז זי מוז אַרייַנקומען דורך דערדאָזיקער טיר. זיינע אויגן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אַרומבלאָנדזשען איבערן זאַל, האָבן אויטאָמאַטיש איבער־געלייענט די אויפשריפטן: „באַלקאָן־לאָזשעס פון נומער 351 ביז נומער 450“. זיין אָרט האָט געהאַט דעם נומער 417; ער האָט אין געדאַנק געחשבונט:

„פיר פּליוס איינס פּליוס זיבן — איז צוועלף, געטיילט דורך דריי. וועלן — מיר — זען!“

מיט דער הילף פון אַסאָציאַציע האָט ער זיך דערמאָנט אָן אַ געוויסן ריכטער פון טאָלסטאָיס אַ דערציילונג, וועלכער פלעגט אויף די אַקטן, וואָס זענען אים געוואָרן אונטערגערוקט צום באַטראַכטן די אורטייקן, בלויז איבערלייענען דעם לויפ־נומער, אונטערציען די ציפער — און אויב זיי האָבן זיך גע־טיילט דורך דריי, האָט ער באַשלאָסן צו אַנולירן דעם אורטייל, — אין אַ פאַרקערטן פאַל, האָט ער דעם אורטייל באַשטעטיקט. ווי ווייט האָט זיך איצט אויסגעוויזן פאָטן זיין קאַריערע אַלס באַאַמטער!... ס׳זענען נאָך אַפילו נישט פאַרביי קיין דריי חדשים פון לעצטן אורטייל, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן — אַרויסגעבנדיק גלייכצייטיק אַן אורטייל אויף זיך אַליין.

זער אָפּקלאַנג פון סקאַנדאַל איז נאָכנישט געהאַט אַנטשוויגן

געוואָרן. אַזעלכע עבֿאָס חזרן זיך אין פּאַריז איבער, ווי דער עבֿאָ אונטער אַ בריק — פּיראונצוואָנציק מאָל כּסדר, נישט ווערנדיק דערביי שוואַכער אין זייער קלאַנג. דערנאָך ווערן זיי פּלוצלינג אַנטשוויגן — ווען ס'געשעט אַן אַנדערער, אַ פּרישער, אַ נאָך פּיקאַנטערער סקאַנדאַל. פּאָל פּאָט איז טאַקע דעמאָלט געהאַט געשטאַנען ביים העכסטן פּונקט פון זיין רום. די אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן האָט אים איינגעלאַדן צו האַלטן אַ פּאָרלעזונג וועגן די חסרונות אין דער געזעצגעבונג, דערביי האָט ער דערגרייכט אַזאַ גרויסן דערפאָלג, אַז מ'האָט אים אַרויסגערופן טעלעגראַפיש קיין לעאָדיום און גענף, איבערצוחזרן דאָרט דעם פאָרטראַג. אָבער עמעצער האָט אים פאַרהאַלטן אין פּאַריז — עמעצער, וואָס האָט אַ ליאַדע מינוט געדאַרפט אָנקומען... ער האָט זיך אומגעקערט און נאָכאַמאָל איבערגעלייענט: „באַלקאָן-לאָזשעס פון נומער 351 ביז נומער 450”.

די, וואָס זענען געזעסן אויף די הינטערשטע בענק, האָבן זיך אויפגעשטעלט. אַ טייל פון פּובליקום האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. די פאַרקויפער פון נאַשוואַרג האָבן אויפסניי אָנגעהויבן אַרומגיין צווישן די שטולן-רייען, רעקלאַמירנדיק זייער סחורה. אַ קלאָון, איבערגעטון פאַר אַ מאַהאַראַדזשאַ, האָט זיך באַוויזן אין אַ באַקוועמער פּאָזיציע צווישן די האָרבן פון אַ קעמל און האָט אויף אַלע זייטן געפאָכעט מיט אַ שילד, וואָס האָט געהאַט די אויפשריפט: „צען מינוטיקער אַנטראַקט”.

פּאָט איז אַרויסגעגאַנגען אין רויכערזאַל, כּדי צו פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן איבערן קאָרידאָר. ביים אַריינגאַנג צו די שטאַלן זענען געשטאַנען די שטאַלהיטער אין ליבערייעס און פאַרקויפט שטיקלעך צוקער, וואָס מ'האָט געמעגט געבן צו עסן די פערד הינטערן ווענטל.

פּאָט איז צוגעגאַנגען צו אַ גראָ פערדל און אים דערלאַנגט אַ פולע האַנט צוקער; דאָס צורירן זיך פון עפּעס ווייכס, וואַרעמס, סאַמעטיקס צו דער האַנטפלאַך האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ ציטער. דער קוציק פון שכנותדיקן באָקס האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. האָט באַוויזן ווייסע, בלישטשנדיקע ציין און אים שטיפעריש אַ צי געטון ביי דער מאַרינאַרקע, — פּאָל האָט געגעבן אויך דעם קוציק עטלעכע שטיקלעך צוקער.

דערנאָך האָט ער געקויפט געטריקנטע פייגן פאַר די העלפאַנטן, וואָס זענען געשטאַנען מיט איין פוס צוגעבונדן צום דיל און זיך פויל געוויקט. פּאָל האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו וואַרפן אַ פייג. די קויטשוקאַרטיקע לאַנגע נאָז האָט זיך ווייך און פאַמעלעך אויפגעהויבן איבערן פאַרמאַכטן ראָזן פּיסק — און די פייג איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער אומגעהייער טיפער קעל. איינער אַ הער, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פונדאַנען, האָט דערציילט זיין באַגלייטערין אַ מעשה וועגן אַ העלפאַנט, וואָס איינער האָט אים אויס שפּאַס אַריינגעוואָרפן אין פּיסק אַריין אַ ברענענדיקן פּאַפּיראָס — און ווען יענער איז צוגעקומען אין פּופּצן יאָר אַרום צו דער שטייג מיטן העלפאַנט, האָט אים די חיה דערקענט, אים אָנגעכאַפּט מיט דער נאָז און אים אַ שליידער געטון צום באַלקן. פּאָט האָט העפלעך געענטפערט אויף דער אַנטשולדיקונג פון דעם דערציילער, וועלכער האָט אים נישטווילנדיק אַ שטויס געטון. יענער ווידער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דערדאָזיקער געלעגנהייט, כּדי אויף איין פוס צו שאַפן אַ פרישע מעשה וועגן אַ יעגער, וואָס האָט באַפרייט פון אַ פאַנגנעץ, וואָס איז געוואָרן אָנגעשטעלט פון די איינגעבוירענע — די מעשה איז זיך פאַרלאָפן אין אַ דזשאָנגל — אַ קליינעם, אומבאַהאָלפענעם העלפאַנט. אין פיר יאָר אַרום האָט דערזעלבער יעגער בייגעוואוינט אין אַ צירק אין אַמסטערדאַם אַ פאָרשטעלונג, וואָס אין איר האָבן אָנטייל גענומען העלפאַנטן. צווישן זיי האָט זיך געפונען יענער קליינער העלפאַנט, וואָס אונזער יעגער האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון דער פאַנגנעץ און וואָס איז אַ צווייט מאָל אַריינגעפאַלן. מ׳האָט אים געכאַפּט און פאַרקויפט אויפן האַמבורגער מאַרק. אַז דער העלפאַנט איז אַרויס אויף דער אַרענע, האָט ער גלייך דערקענט זיין אַמאָליקן רעטער, און — ריכטנדיק זיך לויטן געפיל פון דאַנקבאַרקייט...
ווייסט איר, מיין הער, וואָס ער האָט געטון?

— ניין — האָט געענטפערט פּאָט.

— ער איז צו אים צוגעגאַנגען, פאָרזיכטיק אים גענומען אויף דער נאָז, אויפגעהויבן אינדערהייך און איבערגעטראָגן

פון אַן אָרט פאַר דריי פראַנק פופציק אין אַ לאָזשע פאַר הונדערט און צוואַנציק פראַנק.

פאַט האָט די מעשה געקענט שוין פון אַ יאָר אַהער, ער האָט זי שוין געהאַט געהערט אַ צוואַנציק מאָל — ער האָט זי אַליין דערציילט די ריכטער בעת דער סעסיע, ביי די הפסקות צווישן איינמאָל און אַ צווייט מאָל אָפציילן צענדליקער יאָרן תפיסה.

דאָך האָט ער אַ שמייכל געטון, ווי ער וואָלט עס גע-הערט דערציילן צום ערשטן מאָל. אַ לאַנגער קלונג האָט גע-רופן ס׳פובליקום צוריק אין זאַל אַריין. פאַל האָט פאַרבענקט אַ קוק געטון אויפן זייגער. אַ גאַנצע משפחה אַקראָבאַטן האָט זיך אויסגעשטעלט אויפן פאַטערס אַקסל אין אַ הויכע פּיראַמי-דע, דערביי האָט דאָס יינגסטע קינד, וואָס איז געווען אַוועק-געשטעלט מיט די פיס אַרויף אויפן ברודערס קאָפּ, האָט מיט די פוסזוילן געוואָרפן אַ באַלעם, געמאָלט אין גרויסע, העלע פאַסן.

ס׳איז שוין געווען פופצן מינוט נאָך צען. פאַל האָט אָנ-געשטרענגט דאָס געהער צו באַפּן יעדן שאָרך — נאָר ס׳איז קיינער נישט אָנגעקומען. קיינער נישט. אַלע לאָמפּן — אַפילו די רויטע גדילעמפּלעך איבער די רעזערוו-טירן — האָבן זיך אויסגעלאָשן — די מוזיק איז אַנטשוויגן געוואָרן.

די שטאַל-יונגען, די קלאָונס, דער צירק-פּאַרוואַלטער — אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, אונטערן קרייץ-פייער פון די רעפלעקטאָרן. דאָס קינד, וואָס איז געזעסן הינ-טער פאַטן, האָט זיך אַריבערגעבויגן און זיך כמעט אָנגע-שפּאַרט אָן פאַטס אַקסל, ווען ער איז איבערגעלייענען ביים טונקעלן שיין דעם פּראָגראַם-נומער:

„פריילן...״

אַ גראַציעז, ווייס פערדל איז אַריינגעלאָפן מיט אַן עלאַ-סטישן טריט אויף דער אַרענע. אויפן זאָטל איז לייכט געזעסן אַ יונג מיידל אין אַ ראָזן טריקאָט און פון אויבן אַ מאַנטל פון ווייסן, שימערירנדיקן זייד. די רעפלעקטאָרן האָבן באַגאָסן די רייטערין און דעם פערדל מיט אַ פיאָלעט ליכט פון אַלע פיר זייטן; איר שאָטן איז אין דער קוואַר געפאַלן אויפן זאַמד פון דער אַרענע.

דעם קליינעם האָט זיך ענדלעך איינגעגעבן צו אַנטציפֿערן די אויפֿשריפֿט:

„פֿריילן שומאַן, אַקראָבאַטישע קונצן אויפֿן פֿערדל...‟

פֿאַרבײַרײַטנדיק פֿאָטן, האָט פֿריילן שומאַן, אַ סטודענטין פֿון פֿילאָזאָפֿיע פֿון דער סאָרבאָנע, אָפּגעדעקט דעם פֿלאַמענדיק-העלן קאָפּ, און אַלס צייכן פֿון באַגריסונג האָט זי דריי מאָל אַ קנאַל געטון מיטן בייטשל אָן דער ערד.

קאַפּיטל 3

פּאַל פּאַט האָט אַ דריק געטון מיטן פינגער אַ קנעפּל — און די טיר האָט זיך געעפנט.

די טויערן אין פּאַריז עפענען זיך אַליין, פּונקט ווי אין די הייזער וואָלטן געוואוינט גייסטער. פּאַל איז אַריין אין פּאָרהויז; דער שווייצער האָט אַוועקגערוקט דעם פּוירהאַנג און געפרעגט דורכן פענסטערל:

— צו וועמען גייט איר?

— צום הער לעווי.

דער בלינדער האָט אים געעפנט די טיר און זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויפן בעט. פּאַט האָט צו אים געזאָגט:

— כ׳מוז מודה זיין, אַז ס׳איז איצט נישט די שעה פון אָפיציעלע וויזיטן! ס׳איז איצט נאָך נאַכט.

— פאַר מיר איז שטענדיק טאָג — האָט זיך אָנגערופן דער בלינדער.

— כ׳בין גליקלעך — האָט פּאַט גערעדט האַסטיק: — צי ווייסטו, וואָס עס איז אַזוינס גליק?

— אַן אויסגעחלומטע דערשיינונג פון פאַרשידנאַרטיקער דויערהאַפטיקייט. נו, דערצייל פון דיין גליק!

און ער האָט זיך טיפער פאַררוקט אונטער דער קאָלדרע.

פּאַט האָט אָנגעהויבן צו רעדן. פון צייט צו צייט האָט ער אָפּגעהאַקט און צוגעוואָרפן די פראַגע:

— דו שלאָפסט?
— ניין, כ'שלאָף נישט. רעד ווייטער.
און פּאַט האָט דערציילט מיט שטייגנדיקער שפּאַנונג:
— איך זאָג דיר: דאָס אַלץ האָט אויסגעזען, ווי אַ כשוף־מעשהלע פון דער ראָמאַנטיזם־עפּאָכע: אַ צירק פון פאַר פופציק יאָר, ווי לעבעדיק אַרויסגענומען פון אַן אַלטן אַלמאַנאַך... אַ שטאַל־וועכטער האַלט איןביידע הענט אַ מיט פּאַפּיר אַרומגעקלעפּטע רייף — די רייטערין שפּרינגט אַריבער אין גאַלאָפּ די רייף און געפינט זיך גלייך ווידער מיט אומגעהייערער פלינקייט אויפן פערדס רוקן... דער קלאָון דערקלערט זיך איר אין ליבע קניענדיק, דערלאַנגענדיק איר אַ קראַנץ פון גרינסן... און זי מיידט־אויס אימפּעטיק די שטערונג... כ'זאָג דיר: וואונדערבאַר!
כ'האָב געפּאַטשט בראַוואָ, ווי אַ קליין קינד. כ'האָב גע־רופן „ביס", כאָטש די האָר האָבן זיך מיר געשטעלט קאַפּויר, זעענדיק אירע קאַרקברעכערישע קונצן. וואָס שפּעטער איז גע־שען, געדענק איך נישט. דער געדאַנק איז מיר פאַרנעפּלט, אָבער דאָך ווי באַלויכטן מיט הונדערטער לאָמפּן. ס'איז גע־נוג, אַז כ'זאָל אויף אַ רגע פאַרמאַכן די אויגן — און ווידער זע איך די אַקראָבאַטן אויף די האָריזאָנטאַל־הענגנדיקע לײ־טערס, ווי זיי וויגן זיך אויף די הענט איבערן תהום פון דער אַרענע. כ'הער דאָס געפּויקעריי פון די פּויקן און דאָס זעצן אין די קעסלען, ווען זייערע פיס באַרירן ענדלעך אַן אַ מכשול די ערד. כ'זע דעם יאַפּאַנער, ווי ער האַלט זיך מיט די ציין ביים שטריק, וואָס איז געווען פאַרפעסטיקט אין דער קווער איבער דער אַרענע. און ווידער הער איך, ווי די מוזיק פאַר־שטומט אין שווערסטן מאָמענט, און אָט דאָס שווייגן איז פאַר מיר אַזוי דערדריקנד, פונקט ווי איך אַליין וואָלט געהאָנגען אין חלל איבער דער אויסגעשפּרייטער נעץ... פאַר די אויגן שטייט מיר אַ שיינע, געשטרייפטע זעברע—און אַ קלאָון, וואָס, חענגט־אויף, פאַרהאַלטנדיק דערביי די פיינסטע מאַניערן, זיין הוט אויף נישטעקזיסטירנדיקע קליידערהענגערס, און ווען דער הוט פאַלט אים אַראָפּ אויף די פיס, גייט ער אַוועק מיט פּו־לער פאַראַכטונג פאַר די פאַרפליכטנדיקע פיזישע געזעצן, און אָן שום סיבה לאָזט ער אַראָפּ דעם ערשטן מענטש, וואָס צר

ארעפט אויפן וועג, אַ פייערדיקן פּאַטש. דערנאָך זע איך די אַקראָבאַטן, וואָס חשבונען אויס אין געדאַנק די מינדעסטע אָפּנייגונגען אין דער אומרו-באַוועגונג פון טראַפּעז, און אין ריכטיקן מאָמענט כאַפּן זיי אָן — צעהוידערטע אינדערלופטן — דעם אַדורכשוועבנדיקן קווערשטאַנג פון טראַפּעז.—דו שלאָפסט?

— ניין, כ'שלאָף נישט. רעד ווייטער.

— דערנאָך, דערנאָך ווידער זי... אין אַן אַמאַזאָנען-קלייד פון שוואַרצן טוך, פיין געפּאַסט, אין בלישטשעדיקע, לאַקירטע שטיװל, אין שוואַרצן הוט, וואָס...

— ... איז אַ קאָנטראַסט צו אירע גאָלדענע האָר. אָט דאָ האָב איך דיך געפּאַקט!... דערצייל ווייטער!

— אַ העכערע רייט-שול. איר פערד וויגט זיך אין ריטם פון אָפּענבאַכס באַרקאַראָלאַ, וואָס מיין באָבע פלעגט אויס-שפּילן אויפן שפּינעט. געדענקסטו „האָפמאַנס דערציילונגען”?

— ניין, כ'האָב מיין באָבע נישט געקענט.

— דאָרט געפינט זיך אַ מאָדנע זינלאָזע סטראָפע: „Belle nuit, o nuit d'amour, souris à nos ivresses”...*)

— נו, און וואָס ווייטער?

— וואָס ווייטער? נאָך דער פאָרשטעלונג בין איך אַריינ-געפאַלן אין איר גאַרדעראָב. כ'ווייס נישט, וואָס איך האָב איר אַזוינס געזאָגט. כ'רעכן, אַז כ'האָב זיך געמוזט פאַרהאַלטן גאָר משונהדיק. איך ווייס נאָר, אַז זי האָט שטאַרק געלאַכט. דער-נאָך האָט זי מיך געהייסן זיך אויסדרייען, וואָרום די גאַרדע-ראָב-באַדינערין איז געקומען איר צוהעלפן זיך איבערטון. צווישן פודערקעסטלעך און שמינקעס, צווישן קאָסטיומען און בייטשלעך האָב איך געפונען ביכער פון מעטאַפיזישן און טעאָ-לאָגישן אינהאַלט; אויף איין וואַנט זענען געהאָנגען פאָרטרעטן פון פילאָזאָפן, אויף דער אַנדערער — בילדער פון קלאָונס. כ'האָב איר געפרעגט, וואָס דאָס אַלץ באַטייט. האָט זי מיר געענטפערט, אַז דאָס זענען פילאָזאָפן, אַ חוץ שעלינג, וועלכער איז געווען אַ ליץ, און די אַנדערע זענען ליצים, אַ חוץ שאַרלי טשאַפּלין, וועלכער איז אַ פילאָזאָף, אַ בייזער, פאַרקרענקטער

*) „שיינע נאַכט, אָ, נאַכט פון ליבע, דאָס באַהעלטעניש פאַר אונזער שיכרות...”

הונט, וואָס מ׳האָט אים גערופן ברוינינג, האָט מיר מיטן בליק מרמז געווען, אַז מיך וועט ער פונדעסטוועגן נישט בייסן. אין דער גאַרדעראָב איז געשטאַנען אַ געמישטער ריח פון אָ-דע-קאָלאָן, בלומען, שטאַל און אַ פּרויען-דופט. זי האָט מיר דערקלערט די סיבות פון איר אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. אָ, ווען דו זאָלסט וויסן, ווי אַט די דייטשקע האָט באַגרייפט דעם מהות פון פּאַריז, דעם גייסט פון אונזער שטאָט!

— דאָס איז אַ פאַרשיכּורנדיקע שטאָט—האָט זי געזאָגט:— זי איז ס׳רוב באַוואוינט פון מענטשן מיט סענטימענטן. פּאַריז איז אַ שטייגער ווי אַ מזרח-לאַנד, וואָס פאַרמאָגט אויך אַ קליינע אייראָפּעישע פּראָווינץ. פּאַריז האָט אַן אַמעריקאַנישע פּראָווינץ: דאָס איז מאָנמאַרטר. די רעשט באַשטייט פון טרוימעריי און סענטימענטאַלקייט. די איבערפלעכלעכע מענטשלעכע מיינונג האָט פון פּאַריז געמאַכט אַ שטאָט, וואָס איז באַוואוינט פון אַוואַנטוריסטן און קורטיזאַנעס, וואָס עקזיסטירן בלויז אין דער פאַנטאַזיע; — פּונקט אַזויווי ס׳איז אַנטשטאַנען די לעגענדע וועגן כינע, וואו אַלע טראָגן, כּלומרשט, צעפּ און וואו אויף יעדן ראָג גאַס זיצט אַ הענקער, וואָס פאַר אַ ליאַדע קלייני-קייט האַקט ער אַראָפּ דעם קאָפּ. מיר קענען זיך נישט באַ-פרייען פון דער סוגעסטיע פון דידאָזיקע שאַבלאָנע מיינונגען. באַך היינטצוטאָג לייענען מיר גערן אין די פראַנצייזישע צייטונגען די נייעסן, וואָס ווערן אַלעמאָל איבערגעחזרט דורך שוטים, אַז אין איטאַליע עסן די „לאַצאַראָנען״ (אָרעמע) אויף די מעדיאָלאַנער גאַסן גאַנצע הויפנס לאָקשן, מאַכנדיק זיך זאָרגלאָזע „דאָלטשע פאַר ניענטע״ (דאָס זיסע ליידיקגיין); — און אַז אין שפּאַניע באַשטייט איין העלפט פאָלק פון ציגיינע-רינס, און די צווייטע העלפט פון טאָרעאַדאָרן. נאָר די אויס-לענדער, וועלכע זוכן פאַרוויילונגען אין ביינטן ראַיאָן, און די בגילופינדיקע זשורנאַליסטן, וואָס זענען מיט אַ טאָג פריער גע-קומען פון אויסלאַנד, — נאָר זיי דערציילן און באַשרייבן, אַז פּאַריז איז אַ „וויל לימיער״ (אַ שטאָט פון לוקסוס), אַז די מי-דינעטינס (מאָדיסטינס) דרייען זיך אַרום גאַנצע טעג אויף רי דע לאַ פּעי מיט „גיגאָלאָס״, טרינקען נאָר שאַמפּאַנער, און זונ-טיק לאָזן זיי זיך אַוועק אין בולאָנער וועלדל זוכן אַן אַפּאַש,

וואָס וועט זיי דערמאָרדן. כ'האָב דאָ איבערגעחזרט זאַכן, וואָס אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ די זשורנאַליסטישע לייכטגלויביקייט.

— אין פּאַריז — האָט זי ווייטער גערעדט — זעען מיר אַ פּובליקום, וואָס באַגייסטערט זיך אין קליינע קאַבאַרעטן, אין „טעאַטר דע קאַריקאַטירס", פֿון אַ סאַטיריש לידל אָדער אַ שטאַרק געפּעפּערט קופּלעט. אָבער די מענטשן ווערן אויף אַן אמת געריירט פֿון אַן אַלטן זינגער, וואָס זינגט אַ ביסל שוין אָפּגעבליאַקעוועטע ראָמאַנסן. דערפֿאַר טאַקע — ווען כ'האָב זיך באַוויזן אויפֿן פּאָן פֿון אַמעריקאַניזירטן מוזיק-האָל אין אַן אַלטפֿרענקישן קאָסטיום, מיט אַלטפֿרענקישע קונצן, מיט אַן אַלטפֿרענקישער מעלאָדיע—האָב איך גע מ ו ז ט האָבן דערפֿאָלג. דאָס פּובליקום, וואָס איז פֿול מיט אמתער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר סענטימענט, האָט זיך צו מיר באַצויגן, ווי צו אַן אַלט ליד... דו שלאָפֿסט?

דער בלינדער האָט איבערגעחזרט דאָס לעצטע וואָרט. ווי צוליב קאָנטראָל:

— ... ווי צו אַן אַלט ליד...

— אַרום האַלבער נאַכט זענען מיר געקומען אויפֿן מאָנמאַרטר, געטרונקען ליקער, געטאַנצט טאַנגאָ, און אין צוויי אָדער דריי שעה שפּעטער האָב איך זי אַהיימגעפֿירט אין אַן אויטאָ, וואָס איז געלאָפֿן פֿיל שנעלער, ווי איך האָב באַגערט... זי האָט אַוועקגעלייגט איר קעפּל אויף מיין אַקסל און מיך געלערנט די גאָר נאַרישע און באַצויבערנדיקע ווערטער פֿון „באַרקאַראָלאַ" אין „האָפֿמאַנס דערציילונגען".

פֿאָל פֿאָט האָט זיך אַרומגעקוקט. פֿאַרוועלקטע און פֿאַרבלאָזע בלומען, אָפּגעבליאַקעוועטע איילדרוקן, אויסגעריבענע רעמען. געוויסע ברואים, וואָס לעבן אין נאָרעס, פֿאַרלירן די פֿאַרב, ווערן גראָ, אָפּגעבליאַקעוועט... דאָסדאָזיקע צופּאַסונגס-נעזעץ האָט אויסגעוויזן צו ווערן אויך אָנגעווענדט אויף די זאַכן אין דער וואוינונג פֿון בלינדן.

ער האָט געפֿרעגט:

— און איצט?

— איצט וועל איך שוין גיין, ס'איז שוין טאָג.

— פֿאַר מיר איז שטענדיק נאַכט.

און האָט באַגלייט דעם גאַסט ביז צו דער טיר.

פּאָט איז אַרויס אויף דער גאַס, וואָס איז געווען ווי געוואַשן אין זונען-שיין. ער האָט אָפּגעטרעטן אין שטוב, זיך איבערגע-טון און אַראָפּ צו אַ מעטראָ-סטאַציע. ער איז אַריין אין אַ וואַ-גאָן פון צוג, וואָס פירט צום לאַטיינישן קוואַרטל. אין דער סאָרבאָנע האָט ער געטראָפן פריילן שומאַן, די רייטערין, אין אַ גרעון קאָסטיום, מיט פיילכן צוגעשפּיליעט צום גאַרטל. זי האָט אים דערלאַנגט צוויי ביכער אין הילעס פון אָראַנזשן-קאָליר:

— אָט האָט איר די ביכער, וואָס איר האָט געבעטן. ברינעז: „די דעגראַדאַציע פון ענערגיע", און גוסטאַוו לע באָן: „די עוואָלוציע פון מאַטעריע".

פּאָט האָט צוגענומען פון איר האַנט די ביכער און איר אַריינגעקוקט אין די אויגן. ווען עמעצער קוקט זיך איין אַ לענ-גערע צייט אין ים, דאַכט זיך אים, אַז ווען ער זאָל זיך אָפּ-טוקן אינם דאָזיקן וואַסער, וואָלט ער צוריק אַרויסגעקומען אינגאַנצן אַ בלאָער. אין פריילן שומאַנס אויגן האָט פּאָל זיך אויסגעבאָדן אויף הימלבלאָ.

— דער פּראָפעסאָר גייט — האָט זי געזאָגט.

ווירקלעך האָט דער עלעגאַנטער פּראָפעסאָר שוין פאַר-נומען זיין אָרט אויף דער קאַטעדרע.

פּאָט האָט געטראַכט, אַז מ'וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט אָט דעם פּראָפעסאָרל אַוועקשטעלן אונטערן קרייץ-פייער פון פיר רעפלעקטאָרן.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין די געביטן, וואו ס'פּאַלט קיינמאָל נישט קיין רעגן און ס'הערשט אַ רעגולערע טעמפּעראַטור — מיט וואָסער באַ-שטימטער פּראָזע הייבן אָן די נאַראָנים ס'געשפּרעך?

— וואָס פאַראַ שיין וועטער היינט איז!

פּאָט האָט זיך אויסגעדרייט:

— אַ, מוסיע קלינטאָן!

און דערלאַנגט אים די האַנט.

קלינטאָן האָט פאַרנומען אַ רעגירונגס-אַמט.

— וואָס טוט איר אויף מיינע טרעפּ, הער פּראָקוראָר? — האָט פּאָט געפרעגט — איר האָט געוואָלט מיך באַזוכן?

— ניין. כ׳גיי צו קאָסין וועגן מיין אישיאַס. איך זאָג עס אייך און בעט אייך גלייכצייטיק, אַז איר זאָלט וועגן דעם ווי צומשנעלסטן פאַרגעסן, ווייל אָן דעם איז אָפּהענגיק מיין קאַריערע.

פּאָל האָט זיך פאַרוואונדערט:

— לויט מיין מיינונג, וואָלט אייך טאַקע דער אישיאַס נישט בייהילפיק געווען אין באַקומען דעם ערשטן פּריז אין אַ וועטלויף „אין דער קווער איבער פראַנקרייך", אָבער איך בין מסופק, צי ער וואָלט אייך געקענט זיין אַ שטערונג אין אייער באַמיאונג צו ווערן אַוואַנסירט.

דער קלינטאָן האָט אַראָפּגענומען דעם הוט און זיך אָפּגעווישט פון פּנים דעם שוואַרצן שווייס, וואָס האָט אַראָפּ־געטריפט פון די געפאַרבטע האָר. פּאָל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער באַריערע און זיך איינגעקוקט אין קיילעכיקן פּנים פון יענעם: אויגן אָן אויסדרוק, קיילעכיקע, אויסגעגלאָצטע, ווי ביי אַ קאַרפּ, נאָכמער פאַרגרעסערטע דורך די ברילן. ווען מ׳וואָלט אָנגעטון ברילן אויף אַ פּאָר נאַקעטע קני, וואָלטן זיי באַקומען אַן ענלעכן אויסדרוק צום דאָזיקן פּרצוף.

— כ׳האָב זיך שוין באַראַטן מיט אַלע דאָקטוירים אין פּאַריז — האָט געזיפצט דער פּראָקוראָר, — כ׳האָב שוין אויס־געפּרוּווט אַלע רפואות.

ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ נידעריק קול, ווי אַ קוים הערבאַרער פליסטער:

— עלעקטרישע מאַסאַזשן, אולטראַפיאָלעט־שטראַלן, קוואַרץ־לאָמפּ, האָמעאָפּאַטיע — דאָס אַלץ קען איך שוין. כ׳בין שוין אויסגעווען וואו נאָר אַ קוראָרט. כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז כ׳בין שוין אַפילו געווען אין לורד.

פּאָל פּאָט האָט זיך אויף איין טריט צוריקגעצויגן, וועלנדיק אַדורכלאָזן עפּעס אַ פרוי, וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ. דער פּראָקוראָר, מיינענדיק, אַז פּאָל האָט נישט דער־הערט, האָט איבערגעחזרט די לעצטע פראַזע מיט אַ קוויטשע־דיק אויבערשטימעלע:

— כ'האָב זיך אַרומגעשלעפּט איבער אַלע קורערטער, כ'בין אַפילו געווען אין לורד — ס'האָט אַלץ נישט געהאָלפֿן. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז זיי קענען מיך נישט אויס-היילן דערפֿאַר, ווייל כ'בין נישט גענוג גלויביק. און כ'האָב אַליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי יידן, אַטעאיסטן און מאַסאָנען זענען געזונט געוואָרן.

— נו, און איצט?

קליינטאָן האָט ווידער געענטפֿערט מיט אַ נידעריקער האַלדז-שטים:

— איבער אייך וואוינט מוסיע קאָסי, אַ גייסטלעכער.

— כ'ווייס: פֿאָטער פּאַקאָם.

פֿאָל האָט געוואוסט פֿאָטער פּאַקאָמס געשיכטע. אין דער צייט, ווען מ'האָט אַרויסגעשיקט פֿון פֿראַנקרייך אַלע אָרדנס, האָט פֿאָטער פּאַקאָם, נישט וועלנדיק מיטמאַכן דעם גורל פֿון קלויסטער, פֿאַרלאָזט זיין אָרדן, און צוזאַמען מיט אַ הייפֿל געטרייע דינער האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ הייזל אין אַכצנטן ראַיאָן, וואו ער האָט פּראַקטיצירט, אַזויצוזאָגן, אַלס פֿאַרנונפֿ-טיקער רופֿא, וואָס עס האָט אים פֿאַרשאַפֿט גרויס רום ביי די קליינבירגערינס פֿון פּאַריז און פֿון דער סביבה. ס'איז נישטאָ קיין קלויסטער אָדער אַן אָרדן, וואָס זאָל נישט באַזיצן גע-היימע רעצעפּטן אויף זאַלבן, פּיגולן און פּלאַסטערס, און מ'מוז מודה זיין, אַז דידאָזיקע רפֿואות גיבן אין ס'רוב פֿאַלן די בעסטע רעזולטאַטן.

— צי האָט איר נישט טאַקע, הער קליינטאָן, אַמאָל באַ-שולדיקט דעם פֿאָטער פּאַקאָם אין אַפּעלאַציע-געריכט?—האָט גע-פֿרעגט פֿאָל.

— כ'בין געווען געצוונגען צו פֿאָדערן אַ שטראָף, ווייל אַן אומבאַרעכטיקטע מעדיצינישע פּראַקטיק איז ביי דער געריכטס-פֿאַרהאַנדלונג בולט דערוויזן געוואָרן. דרייסיק פּערזאָן האָבן עדות געזאָגט, אַז דער באַשולדיקטער האָט זיי געגעצלעך אויס-געהיילט. וואָס עס האָט שוין מיט דעם אַליין דערוויזן, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט זיך אומגעזעצלעך פֿאַרנומען מיט היילן קראַנקע, וואָס לויט דעם און דעם פּאַראַגראַף איז דאָס טאַקע געווען דער גרונט פֿאַר דער באַשולדיקונג...

דאָס אַפּעלאַציע-געריכט האָט באַשטעטיקט דעם אורטייל, פּאָטער פּאַקאָם איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ פּאָליציי-אויפזיכט אין אַ משך פון אַ סך וואָכן, און הגם ער האָט שוין מער נישט געקענט אַליין צוגרייטן זאַלבן און פּאָמאַדעס, האָט ער פונדעסטוועגן פאָרגעזעצט זיין מעדיצינישע פּראַקטיק. די געריכטלעכע פאַרפאָלגונג האָט אים פאַרשאַפט פּאָפּולאַריטעט און סימפּאַטיע, די צאָל פון זיינע פאַרערער איז כסדר געוואַקסן.

— כ'מוז שוין גיין — האָט געזאָגט קליינטאָן, געזעגענענדיק זיך מיט פּאָטן:—פּאָטער פּאַקאָם וואַרט אויף מיר. ער האָט מיר געגעבן אַ זאַלב צו מיין אישיאַס, — איך זאָג אייך: ממש אַ וואונדער! און דערביי גיט ער אַ ספּעציעלע אָנווייזונג, ווי־אַזוי איינצורייבן דעם זאַלב אויפן קראַנקן אָרט.

און גלייך האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— יאָ, וואָס אָן אמת! כ'רעד אַזוי כסדר פון זיך און כ'האָב נאָך קיין איין מאָל נישט געפרעגט, ווי עס גייט אייך? וואָס מאַכט איר? אייער אַרויסטריט איז געווען אימפּאָנירנדיק. פון יענעם מאָמענט הייבט זיך אָן אַ נייע היסטאָרישע עפּאָכע... מוסיע, דאָס איז געווען עפּעס אַזוינס, ווי אַדורכהאַקן דעם סועץ-קאַנאַל!...

— איר "פאַרמאָגט אַ ביסל אַ פוילע פאַנטאַזיע, הער פּראָקוראָר — האָט פּאָט געזאָגט מיט אַ טרויעריקן שמייכל. — איך בין שטאַרק מסופק, צי פון מיין דעמיסיע אָן וועט זיך אָנהייבן די געשיכטע פון דער יוריספּרודענץ. און איך שאַף מיר גאָרנישט קיין אילוזיע, אַז כ'האָב אָנגעהויבן אַ תקופה פון אַ נייער גערעכטיקייט אָדער פון אַ לאָגישן פאַרשטאַנד. אַגב, צי ווייסט איר נישט אַמאָל, צי די באַשולדיקטע פון יענעם פּראָצעס האָט אַריינגעטראָגן אָן אַפּעלאַציע?

— געוויס! דער פּראָצעס וועט פאָרקומען אין דער פערטער פּאַלאַטע דעם 30-סטן פון קומענדיקן חודש. אין ריכטערקאָמפּלעט גייט אַריין מאַרטינע...

— דאָס איז אַן אינטעליגענטער ריכטער — האָט פּאָט זיך אָפּגערופן.

— סאַלעוו איז רעפערענט.

— אַ, אָט דער פילאַטעליסט?

— יאָ, טאַקע ער.

— און ווער נאָך?

— פאַנאַרי.

— דער, וואָס פאַרפאַסט שאַראַדן פאַר דעם שמאַטע־בלעטל אין גרינאָבל?

— ער פאַרפאַסט שוין מער נישט קיין שאַראַדן...

— איז שוין גרייכער.

— ... נאָר קרייץ־אויפגאַבן. און פאָרזיצער איז שוואַרץ פון שטראַסבורג.

— איך קען אים. דערדאָזיקער מענטש טאָלערירט נישט קיין שום ענדערונגען אין די אורטיילן: ער באַשטעטיקט סיי די באַפרייענדיקע, סיי די פאַרמשפּטנדיקע, ווייל — לויט זיין מיינונג — אויב מען גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז דער ריכטער פון דער ערשטער אינסטאַנץ האָט זיך געקענט טועה זיין, מוז מען דעריבער אָננעמען, אַז אויך דער רעווידירנדי־קער ריכטער איז נישט אומפעלבאַר.

— אַ פּרינציפּ, וועלכן מ׳קען נישט אינגאַנצן אָפּלייקע־נען — האָט געזאָגט דער געריכטסראַט קלינטאָן.

— און ווער טרעט אַרויס מצד דער פּראָקוראַטור?

— איך.

פאָל האָט זיך אויף אַ טריט צוריקגעצויגן.

— וועט איר צוריקציען די אָנקלאַגע? — האָט ער גע־פרעגט.

— כ׳האָב זיך נישט פאַרנומען מיטן דאָזיקן ענין. כ׳ווייס דערווייל גאָרנישט. צום ווידערזען.

פאָל האָט אים געדריקט די האַנט, זייענדיק בפירוש פאַרנומען מיט אַנדערע געדאַנקען.

— דער ריכטער מאַרטינע — האָט ער געקלערט—מאַרטינע איז אַ גוטער ריכטער. אָבער דערדאָזיקער געריכטס־קאָמפּלעט איז בכיוון אַזוי צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן, כדי דער אורטייל זאָל באַשטעטיקט ווערן. מאַרטינע איז אַן ערלעכער און קלו־גער מאַן, אָבער די רעשט ריכטער האָבן אַן אָפּגעטעמפּטן געוויסן און דורכשניטלעכע מוחות.

פאָל פאַט איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. דער קליינער

הויף איז געווען באַגאָסן מיט זון: בונט האָבן זיך געדרויטלט די פעלאַרגאָניעס אויפֿן באַלקאָן. דער קאַנאַריק האָט געל געשימערט אויפֿן פּאַרעפּעט.

— פֿיער!

— ביטע.

דאָס קינד איז אַזוי גיך געקומען צולויפֿן, פּונקט ווי עס וואָלט געוואַרט אויפֿן רוף.

— קום נאָר אַהער!

דער קליינער האָט מיט צוויי שפּרונג זיך געפֿונען אין פּאָלס וואוינונג.

— כ'האָב געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיר באַזאָרגן אַ בריוו.

און גלייך האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער אויף אַ בייגעלע פּאַפּיר.

— זאָלסט וואַרטן אויף אַן ענטפֿער.

— אין אַ האַלבע שעה אַרום וועל איך צוריקקומען. און מיר וועלן זיך שפּילן? — האָט געפֿרעגט דאָס יינגל, אַרויסגייענדיק מיטן בריוו.

פּאָל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיפֿן, געבעטן פֿאָטעל. דאָס קיילעכדיקע פּנים פֿון פּראָקוראָר קלינטאָן האָט אים אָן אויפֿהער פֿאַרפֿאָלגט. — קלינטאָן! דער נאַרישסטער פֿון אַלע פּראָקוראָרן. ער האָט געמאַכט אַ קאַריערע דערפֿאַר, וואָס ער האָט קיינעם נישט דערבייזערט. ער האָט אַלץ פֿאַרדאַנקט זיין טריאומפֿירנדיקער מיטלמעסיקייט, זיין מוסטערהאַפֿטער טיפּשות. פּאָט האָט אים נישט איינמאָל געהערט רעדן. זיין ווערטער-אוצר איז באַשטאַנען פֿון צוויי סעריעס אייגנשאַפֿטסווערטער: ערשטנס, זענען די באַווייזן פֿון שולד תּמיד פֿאַר אים געווען גענויע, מאַטעמאַטישע און ממשותדיקע; צווייטנס, איז דאָס עדות זאָגן פֿון די פֿאַרטיידיקונגס-עדות פֿאַר אים געווען קלאָר, פּינקטלעך און באַשטימט. זיין געוויסן האָט באַקוועם גערוט, ווי אויף קישעלעך, אויף פֿינף אָדער זעקס פֿאַראייננפֿאַכטע נואַנסעס. זיין קולטור-רעזערוו איז באַשטאַנען פֿון אַ צוויי צענדליק אויסגעפּרוּווטע כּלים, וואָס זענען געווען דער געדאַנק-אינווענטאַר; און פֿון אַ צווייטער טייל, אַ באַוועגלעכע, וואָס האָט זיך

געשאַפן פון אויסגעדראָשענע ווערטלעך, וואָס געפינען זיך אויף דער אַנדערער זייט פון די קאַלענדאַר-בלעטלעך.

איינער אַ יונגער אַדוואָקאַט, וואָס האָט געהאַט דעמזעלבן קאַלענדאַר, האָט איינמאָל פאָרויסגעזאָגט בעת אַ סעסיע:

— היינט וועט דער פּראָקוראָר קלינטאָן זאָגן: — „מען טוט אָפּטמאָל גוטס, כּדי צו קענען טון שלעכטס אומבאַשטראָפט".

דאָס איז לאַראָשפוקאָס אַ וואָרט.

דעם פּראָקוראָרס רעדע האָט שוין געהאַלטן ביים סוף און די אָפּשפּעטער האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז זיי וועלן כאַפּן אַ געשמאַקן ביסן, — ווען פּראָקוראָר קלינטאָן האָט פּלוצלינג צוזאַמענגענומען די פאַלדן פון זיין טאָגע און אויסגערופן, ווענדנדיק זיך צום אָנגעקלאָגטן:

— אייערע פריערדיקע פאַרדינסטן גייען מיך גאָרנישט אָן. איר זענט, וואָס אַן אמת, געווען אין משך פון פערציק יאָר אַן ערלעכער מאַגאַזינער, אָבער — ווי זאָגט לאַראָשפוקאָ: „מען טוט אָפּטמאָל גוטס, כּדי צו קענען טון שלעכטס אומבאַשטראָפט".

און האָט פאַרענדיקט:

— איך לייג פאָר צו באַשטעטיקן דעם אורטייל.

אָן אַנדערשמאָל האָט דער יונגער אַדוואָקאַט געפּרוווט טרעפן:

— היינט וועט דער פּראָקוראָר זיך באַמיען צו פאַרבליפן דאָס הויכע געריכט מיט וואָווענאַרגזשעס אַ גאָלדענעם געדאַנק: — „דער אמת איז דאָס ליכט פון פאַרשטאַנד".

יענעם טאָג האָט דער פּראָקוראָר גערעדט אַ גאַנצע שעה, כּדי איבערצוצייגן, אַז די באַווייזן פון דער שולד זענען גענויע, מאַטעמאַטישע און ממשותדיקע, און איידער ער האָט פאַרענדיקט מיט פאָדערן אַ באַשטעטיקונג פון אורטייל, האָט ער פאַרזיכערט, אַז ער האָט זיין פאָרשלאָג געשטעלט מיט אַ ריין געוויסן און מיט דער פולער איבערצייגונג, וואָרום...

עמעצער אויפן זאַל האָט אונטערגעזאָגט, ווי ער וואָלט וועלן אַרויסהעלפן:

— דער אמת איז דאָס ליכט פון פאַרשטאַנד.

אָבער דער פּראָקוראָר האָט אויסגערופן:

— וואָרום, ווי זאָגט שאָפּאַר: „די איבערצייגונג איז דאָס געוויסן פון גייסט".

עס האָט נעמלעך דער פּראָקוראָר על-פּי טעות אָראָפּגע־ריסן פון קאָלענדאַר אַ מאָרגנדיק בלעטל...

— — — — — — — — — — — —

— ביסט שוין דאָ?

דער קליינער פּיער איז אַריין אין צימער.

פּאָל האָט צעריסן דעם קאָנווערט און אָנגעהויבן לייענען: „דער ריכטער מאַרטינע וועט זיין שטאַרק צופרידן, אויב פּאָל פּאָט וועט אַריינקומען צו אים אויף אַ קאַווע יאָך היינטיקן נאָכמיטאָג".

— זעץ זיך ביים צווייטן עק טיש — האָט פּאָל צוגע־רעדט דעם יינגל.

דערנאָך האָט ער אָנגעגאָסן וואַסער אין אַ גלאָז און עס אוועקגעשטעלט אויפן טיש. ער האָט פאַרדעקט דאָס גלאָז מיט אַ שוואַרץ טיכל, האָט געמאַכט עטלעכע געהיימנישפולע באַ־וועגונגען, האָט אַראָפּגענומען ס'טיכל — פון וואַסער האָט אַרויס־געזעצט אַ פלאַם. דערנאָך האָט ער געוויזן קונצן מיט קאָרטן, האָט אַרויסגעצויגן פון אַ רערל אַ בענדל, וואָס האָט געהאַט עטלעכע מעטער די לענג, האָט פאַנאַנדערגעלייגט אַ זייגערל אויף עטלעכע טיילן און האָט עס מיטאַמאָל צוריק צוזאַמענגעשטעלט מיט זיין צויבערשטעקעלע. די לעצטע קונץ האָט געמאַכט די שטובווירטין, אַריינברענגענדיק טעלער, וואָס פון זיי האָט גע־זעצט אַ פּאָרע פּיער, מיט אַ סערוועט אונטער דער גאָמבע, האָט מיט די אויגן געשלונגען אָט דעם לעצטן קונץ, און פּאָל פּאָט האָט אַרויסגענומען פון זיין ביבליאָטעק צוויי דיקע ווער־טערביכער און זיי אונטערגעלייגט דעם קליינעם גאַסט, ס'זאָל אים זיין באַקוועמער צו עסן.

— — — — — — — — — — — —

איידער פּאָט איז אַוועק באַזוכן דעם ריכטער מאַרטינע, האָט ער אויף אַ ווײַלע אָפּגעטרעטן אין „ווינטער־צירק". ער איז אַריין דורכן איינגאַנג, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די אַקטיאָרן, און פאַרבייגעגאַנגען אַ מאָלערישע האַלע, וואָס האָט אויסגעזען, ווי פון אַן אויסגעחלומטע וועלט, פול מיט מוזיקאַ־

לישע אינסטרומענטן און צירק-רעקוויזיטן. די קלאָונס האָבן געוואַרט אויף זייער ריי. זיי אַלע האָבן שוין געקענט פּאָטן און האָבן אים אַדורכגעלאָזט צו פֿריילן שומאַן אָן שום שוועריקייטן. די פֿאָרשטעלונג האָט זיך נאָר-וואָס גענהאַט אָנגעהויבן. שטורמישע געלעכטערס האָבן זיך געטראָגן פֿון זאַל, געוואַלדיקע און פֿרישע, ווי דאָס גערויש פֿון וואַסערפֿאַלן. איינער אַ קלאָון אין אַ זיידענעם קאָסטיום פֿון פּיאָלעט-קאָליר מיט אויסגעהאָפּטענע גאָלדענע שטערנס האָט געשפּילט אויף אַ מאָדנע פֿידעלע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ פֿאַרפֿאַסאָל-הענטל און אַן איילקענדל, וואָס צו אים איז געווען צוגעפּעסטיקט אַ גראַמאַפֿאָן-הילכער. אָט דאָס פֿידעלע האָט אויך פֿאַרמאָגט איין סטרונע. פּאָל האָט אויף אים געקוקט מיט קנאה: ער וואָלט זיך גערן מיט אים געטוישט! ער וואָלט אויך געוואָלט אַזוי שטיין אין אַ פּיאָלעט-זיידענעם קאָסטיום מיט גאָלדענע שטערנס אינמיטן דער אַרענע אויף אַ פֿירקאַנטיקן דיוואַן — און זיך קוויקן מיטן מעכטיקן געלעכטער פֿון דער מאַסע.

— פּאָל!

פֿריילן שומאַן האָט אים אַ צי געטון פֿאַר דער מאַרינאַרקע:

— קומט אַריין אין מיין גאַרדעראָב.

אָך, ווי ליב האָט עס פּאָל געהאַט אָט יענע גאַרדעראָב, וואו ס'האָט געהערשט אַ געמיש פֿון פֿאַנטאַזיע און פֿאַרטראַכטקייט, וואו אַ בייטשל איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוך וועגן לאָגיק אין איינבאַנד פֿון אַלטע לעדער, וואו דעם גיפּסענעם קאָפּ פֿון וואָלטערן האָט נאַכלעסיק באַדעקט אַן אַוועקגעוואָרפֿענער הוט, וואו אויפֿן טואַלעט-טישל האָבן זיך געוואַלגערט צווישן פּודער-קעסטעלעך און שמינקע פּאַפּירלעך מיט נאָטיצן פֿון די אוניווערזיטעט-לעקציעס צוזאַמען מיט בריוו פֿון פֿאַרערער, וואָס זי האָט געפֿונען אין די קוישן בלומען.

צווישן די פּאָרטרעטן פֿון די פֿילאָזאָפֿן האָט געשמייכלט הערבערט ספּענסער מיט אַן אָפֿן און מילד געזיכט, וואָס איז ענלעך צו אַ געזיכט פֿון אַ חשובֿן האָטעל-באַלעבאָס.

ברוינינג האָט שוין באַוויזן צוצוגעוויינען זיך צו פּאָטס וויזיטן און האָט אויסגעקלאַפּט מיטן טאַקטמעסטער פֿון זיין

אונטערגעהאַקטן ווײדל אויפֿן שטולבערעטל דעם ריטם פֿון נישט איבעריק שטאַרקער צוגעבונדנקייט.

יוטאַ שומאַן האָט אים געגלעט.

— דערדאָזיקער הונט — האָט זי געזאָגט — באַשטייט פֿון גאַנצע הונדערט פּראָצענט גוטסקייט אָן שום צומיש, אָן חניפֿה, אָן נאָכגיביקייט, ווי ס׳איז די טבע פֿון אַנדערע הינט. ער האָט דעם מוט צו האָבן אייגענע חסרונות: ער איז אַ גײַציקער און אַן אײַפֿערזיכטיקער. מענטשן גיבן זיך אַזױפֿיל מי און מאַכן אָן אַ שטאַרקן טומל, איידער זיי פּראָדוצירן עפּעס אַ זאַך: שולן, ביכער, אַ פּראָפּאַגאַנדע, אַ פּרעמיע. אַלץ פֿאַרגײט. טײלמאָל באַווײַזט זיך אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט אַ יחיד, וואָס איז פֿול מיט גוטסקייט און וואָס איז אַזאַ אויסנאַם, אַז מיט הונדערט יאָר שפּעטער טראָגט מען זײַנע ביינער אין אַ פּראָצעסיע און מען פֿאַראייביקט זײַן נאָמען אין קאַלענדאַר. ביז איצט האָט זיך אָבער נאָכנישט אײַנגעגעבן צונויפֿצונעמען אַזאַ גרויסע צאָל, ווי 365 מענטשן פֿון אָט דעם שטייגער; דערפֿאַר האָט מען געמוזט אויספֿילן די בלייזן מיט פֿאַרשידענע יום־טובֿים.

אין דער שכנותדיקער גאַרדעראָב האָט זיך געלאָזט הערן אַ געריצטע שטים און אַ קלאַפּן פֿון פֿויסטן אָן אַ טיש. פֿרײַלן שומאַן האָט מיט אַ פֿינגער אָנגעקלאַפּט אָן הילצערנעם ווענטל.

— איר האָט מיך גערופֿן? — האָט געפֿרעגט דער אַרײַנקומענדיקער קלאָון.

יוטאַ שומאַן האָט גלײַך פֿאָרגעשטעלט די מענער:

— הער פֿאָל פֿאָט און דער באַרימטער אויגוסט קראַ.

און באַלד האָט זי זיך געווענדט צום קלאָון:

— צי קען איך אײַך בעטן, איר זאָלט זיך רואיקער פֿאַרהאַלטן? פֿאַרוואָס טומלט איר אַזוי שטענדיק?

פֿאָל האָט נישט איינמאָל אַפּלאָדירט אָט דעם אויסגעצייכנטן קאָמיקער, וואָס פֿלעגט אויסשטעלן אויף דער אַרענע אַ פּיראַמידע פֿון צווייהונדערט טעלער, באַלאַנסירן מיט זיי, מאַכן די משונהדיקסטע שטיק, און לסוף האָט ער זיך איבערגעשראָקן פֿון אַ פֿאָרויס אָפּגערעדטן נאָס אויף דער גאַלעריי, זיך אומ־

געקערט אינאײנעם מיט דער גאַנצער פּיראַמידע, בײ דער טראַסקערײ פון די צעבראָכענע טעלער.

— כ'האָב זיך איצט געבײזערט — האָט געענטפערט דער קלאָון — אויף מײן באַדינערין; זי צעהאַקט מיר כמעט יעדן טאָג אַ טעלער!

פּאָט האָט אים גוט באַטראַכט און זיך באַמיט אַרויסצו־געפינען אַן אמתן שמײכל אויפן געשמינקטן פּנים פון קלאָון, נאָר דעם לצס געזיכט האָט דורכויס אויסגעדריקט ערנסטקײט.

— איר צעהאַקט טעגלעך בערך צװײהונדערט טעלער — האָט פּאָל זיך אָנגערופן צו אויגוסטן, — און אײער באַדינערין דערלויבט איר נישט צוצוברעכן כאָטש אײן טעלער?

דער קלאָון האָט אָנגעצויגן די ברעמען:

— אין דער צײט פון דער מלחמה האָב איך די זעלנער געהײסן אויסשיסן הונדערטער טויזנטער קוילן. אפשר צװײ פּראָצענט פון די אויסגעשאָסענע קוילן האָבן דערגרײכט דעם ציל, אַכטאונניינציק זענען געפּטרט געוואָרן בחינם. נאָך דער מלחמה האָב איך ערגעץ פאַרלוירן אַ קעסטעלע מיט קוילן — האָב איך דער מלוכה געמוזט אומקערן די סומע געלט, וואָס זײ זענען ווערט געוועזן. אויף דער אַרענע מעג איך צעברעכן צװײהונדערט טעלער, אָבער דער דינערין וועל איך נישט דער־לויבן צוצעברעכן אַפילו אײנעם אויך נישט.

— נו, גענוג שוין — האָט געזאָגט מיט אַ שמײכל יוטאַ שומאַן: — איך מוז זיך איבערטון.

און דערלאַנגענדיק פּאָלן די האַנט, האָט זי געזאָגט:

— אין האַלבער נאַכט...

— — — — — — — — — — — — — —

ווען פּאָט האָט זיך נאָר געהאַט אַוועקגעזעצט נעבן ריכ־טער מאַרטינע, האָט ער גלײך אָנגעהויבן:

— הער געריכטסראַט, איר זענט אײנער פון די פיר צי פינף ערלעכע לײט אין גאַנצן לאַנד.

ריכטער מאַרטינע האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ קעסטל האַוואַנאַ־ציגאַרן און גוטמוטיק געשמײכלט:

— נו, און געניער גערעדט: וויפל זענען דאָ, פיר צי פינף?

— כ'האָב נישט קיין מוט זייער געניי איבערצוציילן זיי, ווייל כ'האָב מורא, אַז דער סך-הכל וועט אויסקומען נישט מער, ווי דריי.

און האָט גלייך צוגעגעבן:

— כ'בין דאָ אַהער געקומען, כּדי...

ריכטער מאַרטינע האָט פאַרטראַכט געגלעט זיינע שניי-ווייסע באַקנבערד און אָנגעקוקט זיין מיטשפּרעכער מיט העל-בלאָע אויגן. ער האָט געהאַט אַ ראָזע געזיכט אָן אַ קנייטשל. אַ גלאַטן שטערן, געדיכטע, אָבער נישט צו געדיכטע ברעמען. דאָס איז געווען אַ טיפּיש פּנים פון אַ ריכטער, ווי מ'קען זען אויף אַלטע גראַווירן. מאַרטינע איז אַרומגעגאַנגען ביי זיך אין שטוב אין שלאָפראָק פּונקט אַזוי פייערלעך, ווי ער פלעגט אַרומגיין אין געריכט אָנגעטון אין דער טאָגע.

פּאָל פּאָט האָט רויִק דערציילט זיין דראַמאַטישע גע-שיכטע:

— מאַכט מיר נישט קיין פאַרוואורף, געריכטסראַט מאַר-טינע! ווען כ'האָב אין לעצטן פּראָצעס באַליידיקט די צוויי ריכטער און געראָטן דער אָרעמער פאַראורטיילטער, אַז זי זאָל אָפּגעבן אַן אַפּעלאַציע אויפן אורטייל, האָב איך זיך אין יע-נעם מאָמענט נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אַז דערמיט העלף איך צו צו דער באַשטעטיקונג פון אורטייל. דער סקאַנ-דאַל, וואָס כ'האָב נישט ווילנדיק פּראָוואָצירט, האָט געשטעלט די גאַנצע יוסטיץ אויף די פיס. איצט פאַרשטיי איך, אַז די געריכטס-ביוראָקראַטיע, וואָס איז פּערזאָניפיצירט אין אַפּעלאַ-ציע-געריכט, וועט דער פאַראורטיילטער נישט פאַרקלענערן די שטראָף אַפילו אויף קיין איין טאָג נאָר דערפאַר, כּדי צו באַ-ווייזן, אַז די צוויי פון מיר באַליידיקטע ריכטער האָבן געהאַנדלט לויטן געזעץ. אַלזוי, איר, הער געריכטס-ראַט מאַרטינע, אַלס אָרנט-לעכער מאַן, דאַרפט נישט דערלאָזן, אַז די אומגליקלעכע פרוי זאָל באַשטראָפט ווערן נאָר דערפאַר, אַז ס'זאָל געראַטעוועט ווער? דער פּרעסטיזש פון דער אָפיציעלער גערעכטיקייט.

— דער ענין איז קלאָר — האָט אים איבערגעריסן ריכ-טער מאַרטינע — מיר דאַכט זיך, אַז אַזוי מיינען טאַקע מיי-נע דריי קאָלעגן. געוויס וועט דערוועקט ווערן די פּרעסטיזש-

פראַגע. גרויסע פּראָזן און גרויסע פּרינציפּן ווערן בּאַנוצט דע־מאָלט, ווען מ׳דאַרף מיט זייער אויטאָריטעט פאַרדעקן און באַרעכטיקן קליינע געמיינהייטן!

ריכטער מאַרטינעס וואוינונג איז געווען איינגעאָרדנט מיט אַן עטוואָס טעאַטראַלן געשמאַק, אַ שטייגער ווי אַ סצענע אין אַ מאָדערנער קאָמעדיע. אַ ריזיקע האַלבקייל׳עכדיקע פוּיר־האַנג מיט דיקע פאַלדן האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט צום דיל. אַן אַלטע גראַוויור אויף דער וואַנט האָט פאָרגעשטעלט: „אַ לעקציע פון דאָקטאָר שאַרקאָ אין שפּיטאָל״. אויף אַ נידעריק טישל אין דער מיט צימער איז געלעגן אַ קרישטאָלענע קויל אָנגעפילט מיט וואַסער, און אין דערינען זענען געווען אַרייג־געשטעלט עלאַסטישע, הויכשטענגלדיקע בלומען. ביי דער וואַנט איז געשטאַנען אַן אָטאָמאַנע, וויי́טער — פאָליצעס מיט ביכער, פאַסטערס ביוסט אויף אַ וואַנטברעטל, און איבער דעם ביוסט — ראָבעספּיערס גיפּסמאַסקע.

— בעת דער גרויסער שׂרפה אין צדקה־באַזאַר — האָט אָנגע־הויבן דער אַפּעלאַציע־ריכטער — האָבן מענער פון העכסטן אַדל אַדורכגעבראָכן זיך אַ וועג פון פייער אַרויס, שלאָגנדיק פרויען מיט שטעקנס איבער די קעפּ. אַזוי פאַרטיידיקט זיך אויך די געזעלשאַפט: זי וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן ווי מטורף, נישטעכענדיק זיך רערמיט, אַז זי באַצוואַלט פרויען און קינ־דער, אַז זי קען שלעכטס טון אָרנטלעכע לייט. איך האָב מיר אין משך פון לאַנגע יאָרן איינגערעדט, אַז דאָס זוכן דעם אמת איז אַ נוצלעכע און גערעכטע זאַך. און היינט, שוין האַלטנ־דיק ביי סוף פון מיין טעטיקייט ווי אַ ריכטער, האָב איך דער־זען, אַז דער אויספירער פון דער שטראָפנדיקער גערעכטיקייט שיידט זיך נישט פיל אונטער פונם פאַלמעסער אין פּראָסעק־טאָריום, וואָס זיינע פאָרשונגען פירן בלויז אין זעלטענע פאַלן צו עפּעס אַ ציל. פונקט ווי די מעדיצין, נויטיקט זיך אויך די יוסטיץ אין אַ גרויסער צאָל בחינמדיקע קרבנות, כדי זיך צו קענען רוקן אויף איין טריט פאָרויס. ווען כ׳בין נאָך יונג געווען, האָב איך אויך אָפטמאָל געמאַכט אַ חשבון־הנפש. איך האָב זיך געשטעלט די פראַגע: „און אפשר געפינט זיך גאָר די גערעכטיקייט ערגעצאַנדערש?״ דו וואונדערסט זיך, וואָס דער

גורל פון אָנגעקלאָגטן איז אָפּהענגיק פון זאַל, וואָס אין אים קומט פאָר דער פּראָצעס — נאָך ערגער: פון די ווייטיקן אין מאָגן פון אַ ריכטער? האָט דאָך אויך נאַפּאָלעאָן פאַרשפּילט די שלאַכט ביי וואַטערלאָ בלויז צוליב שטאַרקע יסורים אין מאָגן!... ס׳לעבן ווערט באַהערשט נאָר פונם צופאַל. איין רופא ראַטעוועט אָפּ ס׳לעבן פונם פּאַציענט דורך אַ קאָמפּליצירטער אָפּעראַציע — אַ צווייטער שיקט דעם קראַנקן אַוועק אויף יענער וועלט צוליב אַ נאַרישער איינשפּריצונג. דאָס באַגעגענען עפּעס אַ פרוי אין קאַוויאַרניע קען גורם זיין צו ווייטיקע אָפּוועקסלונגען אויף דיין לעבנס־וועג... דיזעלבע פרוי קען אַריינגיסן גיפט אין דיין בלוט, קען דיך דערפירן ביז משוגעת, שענקען דיר אַ זון, געבן גליק, מאַכן דיך בעסער אָדער ערגער. לאָמיר זיך נאָר אַרומזען: דער דענטיסט, וואָס האָט אַרויסגעריסן אַ נישטגעהעריקן צאָן, דער קריטיקער, וואָס האָט מיט איין אויסדרוק רואינירט אַ קינסטלער אָדער אַן אינטערנעמונג, דער אינזשעניער, וואָס האָט געמאַכט אַ טעות ביי דער אויסרעכענונג פון דער ווידערשטאַנדסקראַפט. פאַרוואָס זשע זאָל בלויז דער ריכטער זיין גערעכט?

פאָל פאַט האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער. ס׳איז געווען שוין שפּעט. ער האָט געזאָגט:

— לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער פּראָצעס...

דער עלטער, גוטער ריכטער האָט אים איבערגעריסן:

— כ׳האָב געלייענט די מאָטיווירונג פון גערעכטס־אורטייל. מיר ווייזט זיך אויס, אַז מען קען דידאָזיקע מאָטיווירונג אָפּווענדן. אַמאָל האָבן די דאָקטוירים געשריבן זייערע רעצעפּטן אויף לאַטיין, כדי דער פּאַציענט זאָל זיך נישט כאַפּן, אַז אונטער די ווערטער „אַקווע פאָנטיס”, „אַקווע פּוטעי” באַהאַלט זיך בלויז זייער אומגעניטקייט און געמיינהייט. אייניקע ריכטער דאַרפן נאָך היינט שרייבן די מאָטיוון פון זייערע אורטיילן אויף סאַנסקריט. דאָסמאָל וועל נישט איך רעפערירן, נאָר סאַלעוו, דער פּילאַטעליסט, אַ קאַטאַלאָגישער מוח, וואָס קען נישט תופס זיין קיין שום אָפּנייגונגען פונם נאָרמאַלן. שוואַרץ וועט זיין דער פאָרזיצער.

— כ׳ווייס. אַ מענטש, וואָס באַשטעטיקט אַלע אורטיילן.

מ׳זאָגט וועגן אים, אַז אָנשטאָט דער געוויינלעכער פּאַרמול: „דאָס געריכט גייט אַוועק אויף אַ בעראַטונג", האָט ער אַמאָל געזאָגט: „דאָס געריכט גייט אַוועק באַשטעטיקן דעם אורטייל".

— כ׳ווייס נישט, צי דאָס איז אמת — האָט געזאָגט דער גוטער ריכטער — אָבער דאָס איז גאַנץ וואַרשיינלעך.

מ׳האָט אַריינגעטראָגן ליקער. דעם אַלטן ריכטערס טאָכטער איז אַריינגעקומען דריקן פּאָלן די האַנט, ווען ער איז נאָך אַלץ געווען דער העלד פון טאָג. מ׳האָט ווייטער נאָך געשמועסט וועגן דאָזיקן פּראָצעס, און דער אַלטער האָט אויסגעדריקט זיינע ספקות וועגן דעם ענין. ענדלעך האָט זיך פּאָט אויפגעהויבן אַוועקצוגיין. דער געריכטסראַט האָט אים באַגלייט ביז דער טיר, און ווען פּאָל איז שוין געהאַט אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ, האָט דער אַלטער אים נאָכגעשריגן:

— איר האָט מיר נאָך געזאָלט דערציילן, וואָס פאַרא פאַך איר וועט זיך אויסקלייבן אין דער צוקונפט.

— ס׳אינטערעסירט אייך דאָס?

— יאָ, ס׳קען אויך מיר צונוץ קומען.

— כ׳גלייב נישט — האָט זיך פּאָט אָפּגערופן, אומקערנדיק זיך צוריק אַרויף אויף די טרעפּ: — ווייסט איר, וואָס איך וועל זיין? אַ קלאָון.

— וואָס?

— אַ פּאַיאַץ אין גרעסטן פּאַריזער צירק, אין „ווינטערצירק". ס׳געפעלט אייך?

— איך טויג לײדער נישט צו דעם.

און האָט צוגעגעבן מיט אַן עטוואָס געמאַכטער איראָניע:

— אַ ביסל אַ צו שווערע באַשעפטיקונג.

פּאָל, פילנדיק זיך אָנגעגריפן פון דערדאָזיקער איראָניע, האָט געענטפערט טרויעריק:

— אַזוי איז עס. ס׳איז פיל לייכטער צו באַשטראָפן יענעם אויף אַ צען יאָר תפיסה.

קאַפּיטל 4

פּאָל פּאַט האָט אויפגעהויבן די האַנט און אַ וואונק געטון צו אַ טאַקסע-אויטאָ:

— צום „ווינטער-צירק"!

די רויטע פלעמלעך פון די אויטאָמאָביל-רעפלעקטאָרן האָבן זיך געגליטשט איבערן גלאַטן אַספּאַלט פון קאָנקאָרדיאַ-פּלאַץ. אין דער פּיאָלעט-נאַכט, וואָס איז געווען פריש אָפּגעוואַשן פון רעגן, האָט געלויכטן די פולע לבנה. די צווייגן פון די ביימער, וואָס זענען געווען באַגאָסן מיט דורכזיכטיקער פּערלמוטער פון די ליכט-רעקלאַמעס, האָבן אויסגעזען, ווי יאַפּאַנישע לאַק-שניצערייען.

פּאָל האָט געטראַכט:

— ריכטער מאַרטינע לעבט לויט זיינע פיר כללים, וואָס זענען אויסגעסדרט, ווי סלאָיען אין אַפּטייק. ווי נאָר ער נעמט אַראָפּ פון וואַנטבערעט אַ פּודעלע מיט אַן אַפּאָריזמען-זאַלב און באַשמירט מיט דעם זיין פּילבאַר געוויסן, הייבט ער זיך גלייך אָן פילן בעסער. אַ גוטער ריכטער, און ערלעכער ריכטער, — אָבער מיט אַ דורכויס אַנדערן וועג קומט ער צו דיזעלבע באַשלוסן, ווי יענער לעביונג, וואָס שיכורט יעדע נאַכט. איינער באַדויערט, וואָס גערעכטיקייט איז אַן אומדערגרייכבאַרער ענין, דער צווייטער פייפט אויף דעם. אָבער ביידע צוגלייך האָבן נישט דעם מוט צו זיין קאָנזעקווענט.

פאָל האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטערל. גרויסע מאַסן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון די קינאָס. די קאָפּע-הייזער זענען געווען העל באַלויכטן. אַ קופּקע נייגעריקע האָט זיך אַרומגע-שטעלט אַרום אַן איבערגעקערטן אויטאָ. פאַט האָט צוזאַמענ-געדרייט אַ פּאַפּיראָס און פאַררייכערט. ער האָט אויף אַזאַ אופן פאָרמולירט דאָס פאַרשווינדן פון זיינע לעצטע אילוזיעס:

„יעטוועדער מענטש, ווי מאָראַליש ריין ער זאָל אויך זיין, איז פול מיט פיזישע עקלהאַפטיקייטן, יעטוועדע פרוי, אַפילו די באַגאַבטסטע, באַזיצט אַ פאַרדייאונגס-רער...״

ער האָט אָנגעקלאַפּט מיטן פינגער אָן דער שויב. דער אויטאָ איז שטיין געבליבן. דער צירק איז שוין געווען כמעט ליידיק. דורך אַ לעכל אין פוירהאַנגל האָט ער באַטראַכט די אַרויסגייענדיקע אַקטיאָרן. פינף „גלאַדיאַטאָרן אויף פערד״ זענען געגאַנגען אין אַ ריי, אָנגעטון אין זייערע ענגע קליידער פון אומבאַשטימטן קאָליר, וואָס אין זיי האָבן זיך בולט אַרויסגע-זען זייערע צו שטאַרק אַנטוויקלטע, מאַסיווע מוסקולן. באַלד דערנאָך זענען אַרויסגעקומען „מענטשן-פליגן״, אין ציקליסטן-היטעלעך אויף די קעפּ. הינטער זיי איז געגאַנגען אַ פרוי, וואָס האָט געטראָגן עפּעס אַ פּעקל. ווען ס׳האָט זיך דערנענ-טערט אַן אויטאָבוס פון דער ליניע „פילע די קאַלוויער״, זענען די אַלע דריי אַריינגעשטיגן. אַ יונגער פראַנט, האָט זיך דערנענטערט צום אויטאָ, וואָס אין אים איז געזעסן פאָל, און, זעענדיק אַז ער איז פאַרנומען, איז ער אַוועק זוכן אַן אַנדער אויטאָ. דאָס איז געווען שעסטער קינגטאָן, אַ מענטש פון קוי-טשוק, וועלכן מ׳האָט אויך גערופן „דאָס כינעזישע רעטעניש״, אַ זעלטענער פלינקער: ער האָט זיך אַזוי געקענט צוזאַמענ-קאָרטשען און דין ווערן, אַז ער האָט געקענט אָן שוועריקייט זיך אַריינפּאַסן אין אַ שאַכטל פון אַ דאַמענהוט. דער יונגערמאַן האָט זיך אויסגעדרייט און באַגריסט אַן אַרויסגייענדיקע פרוי. דאָס איז געווען יוטאַ שומאַן.

פּאָל האָט געעפנט ס׳טירל. יוטאַ איז איינגעשטיגן, צו-רופנדיק צום שאָפער:

— מיר פאָרן!

צוגעטוליעט צו פאָלן, האָט זי געלייגט איר קאָפּ אויף

זיין אַקסל. ער איז פאַרשיכורט געוואָרן פונם אַראָמאַט פון אירע האָר, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אונטער אַ בלישטשנ־דיקן, זילבערנעם העלם, יענעם באַרימטן העלם, וואָס איז גע־שאַפן געוואָרן פון רעבו און וואָס מ׳האָט אים גערופן „מיס אַן פלי״, ווייל צוליב דעם צוזאַמענשטעל פון געדרייטע און זיך וויקלענדיקע זיידענע שנירלעך האָט ער בולט געמאַכט די פרעכ־טיקע אָנדוליִרונג פון די האָר.

ביים ראָג בולוואַר האָט זיי פאַרהאַלטן דאָס ווייסע שטע־קעלע פון פּאָליציאַנט. דער שאָפער האָט זיך אָנגעפּרעגט, אין וועלכער ריכטונג ער זאָל ווייטער פאָרן, און אויף פאָלס צייכן, האָט זיך דער אויטאָ געריִרט פון אָרט און זיך באַוועגט צווישן אַ לאַנגער ריי אויטאָמאָבילן אויף דער העל באַלויכטענער גאַס, וואָס ציט זיך איבערן לעגענדאַרן, באַצויבערנדיקן מאָנמאַרטר. מ׳וואָלט געקענט מיינען, אַז אַלע אויטאָמאָבילן פון גאָר דער וועלט האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אויף דערדאָזיקער אילומיני־רטער גאַס, פונקט ווי אינם שמאָלסטן העלדזל פון אַ צייטמעס־טער, וואָס דורך אים שטופּט זיך דורך יעטוועדעס קערנדל זאַמד. דער לעבנס־דורשט פון אַלע עפּיקורעער אויף דער וועלט קומט זיך צונויף אויפן דאָזיקן פונקט, אַזויווי בעת זון־אונ־טערגאַנג ווענדן אַלע פרומע מאַכמעדאַנער זייערע געדאַנקען קיין מעקאַ.

די אויטאָס האָבן זיך צעצווייגט אויף דריי רייען, באַ־וועגנדיק זיך לאַנגזאַם, פייערלעך, ווי אַ פּראָצעסיע. יוטאַ שומאַן האָט, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון פאָלס אַקסל, געלייענט די בולטע, פלאַמענדיקע אויפשריפטן איבער די קאַבאַרעטן, רעסטאָראַנען, „בואַטס״. אין סאַמע מיטן פון דאָזיקן גיהנום דערהייבט זיך, ווי אונטער אַ גלעזערנע קויל, די קירך נאָטרע־דאַם דע לאָרעט. די פּאָרטיערן האָבן אויסגערופן הויך און מיט קאָמישע צערעמאָניאַלע באַוועגונגען די נעמען פון די נאַכט־לאָקאַלן: „לע קאַנאַרי״, „לע קאָקאַדאַן״, „לע קאַפּיטאָל״. די שרייענדיקע, פּאַספּאָריזירנדיקע אויפשריפטן האָבן געלאָקט מיט זייער פּאַפירענעם עקזאָטיזם: „פלאָנטאַסיאָן״, „שאַטאָ קאָקאַזיען״. די ריזעדיקע אותיות: „סאַוואָי״ און „ראָיאַל״ האָבן קאָנקורירט איבער דעם פיינערן פּובליקום מיט: „פּאַראַדיז״ און „ניו־מאָני־

קאָ". פון די אָפענע טירן האָט אַרויסגעזעצט פון צייט צו צייט אַ רעש פון מענטשלעכע קולות און מוזיק-טענער.

אויף די טראָטואַרן האָבן זיך צונויפגעקליבן מענטשן און געהיימנישפולע גרופּן: געפאַרבטע פרויען מיט בלישטשנדיקע אויגן, שאָפערן, נעגער מיט בלאַנקע ציין, פונקט ווי עמעצער וואָלט זיי צווישן די קינבאַקן אַרייַנגעשטעלט אַ גליַיעמפּל פון צווייהונדערט ליכט, מאַיעסטעטישע קאָזאַקן אין נעטע אוניפאָר־מען, און איבער דעמדאָזיקן המון — אַ קאָנצערט פון אויטאָ־מאָביל-סיגנאַלן, און ווידער מוזיק, מוזיק, וואָס דרינגט אַרויס אומאויפהערלעך פון אַלע הייזער. די פאַסאַדן פון די הייזער האָבן געטריפט מיט מוזיק. דער שטאַרק רויטער הימל, ווי דאָס פלאַמענדיקע פייער אין אויוון פון אַן אייזנהוטע, האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געדראָט צו פאַרפלייצן די ערד מיט אַ פייער-רעגן.

יוטאַ איז געווען גענצלעך פאַרשיכורט פון דאָזיקן דער־דריקנדיקן ווירבל פון ליכט-עפעקטן. זי האָט אַרויסגעקוקט דורכן אויטאָ-פענסטערל אויף די מאַסן מענטשן, וואָס זענען אויסגע־שפּיגן געוואָרן דורך די ריזיקע מיילער פון מעטראָס, אויפן המון, וואָס האָט געדרענגט פון די אויטאָבוסן צו די לאָקנ־דיקע דאַנסינג-אינדזלען, צו דער פאַרשיכורנדיקער זאָרגלאָזי־קייט פון די „מיסעט-באַלן". אויף קלישי-בולוואַר האָט אַ פרוי, וואָס איז געווען פאַרקליידט פאַר אַ פּאַפּוגיי, אויסגערופן פאַר דער טיר פון אַ רעסטאָראַן:

— „לאַ פעריש"!

אַ יינגל אין אַן אוניפאָרם פון אַ לייב-דרעסירער איז אַרויפגעשפרונגען אויפן טרעפּל פון אויטאָ און גערופן:

— „לע שאַ נואַר". קען זיין אַן שאַמפּאַניער.

און גלייך איז ער שוין געווען אויף אַן אַנדערן אויטאָ.

די ריזעדיקע פליגל פון מולען רוזש, באַזעצטע מיט רויטע גליִעמפּלען, האָבן באַגאָסן דעם גאַנצן בלאַנש-פּלאַץ מיט אַ העלער פּורפּור-שיין. דער אויטאָ האָט זיך אַוועקגעלאָזט לענג־אויס רי-פּאָנטען. פאַרן לאָקאַל די „טראָיקע" זענען ווידער גע־שטאַנען קאָזאַקן מיט קורצע שטיוועטן ביים גאַרטל, קלינגענ־דיק גרוילעך מיט די שפּאָרן. פון הינטער די רויטע פּורהאַנ־

געגן האָבן זיך אַרויסגעריסן אין דרויסן אַרויס די קלאַנגען פון אַ באַלאַלייקע-אָרקעסטער. אַ פּרעכטיקער פּאַרטיער, וואָס איז געווען באַהאַנגען מיט מעדאַלן, האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געוואַרט אויפן טאָג, ווען ס׳וועט צוריקגעשטעלט ווערן די מאָנאַרכיע, און ער וועט קענען צוריקקערן צום קרעמל.

דער שאָפער האָט זיך ווידער אויסגעדרייט צו זיינע אומאַנטשלאָסענע געסט:

— רוסלאַנד אינטערעסירט אייך נישט? אפשר גאָר דרום-אַמעריקע?

— גוט — האָט יוטאַ געענטפערט: — כ׳האָב חשק צו אַ טאַנגאָ.

דער אויטאָ האָט זיך פאַרהאַלטן פאַרן לאָקאַל „פּאַלערמאָ”.

ס׳האָט זיי באַגריסט אַן אומעטיקע מעלאָדיע. דער ערשטער פידלער האָט אַ נייג געטון דעם קאָפּ אין יוטאַס זייט, ווי זי וואָלט דאָ געווען אַ שטאַם-גאַסט. דער גאַנצער פּאַרקעט איז געווען באַדעקט מיט פאַרשידנפאַרביקער קאָנפעטי. דער פאַרוואַלטער האָט ענערגיש גלייכגעשטעלט די שטילן. ער האָט געהייסן צוברענגען עטלעכע רעדלעך סערפּענטין, האָט פאַרגעלייגט יוטאַן אַ בינטל גלאָקנבלומען.

נאָך אַ לאַנגער פּויזע האָט פריילן שומאַן געזאָגט:

— אומעטום אויף דער וועלט געפינט זיך אַ געהיימע צוציאונגס-קראַפט, וואָס פאַרבינדט זאַכן מיט מענטשן און מענטשן מיטן לעבן. מיר ווייזט זיך אויס, אַז דאָ אויפן מאָנמאַרטר איז דער ריטם פון לעבן אַ פיל שנעלערער, אַז עס פאַרשטאַרקט זיך אין מיר דער פּראָצעס פון פאַרצערונג: אַלץ געשעט דאָ גיכער, שטאַרקער, אינטענסיווער. דער מאָנמאַרטר— דאָס איז אַ וואונדערלעך שטאַרקער צעשטערונגס-עלעמענט. און נישט בלויז דערפאַר, וואָס דאָ געפינען זיך באַצויבערנדיקע פרויען, פאַרשיכּורנדיקע משקאות און אַן אויסערגעוויינלעכע אויסגעלאַסנקייט, נאָר אויך צוליב אַנדערע געהיימע סיבות, וואָס מ׳קען זיי גאָרנישט אויסדריקן מיט ווערטער, וואָס מ׳קען בלויז תּופס זיין מיטן געפיל; — דער מאָנמאַרטר, דאָס איז אַ באַרגאַראָפּ-וועג, וואָס פירט צו אַן אונטערערדישע וועלט פון פאַרברעכן און מאָרד...

יוטאס בליק האָט געבלאָנדזשעט איבערן זאַל. ס׳האָבן געטאַנצט אַ סך פּאָרלעך. די מוזיקאַנטן זענען געווען געקליידט, ווי גאָטשאָס*).

אַ קאָלירט קיילעכל, וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, פליענדיק פון איין טישל צום צווייטן, איז אַריינגעפאַלן אין יוטאַס גלעזל.

— לאָמיר טרינקען — האָט געבעטן פּאָל.—איר דאַרפט טרינקען, וויבאַלד איר גלייבט אין דער אויסשטראַלונגס־אַקטיוויטעט פון פּאַריז. מענטשן זאָגן, אַז מינעראַל־וואַסער דאַרף מען טרינקען נאָר ביים קוואַל, ווייל ווען עס ווערט איבערגעגאָסן אין פלאַשן, פאַרלירט עס פיל פון דער ראַדיאָ־אַקטיוויטעט. דעריבער דאַרף מען שאַמפּאַניער טרינקען נאָר אויפן מאָנמאַרטר!

די פּרעסקן אויף די ווענט האָבן פאָרגעשטעלט „פּאַלערמאָ” פון בוענאָס־איירעס, די שפּיגלען האָבן פאַרלענגערט די געמאָלטע פיגורן איבער די קעפּ פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך, וואָס זענען ס׳רוב געווען אַמעריקאַנער. צווישן פּובליקום האָבן זיך געזען ברוינהויטיקע מענער און שוואַרצהאָריקע פרויען, וואָס האָבן געהאַט אַזעלכע רויטע מיילער, ווי די נעלקן אין זייערע האָר פון העבאַן־קאָליר.

פּאָל האָט געזאָגט:

— איר ווייסט, אַז די גרעסטע כשופמאַכערין פון דער וועלט און פון אַלע צייטן איז באַגראָבן אין פּאַריז? כ׳וועל אייך דערציילן אַ זאַך, וואָס נאָר ווייניק מענטשן ווייסן עס: נאַפּאָלעאָן האָט מיטגעבראַכט פון עגיפּטן קלעאָפּאַטראַס מומיע, כדי זי זאָל ווערן באַגראָבן אין פּאַריז. מ׳האָט די ביינער פון דער פּאַטאַלער קעניגין באַהאַלטן אין פּאַרק וואָס ביי דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אויף רי ווויוויען, נאָענט פון דער בערזע. איר אַש איז אַ טייל פונם אַש פון פּאַריז; עס פאַרשטויבט אונזערע קליידער, עס דרינגט אַריין אין אונזער נשמה. ווער ווייסט, צי די פּאַריזער אַטמאָספער, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט עראָטיק, שטראַלט נישט אַרויס פון דערדאָזיקער מומיע?

*) אזוי הייסן די פון שפּאַניער שטאַמענדיקע באַוואוינער פון די פּרעריען פון דרום־אַמעריקע.

דער קעלנער האָט אָוועקגעשטעלט אַ צווייטע פלאַש אין אַן עמער מיט אייז. אַ „פּאַרטנעצער" האָט פאַרגעלייגט זיין דינסט. יוטאַ האָט אים אָפּגעזאָגט.

דער רעש, די מוזיק און דער וויין האָבן זי באַטויבט. זי האָט געקייט געזאַלצענע מאַנדלען, וואָס פאַרשטאַרקן דעם דורשט.

באַלד האָט זי געזאָגט, טרינקענדיק:

— ליבע איז אַן אינטענסיווער ריטם־אויסטויש פון דער פאַנטאַזיע. אַט די מענטשן, וואָס טאַנצן דאָ, מיינען, אַז זיי דערנענטערן זיך צו דער ליבע, און גיבן זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג דערפון, אַז זיי דערווייטערן זיך גאָר פון איר. דאָס קעגנזייטיקע באַרירן זיך האָט נישט קיין גרויסע שייכות מיט ליבע.

— אויב ס'איז נישט אמת, אַז ליבע ווערט דערפירט צו דער באַהעפטונג פון צוויי אויבערהייטלעך...

— איך קען — האָט זי אים איבערגעריסן — דידראָזיקע דעפיניציע. דאָס איז איינער פון יענע פּאַראַדאָקסן, וואָס זענען געווען שטאַרק אין דער מאָדע אין דער צייט פון ביליקן סקעפּטיציזם און וואָס זייער מעטאָד האָט באַזירט אויף באַגאַטעליזירן דערשייַנונגען דורך אויסטיילן איין פּרט פון זייַנע צענערטרויזנטער עלעמענטן. באַצייכענען ליבע ווי „אַ באַהעפטונג פון צוויי אויבערהייטלעך" איז פּונקט דאָסזעלבע, ווי דאָס דערקלערן, אַז אַ מעדאַל איז אַ קיילעכיק שטיקל מעטאַל, וואָס הענגט אויף אַ סטענגע.

פּאָל פּאָט האָט געשוויגן. ער האָט געקייט אַ געזאַלצענע מאַנדל, כדי ער זאָל נישט זיין געניט צו ענטפערן.

ביזאיצט האָט יוטאַ אויסגעזען ביי אים אין די אויגן, ווי דאָס רייַנסטע וועזן אונטער דער זון. דידראָזיקע רייטערין, וואָס שטודירט פילאָזאָפיע אין דער סאָרבאָנע, וואָס אַרבעט מיט אַזאַ פלייס אויפן געביט פון וויסנשאַפט און איז אַזוי אומגעצוימט און צעלאָזן אויף דער אַרענע, האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי אַן אומבאַפלעקט, כמעט ווי אַן אַסעקסועל וועזן אין אַ סביבה פון צעשטורעמטע ליידנשאַפטן. און אָט איז געווען גענוג אַ ביסל אַלקאָהאָל און אַן אויפרעגנדיקע אַטמאָ־

ספער, כדי צו אַנטדעקן אין איר די פרוי פון ליבע, וואָס האָט שוין אַדורכגעמאַכט ווער ווייסט וואָסערע נסיונות...

— כ׳ווייס גאָרנישט ווען ליבע — האָט ער ענדלעך געענטפערט.

— איך זע עס און פיל עס — האָט זיך יוטאַ אָפּגערופן — און כ׳בין זייער פון דעם צופרידן.

— איך ווידער זע, אַז איר ווייסט אַלץ אויפן דאָזיקן געביט — און דאָס מאַכט מיך זייער טרויעריק...

— וואָס מיינט איר מיט דעם צו זאָגן?

דער קעלנער האָט אָנגעפילט די גלעזלעך.

— מיין טייערע — האָט ער געענטפערט — איך בין איצט אַלט פינפאונדרייסיק יאָר. אַ מענטש אין די יאָרן מוז זיך היטן, אַז ער זאָל זיך נישט פאַרליבן. דאָס איז פונקט אַזוי געפערלעך, ווי חיץ פון מאָגן ביי זויגקינדער, אָדער ווי אַ צוגווינד פאַר אַ פּופּציקיעריקן.

— וואָס באַדייט דאָס?

— ס׳איז גענוג פאַר מיר נאָר איין פראַזע אייערע, פריילן יוטאַ, כדי זיך צו אָריענטירן אין אייער אינערלעכע וועלט. געוויסע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען דעקן אויף דעם גאַנצן געדאַנקענגאַנג פון אַ מענטש. אויפן גרונט פון איין בלעטעלע איז דער באָטאַניקער אימשטאַנד צו רעקאָנסטרואירן דעם גאַנצן געוויקס. אויפן גרונט פון פאַרשטיינערטע ביינער האָט קיוויע באַשריבן אויסגעשטאָרבענע און אומבאַוואוסטע מינים פון חיות.

— אָבער ער האָט געמאַכט אויך טעותים — האָט זי זיך אָפּגערופן. — גייט נישט אין זיין וועג. אויפן גרונט פון ביינער קען מען רעקאָנסטרואירן דעם שקעלעט פון אַ זויג-חיה, אָבער ווי איז דעם, וואָס אויפן גרונט פון איין פראַזע, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט פון אַ פרוי, וויל ער באַגרייפן דעם מהות פון דער פרוי...

פאָל האָט געזאָגט:

— כ׳האָב מורא, אַז ס׳האָט זיך אין מיר דערוועקט צו אייך אַ מעכטיקע ליבע...

— אַך, וואָס פאַראַ אויסדרוק! — האָט זיך יוטאַ אָפּגערופן — די מעכטיקע ליבע רופן אַדוואָקאַטן דעמאָלט, ווען זיי

זענען שוין עובר-בטל. איך וואָלט זיך גאָרנישט געוואונשן אַ מעכטיקע ליבע. פאַר מיר איז גענוג אַן אינטענסיווע ליבע. מען דאַרף ליבע מעסטן נישט מיט וואָלטן, נאָר מיט אַמפּערן.

ער האָט צוגערופן דעם פאַרוואַלטער. ער האָט באַצאָלט דעם רעכענונג, און ביידע האָבן פאַרלאָזט דעם לאָקאַל.

פאָל איז געווען אומעטיק. יוטאַ איז געגאַנגען אָנגע-לענט אויף זיין אָרעם. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך אַזוי פעסט, ווי ער וואָלט וועלן זי צושמידן צו זיך אויפן גאַנצן לעבן. אירע אויגן זענען פול געווען מיט באַהאַלטענע באַגערן, אירע ליפן צעעפנט:

— כ'בין מיד — האָט זי געזאָגט.

און גלייך צוגעגעבן:

— ווי דורשטיק איך בין.

זיי זענען אַריין אין אַן אַנדער דאַנסינג. און ווידער האָט אויף זיי אַ שלאָג געטון אַ פאַליע אַרגענטינישע מוזיק: דאָס וויינענדיגע קלאָגן זיך פון אַ פיסהאַרמאָניע, די גרילצנדיקע טענער פון אַן אָפּגעטעמפּטער זעג, אַ יאָמערנדיקער קלאַנג אין מעגאַפאָן „טע קיעראָ!" — און אַ טעמפּער עכאָ פון טרומייט-לעך. עמעצער האָט פאַלן דערלאַנגט אַ רויט פּאַפּירן היטל מיטן אויפשריפט: „על גאַראָן".

— ווידעראַמאָל דרום-אַמעריקע... — האָט פאָל געזאָגט.

ער האָט באַשטעלט סאָדעוואַסער.

דער קעלנער האָט געברענגט שאַמפּאַניער.

יוטאַ האָט איינגעוויקלט אַ שטיק אייז אין אַ טיכעלע און צוגעלייגט עס צו די שלייפן. אַ יונגערמאַן האָט זיך דער-נענטערט צו יוטאַס טישל און, נייגנדיק זיך פאַר איר אונ-טערטעניק, האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ פראַזע, וואָס איז געווען אַ געמיש פון פראַנצייזיש מיט שפּאַניש:

— „לאַ סעניאָראַ דעסעאַ באַקסילאַר אין טאַנגאָ?"

יוטאַ איז איינגעגאַנגען אויפן דאָזיקן פאָרשלאַג און זיך געלאָזט טאַנצן.

פאָל האָט פון איר נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג. זי האָט איצט געטאַנצט מיט אַזויפיל פאַרחלומטער איבערגעגעבנהייט, פונקט ווי נישט אירע פיסלעך האָבן געטראָגן דעם קערפּער,

נאָר ווי דער קערפּער אירער האָט מיט זיך מיטגעצויגן אַט די צוויי דעקאָראַטיווע פּיסלעך, וואָס זענען ביי די קנעכל גע־ווען באַצירט מיט אַנטציקנדיקע זילבערנע פּאַנטאָפעלעך. דער טענצער האָט זי נישט צוגעדריקט צו זיך, האָט זי נישט גע־פירט, — ער האָט זיך געהאַלטן אויף אַ געוויסן דיסטאַנס. עס האָט אַזוי אויסגעזען, ווי ער וואָלט מיט אויסרעכענונג רעגו־לירט דעם דיסטאַנס, וואָס איז נייטיק, כדי אַרויסצורופן פונ־קען. וויפל סובטעלע איראָניע דריקט זיך אויס אין זשאַזבאַנד, ווען ער שטרייכט־אונטער ליידנשאַפטלעך די עראָטיק אין דער מוזיק! דער אימפּעט פון די פידלען, וואָס לאָזן אויפשוועבן זייערע טענער אין דער אַטמאָספער פון דערלייזונג, ווערט צעשלאָגן אָן דער קערפּערלעכקייט פון די סאַקסאָפאָנען. די ווערטער צו דער מוזיק זענען געווען אָן ערך פון אָט דעם אינ־האַלט: „שיקיטאַ, כ'האָב דיך אָפּגעשטויסן, דו האָסט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון; כ'וועל דיר אַלץ מוחל זיין, וועיל...״

וועיל? דאָ קומט די לעצטע ליבעס־דערקלערונג, אָפּגעזען פון אַלע נאַטוראַליסטישע טעאָריעס, פון די מעדיצינישע דיאַ־גנאָזן, פון די פּראָפעסיאָנעלע פלאַפלערייען.

— „כ'וועל דיר אַלץ מוחל זיין — האָט זיך גערעדט אין לידל — וועיל... דיין נאָמען איז דאָך אַזוי זיס, שיקיטאַ!״

דער נעגער האָט אין באַשטימטע מאָמענטן אַריינגעשריגן אין מעגאַפאָן:

— שיקיטאַ!

פּאָל האָט געטראַכט וועגן די אַלע פרויען, וואָס האָבן זיך געהאַט אַריינגעוויקלט אין זיין לעבן: נאָך קיינמאָל האָט ער נישט איבערגעלעבט אַ גרויסע טראַגעדיע, נאָך קיינמאָל איז ער נישט געווען אַן אמתער געליבטער. די, וואָס באַגייען זיך אויסגערעכנט מיט זייערע געפילן, זענען נישט אויסגעשטעלט אויף אַ קאַטאַסטראָפע. די פינף אָדער זעקס פרויען, וואָס האָבן אויסגעפּילט פּאָלס ליבע־איבערלעבענישן, האָבן אים צוגע־שוואוירן טריישאַפט און אים פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן אים אייביק ליבן, און האָבן אים פאַרראַטן און פאַרלאָזט גראָד אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיי אָנגעהויבן גלייבן...

דער נעגער האָט ווידער אין זעלבן טאָן געטון אַ געשריי אַריין אין מעגאַפאָן:

— שיקיטאַ!

אויף דער אָנגעצויגענער הויט פון דער פויק איז גע־ווען אויסגעמאָלט אַ נאַקעטער אַמאָר מיט פליגעלעך און מיט פייל־און־בויגן, אַ פאַרעלטערטער סימבאָל פון פאַרגאַנגענע צייטן.

— וועגן וואָס טראַכט איר? — האָט געזאָגט יוטאַ שו־מאַן, צוקומענדיק צוריק צו זיין טיש.

— כ'טראַכט, אַז די ליבע זעט אין דערווירקלעכקייט אויס אַ ביסל אַנדערש, ווי מ'האָט זי דאָ פאַרגעשטעלט אויף דער אייזל־הויט: אַ נאַקעט, דיק קינד, וואָס שיסט אָן אויס־רעכענונג מיט בלינדע פיילן. אין היינטיקער צייט האָט אַמאָר זיך אויסגעלערנט שיסן מיט געשפּיצטע פיילן. קאַלטבלוטיק צילט ער און פאַרפעלט נישט דעם ציל.

— כ'פאַרשטיי נישט גוט, וועגן וואָס איר רעדט דאָ. ס'טרעפן דאָך פאַלן, ווען אַמאָר פאַרטראַכט זיך נישט וועגן ציל און שיסט אויף בלינד. אין גרונט גענומען, ווייסט איר דאָך גאָרנישט וועגן ליבע.

— די פרויען, וואָס מיט זיי האָב איך זיך צוזאַמענגע־טראָפן ביזאיצט... — האָט פאָל אָנגעהויבן.

יוטאַ האָט צוגערופן דעם קעלנער. דער קעלנער האָט גערופן די גאַרדעראָבהיטערין, די גאַרדעראָבהיטערין האָט גע־רופן ס'שיקיינגל, דאָס שיקיינגל האָט צוגערופן אַן אויטאָ און געעפנט ס'טירל.

— וואו וואוינט איר? — האָט געפרעגט פאָל.

— און איר? — האָט צוריקגעפרעגט יוטאַ.

פאָל האָט צוגעוואָרפן דעם שאָפער זיין אייגענעם אַדרעס.

— יוטאַ האָט איבערגעחזרט מאַשינעל:

— די פרויען, וואָס איר האָט זיך מיט זיי צוזאַמענגע־טראָפן ביזאיצט... אַזוי האָט איר געזאָגט. נאָר איידער איר הייבט אָן צו רעדן, עפנט פריער ס'פענסטערל.

פאָל האָט געעפנט ס'פענסטערל, דערנאָך האָט ער גע־שווינד פאַרענדיקט דעם פריער אָנגעהויבענעם זאַץ:

— כ׳האָב דערויף באַוויזן, אַז זיי אַלע האָבן מיך פֿאַר־ראַטן.

יוטאַ האָט אויפֿגעלאַכט. זי האָט געלאַכט הויך, פֿאַר־וואַרפֿנדיק דעם קאָפּ אויף הינטן, ווי אויף אַ דענטיסטישן פֿאָטעל. אָבער גלייך איז זי געוואָרן ערנסט.

— מיין פריינט, איר פאַרשטייט זיך אַבסאָלוט נישט אויף ליבע. אויב איר הייבט אָן חושד צו זיין אַ פרוי, אַז זי האָט אייך אויפגעהערט צו ליבן, דאַרפט איר זיך נישט מטריח זיין צו זוכן אין איר טאַש בריוו פון אַ געליבטן. מ׳דאַרף איר אויך נישט נאָכשפּיאָנירן מיט דער הילף פון אַ פּריוואַט־דעדעקטיוו; אויך נישט פטרן צייט אויף אָפּוואַרטן זי פאַרן טויער, ווען זי גייט אַרויס אויפן שפּאַציר, נאַר...

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. יוטאַ איז אויסגעשטיגן.

— מיר זענען שוין פאַר מיין היים — האָט געזאָגט פאָל.

— כ׳ווייס. באַצאָלט פאַרן קורס.

יוטאַ איז מיט אַ רואיקן טריט געגאַנגען אויף די טרעפּ צו פּאָלס וואוינונג. ווען זיי האָבן זיך געפונען אין קאַבינעט, האָט פּאָל אָנגעהויבן זיך צו אַנטשולדיקן:

— לייגט נישט קיין אַכט אויף דערדאָזיקער אָפּגעלאָזנקייט, אַן אמת קאַוואַלערישע וואוינונג. ס׳פעלט דאָ אַ פרויענהאַנט, כאָטש איך האָב דאָ — ווי יעדער איינזאַמער — באַהאַנגען די ווענט מיט פאָטאָגראַפיעס פון אַקטריסעס, טענצערינס, אָדער פרויען, וואָס געהערן לכל־הפחות צו אַן אַנדערן, אָדער צו א סך אַנדערע...

יוטאַ האָט אַנידערגעוואָרפן אויפן טיש איר אָריגינעלע קאַסקע פון זילבערנע שנירלעך און אויסגעטון דעם מאַנטל. פּאָלס שטימונג האָט זיך געוויגט צווישן מעלאַנכאָלישער דערשלאָגנקייט און איבערגעטריבענער פריילעכקייט.

— וואָס מאַכט עס אויס — האָט ער פּלוצלינג אַ זאָגגעטון מיט מונטערקייט, — וואָס מיין וואוינונג איז אַזוי מיאוס? אייגנטלעך שלאָף איך דאָ בלויז, גאָל זיך, טו זיך אָן — און מיט דעם ענדיקט זיך עס. מיין אמתדיק לעבן פליסט אויסער דידאָזיקע ווענט: איך וואוין אין פּאַריז, און ווען כ׳שפּאַן איבער

די גאַסן פון דערדאָזיקער שטאָט, ווייזט זיך מיר אויס, אַז כ'באַוועג זיך אויף די ברעטער פון עפעס אַ פאַרכישופטער דרייבינע. כ'בין דער באַלעבאָס פון דער אַלייע „שאַן-עליזעי", ווי פון דער קאַטעדרע נאָטרדאַם, פון די יובילער-געשעפטן אויף רי דע לאַ פער, ווי פון די בילדער-קאָלעקציעס פון די אַלטע איטאַליענישע מייסטער, מיין איז וויקטאָריאַ פון סאַמאָטראַקיע; מיין איז אויך וועגוס פון מילאָ, און די בילדער פון פאַאָלאָ וועראָנעזע. דער גאַנצער לוווּר געהערט צו מיר פון צען אינדערפרי ביז פיר נאָכמיטאָג, ביזוואַנען דער מוזיי-וועכטער טרייבט מיך נישט אַרויס. ווען כ'וויל עפעס איבערלייענען אָדער אַדורכשטודירן, שטייען פאַר מיר אָפן די פרעכטיקע זאַלן פון קאַפע פאַליי ראָיאַל. כ'קען רייכערן אין דעם עלעגאַנטסטן רייכערזאַל אויף דער וועלט: אין די אַלייען פון גאָנסאָ-פאַרק. ווי איר זעט אַלזוי, קען איך מיר דערלויבן אויפן לוקסוס צו וואוינען אין אַ מיאוסער וואוינונג.

יוטאַ האָט דערווייל איבערגעקוקט די גראַמאָפאָן-פליטן.

פאָל האָט זיך צו איר אָפגערופן:

– איר האָט דאָך מיר געוואָלט געבן אַן עצה: ווען אַ פרוי הערט מיך אויף צו ליבן, אָדער הייבט מיך אָן צו פאַרראַטן, וואָס איז דעמאָלט גלייכער צו טון, איידער זי נאָכצושפּיאָנירן און אָפהיטן?...

יוטאַ האָט געענטפערט:

– מ'דאַרף בלויז – איר אַרייַנקוקן אין די אויגן. ווען אַ פרוי הערט אויף צו ליבן, ענדערט זיך דער אויסדרוק פון אירע אויגן. אירע אויגן ווערן דעמאָלט פרעמדע, ווייטע, אָפוועזנדיקע–און דאָס זאָגט מער, ווי פאַקטישע באַווייזן...

– וואָס פאַראַ דערפאַרונג איר מוזט דאָס האָבן!...

– דערפאַרונג? – האָט יוטאַ פראָטעסטירט – ניין. אינטואיציע.

– קיינער קען נישט באַגרייפן ליבע מיט דער אינטואיציע.

– און דאָך זענט איר נישט גערעכט – האָט יוטאַ שטרענג אָפגעענטפערט:–איך האָב טאַקע בדעה אייך אויסצולערנען, וואָס עס איז אַזוינס ליבע.

פּאָל האָט ביטער געשמייכלט און געזאָגט מיט איראָניע אין טאָן:

— היט זיך, מיין קינד. אריב ליבּע איז אַ װיסנשאַפט, װאָס מ׳קען אויסלערנען, איז עס געװיס אַן עקספּערימענטאַלע װיסנשאַפט. און אַזאַ װיסנשאַפט קען מען זיך נישט אויסלערנען אָן פּראַקטישע דערפאַרונגען

יוטאַ האָט אים אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן:

— צוליב דעם טאַקע בין איך דאָך געקומען...

פּאָל האָט נישט פאַרשטאַנען. זי האָט צוגעגעבן:

— איך װעל אייך געבן די ערשטע לעקציע פון ליבּע.

פּאָלס פאַרלעגנהייט איז כסדר געשטיגן. ער האָט מיט אַ מעכאַנישער באַװעגונג אַפּיר געטון מיט דער האַנט איבערן שטערן און געפרעגט:

— איר װעט טרינקען קאַװע? כ׳האָב אַן עלעקטרישע מאַשינקע.

מען קען נישט מיט מער טאַקט געבן אַ פרוי אָנצוגעהערן, אַז זי איז שיכּור — האָט זיך יוטאַ צעלאַכט. — פאַרװאָס זענט איר מיך גלייך נישט מכבּד מיט אַמאָניאַק? אָ, פאַרענטפערט זיך נישט. כ׳אַנטשולדיק עס אייך: איך פיל זיך אין אַזאַ געהויבענער שטימונג, װי אַ שפּילזייגער; מיר דאַכט זיך, אַז באַלד װעלן אין מיר אָנהייבן אויפצושפּילן שטילע, דעליקאַטע טענער פון אַן אַלט געזאַנג. און איצט װעל איך אייך געבן אַ גרויסע לעקציע פון ליבּע. איך רעכן, אַז איר װעט זי מער קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַזױאַרום װעט איר זיך דערװיסן, אַז מ׳קען לעבן פינפאונדרייסיק יאָר און נישט האָבן דעם מינדסטן באַגריף װעגן ליבּע.

— כ׳קען נאָך גלייבן — האָט פּאָל געזאָגט, — אַז מ׳קען זיך אויסלערנען דייטש אין משך פון זעכציק שעה אָן אַ לערער, אָבער כ׳קען מיר נישט פאָרשטעלן, אַז מ׳קען אין איין נאַכט זיך אויסלערנען די קונסט פון ליבּע. מיין פריינטין, איר פירט זיך אויף היינטיקן אָװנט אַ ביסל שטיפעריש.

— אָ, ניין. מיין נערװן-סיסטעם איז איצט פולקום אין אָרדענונג; איך גיב זיך איצט אָפּ אַ קלאָרן חשבּון פון מיין טאַט. כ׳בין זיכער, אַז כ׳װעל אינדערפרי נישט באַדויערן, װאָס

כ׳האָב מיט אייך פֿאַרבראַכט היינטיקע נאַכט. איך פֿיל, אַז מיין מוח אַרבעט איצט רעגלמעסיק. אויב איר ווילט, קען איך אייך אויסרעכענען אַלע פֿילאָזאָפֿן פֿון דער וועלט, אָנהייבנדיק פֿון טאַלעסן און אַנאַקסימאַנדערן — און ענדיקנדיק ביי בערג־סאָנען אוןביים פּראָפֿעסאָר נאַנס; אָדער גאָר אויסרעכענען אַלע מעטאַלן און מעטאַלאָידן אינאיינעם מיט זייערע סימבאָלן.

— אָ, ניין, כ׳וויל עס נישט.

— זאָל זיין — האָט געענטפֿערט יוטאַ מיט אַ שמייכל — דאָס האָט נאָר געזאָלט זיין אַ פּרובע פֿון מיין גייסטיקער גלייכגעוויכט, פּונקט ווי שיכורע שטעלן זיך אויף איין פֿוס, כדי צו דערווייזן, אַז זיי האָבן נאָכנישט אינגאַנצן פֿאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין. שטעלט אָן דעם גראַמאָפֿאָן.

און זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּליטע. פּאָל האָט איבערגעלייענט דעם טיטל: דאָס איז געווען „שיקיטאַ״. ער האָט אָפּגעלייגט די פּליטע אָן אַ זייט, אויסגעקליבן אַן אַנדערע און אָנגעדרייט מיט דער קאָרבע.

ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע נעבן אַן עטאַזשערקע מיט ביכער, צווישן זיי — אַ קאָמפּלעט פֿון אַנאַטאָל פֿראַנס׳ ווערק. אין גראַמאָפֿאָן־היילכער האָבן אויפֿגעקלונגען די הערלעכע און צוגלייך זינלאָזע ווערטער פֿון „באַרקאַראָלאַ״ אין „האָפֿמאַנס דערציילונגען״ — אָט יענע מעלאָדיע, וואָס מ׳האָט יעדן אָוונט געשפּילט אין צירק, בעת יוטאַ שומאַן, די רייטערין, איז דערשינען אויף דער אַרענע אין פּיאַלעט־ליכט פֿון פֿיר רעפֿלעקטאָרן.

פּאָל האָט זי צוגעטוליעט צו זיך. יוטאַ האָט געלייגט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל; אירע אויגנלעדענדיקע האָבן זיך געשלאָסן און אירע ליפּן האָבן זיך האַלב געעפֿנט. זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צום גראַמאָפֿאָן און אויפֿגעהויבן די נאָדל, כדי איבערצורייסן דאָס געזאַנג אויף אַזוי לאַנג, ווי ס׳האָט געדויערט זייער קוש. די מעמבראַנע האָט אַרומגעקרייזט אָן קול מיט דער שנעלקייט פֿון עטלעכע צענדליק אומקרייזן אין אַ מינוט. פּונקט אַזוי איז די מוזיק אַנטשוויגן געוואָרן אין צירק בעת די צומיינסט קאַרקבערכערישע נומערן.

יוטאַ האָט אָפּגעריסן אירע ליפּן פֿון פּאָלס ליפּן — און

ווידער אַראָפּגעלאָזט די נאָדל אויף דער אַרומקרייזנדיקער פּליטע.

— — — — — — — — — — — — —

ווען פּאָל האָט אויפגעמאַכט די אויגן, איז שוין יוטאַ געווען וואַך, זי איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן די קישנס, מיט געפלאָכטענע הענט אַרום אירע קני און געקוקט אין פענסטער, וואָס הינטער אים האָט אַ דורכזיכטיקער, בלאָער נעפּל פאַרהילט פּאַריז. די לופט איז געווען העל און אָנגעזאַפּט מיט ליכט, ווי בעת אַ זונענאויפגאַנג איבערן ים. דער ריזעדיקער גלאָק פון דער קירך סאקרע-קעיר האָט געקלונגען אַזוי הויך, אַז עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געהאָנגען דאָ אין דאָזיקן צימער.

יוטאַ איז אַראָפּ פון פּאָלס בעט און אָנגעטון איר פּיזשאַמע אָן פּראַזן, אָן פאַלשער איבערלייגונג, אָן פאַלשער פאַרוואונדערונג, פּונקט ווי זי האָט זיך אים איבערגעגעבן די היינטיקע נאַכט אויפריכטיק, אָן עפּעקטן און אָן פאַלשן ווידערשטאַנד.

פּאָל האָט ביי זיך געטראַכט:

„די אַלע פרויען, וואָס איך האָב געהאַט ביזאיצט, זענען געווען אַוואַנטוריסטינס, און איך האָב זיי געהאַלטן פאַר צניעותדיקע; די דאָזיקע פרוי, וואָס איך האָב זי באַטראַכט ווי אַן אויסגעלאַסענע, האָט מיט איר איבערגעבן זיך באַוויזן, אַז נישט געקוקט אויף איר כלומרשטער דערפאַרונג אויפן דאָזיקן געביט—איז זי דאָך אין באַצוג צו ליבע אַן אמתדיק קינד.

— אויף דיין געזיכט רוט אַ מאָדנער אויסדרוק—האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויף אים אין שפּיגל:—דאָס איז יענער אויסדרוק, וואָס וואָלט זיך גראָד געפּאַסט פאַר מיר—לויטן מנהג פון מיידלעך, וואָס האָבן די טבע צו באַווייגען מיט טראַדיציאָנעלע טרערן דאָס קרענצל פון אָראַנזשן-בלומען, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון זייערע לענדן. אָבער איך — ווי דו זעסט — ווין נישט. איך בין גליקלעך. פאַר אַ פרוי, וואָס איז צוגעוואוינט צו קלעטערן אויף די געדרייטע טרעפּלעך פון פילאָזאָפישן געדאַנק, איז דאָס איבערגעבן זיך אַ מאַן צום ערשטן מאָל אַן אַקט, וואָס פאַרמאָגט נישט אין זיך קיין שום פּייערלעכ-

קייט. זינט די וועלט שטייט האָבן שוין צוויי־הונדערט מיליאַרד מיידלעך דערפאַרן פון צוויי־הונדערט מיליאַרד מענער דיזעלבע עמאָציע, וואָס איך האָב היינטיקע נאַכט געהאַט דורך דיר. און איצט זאָלסטו וויסן, אַז כ'בין הונגעריק און וויל האָבן אַ קאַלטע וואַנע, פוטער און געטרוקנט ברויט. כ'וואָלט היינט געוואָלט גיין אין דער סאָרבאָנע אַריין צופוס. ס'איז היינט אַ הערלעכער פרימאָרגן. איך האָב דיך ליב.

— ווי יונג זענען דיינע מוסקולן! — האָט פאָל געזאָגט, גלעטנדיק איר יינגן, ווי זייד צאַרטן קערפּער.—ביסט שטאַרק און אינטעליגענט. צוויי זאַכן באַוואונדער איך אויף דער וועלט: פיזישע קראַפט און אינטעליגענץ — צוויי פאָרמען פון איינ־אונדערזעלבער ענערגיע.

— כ'בין נישט ביי דיר די ערשטע אינטעליגענטע פרוי— האָט יוטאַ געזאָגט, פירנדיק מיט אַ בריטווע אונטער אַן אָרעם.

— אינטעליגענץ ביי פרויען איז פונקט אַזאַ אויסנאַם, ווי הערמאַפראָדיטיזם, ווי געלינקטקייט, ווי אַ זעקסטער פינ־גער...

פאָל איז געבליבן אַליין אין צימער. צו זיינע אויערן האָט דערגרייכט דער גערויש פון וואַסער אין באָדצימער, וואו יוטאַ האָט זיך איצט געבאָדן. אין אַ פאָר מינוט אַרום איז זי פון דאָרט אַרויסגעקומען אויפגעפרישט און מונטער.

— ווייסט — האָט זי זיך געווענדט צו פאָלן — וועלכעס איז דאָס נוצלעכסטע באַשעפעניש?

— כ'ווייס נישט.

— אַ שוואָם.

מ'האָט דערלאַנגט פרישטיק אין עסצימער. אויפן טיש זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף אַ טאַץ אַכטאונצוואָנציק קרישטאָלענע גלעזלעך אין פיר רייען, אָנגעפילט מיט וואַסער, און אין יעדן איינעם פון די גלעזלעך האָט דאָס וואַסער דער־גרייכט אַן אַנדערער הויך; דאָס האָט צוגעצוינגן יוטאַס אויפ־מערקזאַמקייט.

— ס'איז געוויס איבעריק דיר צו דערקלערן, צו וואָס עס נוצן אָט די גלעזלעך — האָט פאָל זיך אָפּגערופן.

יוטאַ האָט זיך גלייך אָריענטירט:

— מ'קען אויף זיי שפּילן?

פּאָל האָט אָנגעטון אויף יעדן פינגער באַזונדער אַ מע-טאַלענעם רינג און אָנגעהויבן אימפּראָוויזירן אויף די גלעזלעך אַ גיכן און שווערן מוזיקאַלישן ריטם.

יוטאַ האָט זיך ערנסט צוגעהערט.

— ווי געפעלט עס דיר? — האָט פּאָט געפרעגט.

יוטאַ האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער טאַץ, האָט פון דאָרט גענומען אַ ניס, און, קייענדיק זי צווישן די ציין, האָט זי געזאָגט מיט אויפריכטיקייט אין טאָן:

— מ'קען מיט דעם פאַרדינען אין איין אָוונט הונדערט און פופציק פראַנק.

קאַפּיטל 5

דער קלאָון קראַ האָט געשאָנקען אַ האַלבן מיליאָן אויף אַהיים פאַר אַלטע אַרטיסטן, און נאָך אַ האַלבן מיליאָן אויף אַ קינדער־שפּיטאָל. איבערנעמענדיק דעם אַמט פון אַ בירגער־מייסטער אין אַ קליין שטעטל ביים לאַזור־ברעג, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרענדיקן מיט דער קאַריערע אין צירק, רעזיגנירנדיק פון בענעפיס, פון די באַנקעטן, פון די אַלע פייערלעכקייטן, וואָס זענען געוויינלעך אַ פאָרשפּיל צו אַ לוויה. טיף אין זיין נשמה האָט ער באַגערט צו לעבן אַ שטיל, באַשיידן לעבן.

ווען יוטאַ שומאַן האָט אים איבערגעגעבן פּאָלס פאָרשלאַג, האָט קראַ זייער גערן געוואָלט איבערגעבן זיין נאָכפאָלגער די געהיימנישן פון זיין קונסט.

— קודם־כל — האָט ער געראַטן פּאָלן — דאַרפסט איר זיך אויסגעפינען אַ פּאַסיקן פּסעוודאָנים.

— איך האָב אים נראָד — האָט געענטפערט פּאָל: — כ׳וועל זיך רופן: קלאָון פּאָט.

דעם באַרימטן קראַ איז דער דאָזיקער פּסעוודאָנים נישט געפעלן געוואָרן.

פּאָל האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— נעמען באַקומען אַ פאַרשידנאַרטיקע באַדייטונג, אָפּהענגיק פון דער באַטרעפנדיקער פּערזאָן. הערט זיך נאָר צו,

ווי שטרענג עס קלינגט: „ריכטער פּאָט"; און ווען כ'וואָלט געווען אַן אַרכיטעקט, וואָס האָט אויפגעבויט אַ פּיראַמידע, ווי שטאַרק עגיפּטיש וואָלט עס געקלונגען: „די פּיראַמידע פון פּאָטן". דער נאָמען פון אַ כיראָמאַנט: „פּראָפעסאָר פּאָט". און ווי אַ נאָמען פון אַ קלאָון? — הערט זיך נאָר איין, ווי קאָמיש דאָס קלינגט: „קלאָון פּאָט". יעטוועדע זאַך אויף דער וועלט שטעלט זיך אונז ביי יעדן מאָל אַנדערש פאָר, אָפּהענגיק פון קוקווינקל.

ווען עמעצער נואָפט מיט דער אייגענער מוטער אָדער טאָכטער, באַגייט ער אַן עקלהאַפטן פאַרברעך. אָבער ווען דערדאָזיקער עמעצער הייסט עדיפּ, דעמאָלט באַפרוכפּערט זיין טאַט די פאַנטאַזיע פון איישילאָסן און אויפן גרונט פון פאַרברעכן שאַפט זיך אַ מיט. ווען ער הייסט לוט, ווערן זיינע מעשים פאַראייביקט אין דער ביבל, און די מעשים-תעתּועים זיינע ווערן איבערגעזעצט אויף אַלע שפּראַכן פון גאָר דער וועלט און ווערן דערציילט די קינדער אין די שולן אויף דער גאַנצער ערדקויל. אַ נאַקעטע פרוי איז פּשוט אַן אומפאַרשעמטע — לויט דער מיינונג פון די קירכנפאָטערס. אָבער קוים שטעלט מען זי אַוועק הינטער אַ בוים, דעמאָלט הייסט זי אַ נימפע. ווען זי וועט האַלטן אַ שוואַן צווישן די קני, ווערט זי אַ לעדאַ; מיט אַ קויש פרוכטן אין די הענט — איז זי קערעראַ; מיט אַ שווערד אין דער האַנט — וועט זי זיין דער סימבאָל פון ניצחון, מיט אַ שפּיגל — דער סימבאָל פון אמת. ווען מיר טוען איר אָן אַ קייט אויף די קנעכל — שטעלט זי פאָר פרייהייט, אַ נאַכטהעמד אויף די פּלייצעס — איז זי טראַגעדיע; — און לאָמיר איר צובינדן אַ זאָקנבענדל איבער דער קני — איז זי שוין אַ קאָקאָטע. די געליבטע פון אַ ליידיקגייער הייסט אַ גאַסנמיידל, פון אַ פאַבריקאַנט — אַ קעפּסווייב, פון אַן אַנאַרכיסט — אַ חברטע, פון אַ דיכטער — די מוזע.

אַרויסגיין פון אַ גאָרקיך און נישט באַצאָלן איז אַ סטודענטיש שפּיצל; אָבער ווען דער באַלעבאָס לויפט אַוועק מיט אַ געשריי און פּאָליצײ-קאָמיסאַריאַט, ווערט שוין דערזעלבער טאַט אַ שווינדל. דער פאַקט פון לייגן זיך אין בעט אַריין מיט אַ פרעמד ווייב קען זיין אַ ליטעראַרישע, טעאַטראַלישע, ראָמאַנ-

טישע אָדער הומאָריסטישע דערשיינונג. אָבער ווען דער פּראָקוראָר נעמט איבער דעמדאָזיקן ענין אין זיינע הענט — ווערט דערזעלבער טאַט אַ פאַרברעך אויפן גרונט פון אַרטיקל 336 פון שטראָף־קאָדעקס.

און ער איז געקומען צום אויספיר:

— כ'וועל זיך רופן קלאָון פּאַט.

און באַלד האָט ער צוגעגעבן:

— כ'בין איבערצייגט, אַז יעדער מין קונסט איז אונטערגעוואָרפן פאַרשידענע איבערפאָרמירונגען. אַחוץ דער צירקאַרטיזם. וואָרום דערדאָזיקער אַרטיזם היט אָפּ געטריי זיין טראַדיציע און גייט נישט איין אויף קיין שום אָפּנייגונגען. דער מוזיק־האָל מוז זיך אומאויפהערלעך איבערפאָרמירן, ווייל דאָס איז אַ פאַרוויילונג פאַר דערוואַקסענע, וואָס זייער געשמאַק ענדערט זיך אָפט. אָבער אַ צירק איז אַ פאַרוויילונג פאַר קינדער, אָדער ריכטיקער: פאַרן מענטש־קינד, וואָס זיין געשמאַק איז אומפאַרענדערלעך, ווייל דאָס שטעלט־פאָר מיט זיך אַ געוויסע הפסקה אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג, וואָס יעדער דערוואַקסענער מוז דורכמאַכן. דערפאַר טאַקע וויל איך ווערן אַ קלאָון, וואָס חזרט־איבער די זעלבע נאַרישקייטן, וואָס עס האָבן פאַר אים שוין געזאָגט אין משך פון הונדערטער יאָרן גאַנצע דורות פון קלאָונס.

אויגוסט קראַ האָט אים אָנגענומען פאַרן אָרעם און אים אַריינגעפירט צו זיך אין דער גאַרדעראָב. אויפן טיש זענען געלעגן אָנגעוואָרפן רערלעך מיט וואַזעלין, רויטע פּאָמאַדעס און גרינע בליישטיפטלעך. דער קלאָון האָט אָנגעצונדן די לאָמפּן אויףביידע זייטן שפּיגל און אָנגעהויבן די ערשטע לעקציע:

— קאָמיזם איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ געוואַלטיקער און אומגעריכטער צוזאַמענשטויס פון צוויי דענקאַרטן: אַן אַלגעמיינער — וואָס איז דאָס בשותפותדיקע אייגנטום פון כלל, און אַן אינדיווידועלער — וואָס איז דער באַזיץ בלויז פונם יחיד. דאָס אַרויסרופן אַ געלעכטער איז נישט קיין קונסט, נאָר אַ וויסנשאַפט; דאָס איז אַ פּראָבלעם פון סענטיגראַמען און סענטיגראַדן. מ'דאַרף אָפּהיטן אַ געהעריקן אופן פון דאָזן

און טעמפעראַטור: שוועבל הייבט אָן צו קאָכן ביי 444 גראַד היץ, אַלקאָהאָל ווערט פאַרפרוירן ביי 130 גראַד קעלט. אָן ציפערן קענען מיר נישט תופס זיין קיין שום דערשיינונג. דיכטער שאַפן זייערע בעסטע ווערק אין פעריאָד פון פריער יוגנט, דאַקעגן הומאָריסטן גייען אַריין אין זייער בעסטן שאַפונגס-פעריאָד ערשט אויף די עלטערע יאָרן, דאָס הייסט: דעמאָלט, ווען זיי פאַרלירן די גלייכגעוויכט. מאַרק טווען און טריסטאַן בערנאַר האָבן אָנגעשריבן זייערע סאַמע געלונגענסטע זייטלעך זייענדיק שוין אַלט איבער זעכציק יאָר.

פאָל פאָט האָט אויסגעהערט דידאַזיקע לעקציע מיט אַ געוויסער פאַרוואונדערונג: זאָל דאָס זיין דערזעלבער קלאָון, וואָס פלעגט יעדן אָוונט אַרויסציען פון דער קעשענע פון זיינע ברייטע הויזן אַ לעבעדיקן קראָליק, אַ האַרמאַטל און אַ קליינעם אויטאָמאָביל, און וואָס פלעגט פאַר די אויגן פון באַגייסטערטן המון זיך אָנהענגען אָן אַ פערדישן ווידל און אין אַזאַ קלעגלעכן מצב פאַרלאָזן די אַרענע?

דער קלאָון האָט פאַרגעזעצט:

— ווען עס גיסט זיך צונויף צווייקוילנזויער-זאַלץ פון געזונטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד מיטן ווייַנזויער פון דער קריטיק—דעמאָלט אַנטשטייט אַ פערמענטאַציע פון איראָניע.

— — — — — — — — — — — —

אין דריי חדשים אַרום האָבן צוויי טויזנט אַפישן, געצייכנט פון וואַן דאָנגען, גאַרעטאָ, קאַסאַנדער, באַקאַנט געמאַכט דעם דעביוט פון קלאָון פאָל פאָט. די גרעסטע צאָל פון דידאָזיקע אַפישן איז פאַרשפרייט געוואָרן צווישן די פאַריזער אַדוואָקאַטן. די פרעסע-פאַרשטייער, וואָס האָבן בייגעוואוינט די רעפּעטיציעס, האָבן מיט אָנערקענונג זיך אויסגעדריקט וועגן דער פילזייטיקער טאַלענטירונג פון מוזיקאַלישן קלאָון, וואָס הגם ער איז נישט געבוירן געוואָרן אין געצעלט פון אַ וואַנדערנדיקן צירק, האָט ער מיט ווירדע אָפּגעהיט די טראַדיציעס און מאַניערן פון אַ געבוירענעם „אָנפאַן דע באַל". די כראָניקער פון דער עלעגאַנטער פאַריזער געזעלשאַפט האָבן פאָרויסגעזאָגט, אַז אויף דער פרעמיערע אין „ווינטער-צירק" וועט זיך צונויפקומען די עליטע פון פאַריז. ס'האָט זיך פאַר-

שפּרייט אַ קלאַנג, אַז צוויי קעניגען, וואָס טראָגן ביידע זייערע קרוינען מיט דערזעלבער גלייכגילטיקייט, ווי מ'טראָגט אַ רייזע-היטל, האָבן פאַר זיך רעזערווירט אַ לאָזשע אויף דער פּרע-מיערע;—און אַז אַ גרופּע אַדוואָקאַטינס האָט דעם דעביוטאַנט גע-שיקט אַ גרויסע פּאַלמע, וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט אמתע טייטלען.

ווען פּאָט האָט זיך באַוויזן אויף דער אַרענע, האָבן זיך די אַדוואָקאַטינס אויפגעשטעלט, און נאָך זיי — אויך דאָס גאַנצע פּובליקום.

פּאָל איז צעטומלט געוואָרן. ער האָט געטראָגן ווייסע הויזן, אויסגענייט מיט זילבערנע פליטערלעך, און געלע שעל-קעס. זיינע נאַקעטע הענט האָט באַדעקט אַ פּאָר זייער לאַנגע געלע הענטשקעס.

עס האָט אים באַגעגנט אַ הוראַגאַן פון בראַוואָ-פּאַטשע-ריי. די רעפלעקטאָרן, ווערנדיק געהעריק מאַנעווירט, האָבן פאַמעלעך פאַרשמעלערט זייער ליכטשטראָם, ביז זיי זענען איינ-גאַנצן אויסגעגאַנגען. די זילבערנע פליטערלעך האָבן אויפגע-הערט צו שימערן, די ווייסע הויזן זענען פאַרשלונגען געוואָרן אין דער פינסטערניש, אין גאַנצן צירק האָט געהערשט אַ טונקל-קייט, צוערשט אַ נעפּלדיקע, דערנאָך אַלץ מער און אַן אומדורכדרינגלעכע. די מוזיק איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן. אין דער פינסטערניש האָט מען בלויז געקענט זען די שימערנ-דיקע שעלקעס און די פאַספאָריזירנדיקע הענט, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אַ זאַך פאַר זיך. ווען די אַפּלאָדיסמענטן זענען אַנטשוויגן געוואָרן, האָבן אין דער פינסטערניש די שעלקעס זיך אַ נייג געטון, און איין שימערנדיקע האַנט האָט געמאַכט אַ קרייז, ווי זי וואָלט אויסגעדריקט אַ דאַנק פאַרן האַרציקן קבלת-פּנים.

עס האָבן ווידער אויפגעפלאַמט די לאָמפּן. פּאָל פּאָט האָט ביים שיין פון די רעפלעקטאָרן אויסגעזען זייער בלאַס. זיינע גראָע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבערן זאַל. אין דער ערשטער ריי האָט ער דערזען דעם פּרעזעס פון אַדוואָקאַטן-ראַט, די אַדוואָקאַטן: קאָמפּינשי, טאָרעס. מאָראָ-זשאַפעררי, ריימאָן היבער; ער האָט דערזען קאָמין, דעם גרעסטן הומאָ-

ריסט אויף דער וועלט, די שרייבערינס קאָלעט, די גרעפין נאָעלע. די צוויי קעניגן האָבן געשמייכלט. די פרויען האָבן אים באַוואָרפן מיט בלומען. ס'טעאַטער האָט אויסגעזען, ווי אַ שטאָטפּלאַץ אין אַ טאָג פון וואַלן.

דער אַדוואָקאַט מאַראָ-זשאַפערי האָט אים באַגריסט מיט אַ האַנט-באַוועג. דער קלאָון האָט געענטפערט אויף דער באַגריסונג. דעמאָלט האָט זיך אויפגעהויבן אַ יונגע אַדוואָקאַטין, און, ווענדנדיק זיך צום באַרימטן אַדוואָקאַט, האָט זי געזאָגט מיט אַ געררירטער שטים:

— מייסטער, איר האָט דאָס וואָרט!

פון דער זייט, וואו ס'זענען געזעסן די אַדוואָקאַטינס, האָבן אויסגעבראָכן אַזעלכע אַפּלאָדיסמענטן, אַז דער גאַנצער צירק האָט זיך כמעט געטרייסלט. אַדוואָקאַט מאַראָ-זשאַפערי האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן רעדן:

— הער פאָל פאַט! ווען כ'האָב אייך צום ערשטן מאָל געזען אויף אַן אָרט, וואָס אונטערשיידט זיך אַ ביסל פון אייער איצטיקן, האָט אייער בלאַס און אויסדרוקספול געזיכט אויף אַ מערקווירדיקן אופן מיך דערינערט אין געזיכט פון גרעסטן טראַגיקער פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט: אין טאַלמאַ, נאַפּאָלעאָנס פריינט. מיין דעמאָלטיקער איינדרוק איז, ווי איך זע, געווען אַ נביאישער: איר דעביוטירט היינט אין צירק, און פונקט ווי טאַלמאַ, האָט איר דעם כבוד אַרויסצוטרעטן אין דער אָנוועזנהייט פון קעניגן.

דאָס פובליקום האָט ענטוזיאַסטיש אַפּלאָדירט דעם קעניג פון בעלגיע און דעם קעניג פון שפּאַניע. ווען דאָס בראַוואָ-פּאַטשעריי האָט אויפגעהערט, האָט פאַל פאַט געצויגן זיין צילינדער און זיך געווענדט צום אַדוואָקאַט מאַראָ-זשאַפערי:

— אַ דאַנק, מייסטער. איר האָט גערעדט גרויסאַרטיק, אָבער נישט פינקטלעך! — האָט ער געזאָגט. — טאַלמאַ האָט געשפּילט פאַר אַ פובליקום פון קעניגן, מיינע שאַנסן זענען אָבער גרעסער פאַר זיינע, ווייל איך דעביוטיר פאַר אַ פובליקום פון קעניגן און פרינצן...

און אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף דער רייע באַרימטע אַדוואָקאַטן און אויף די בענק פון די אַדוואָקאַטינס:

— ... די פרינצן פון וואָרטפירער פון פּאַריזער אַדוואָקאַטנשטאַנד.

דער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט, און פּאָל האָט אָנגעהויבן זיין „נומער".

— — — — — — — — — — — — —

קלאָון פּאָט האָט פון טאָג צו טאָג זיך דערוואָרבן אַלץ מער פּאָפּולאַריטעט, ווי יענע פּאָפּולאַריטעט פון ריכטער פּאָט מיט אייניקע חדשים צוריק, נאָכן באַרימטן סקאַנדאַליעזן פּאַרפּאַל. זיינע פאָטאָגראַפיעס אין דער טאָגע, מיט דער קאָקאַרדע פון ערן-לעגיאָן אין לאַץ, האָבן זיך ווידער באַוויזן אין די טאָגצייטונגען אויף די ערשטע זייטן נעבן זיין בילד אין ווייסע זיידענע הויזן, אויסגעניייטע מיט זילבערנע פליטערלעך, און אין פּאָספּאָריזירנדיקע שעקעס. אויף אַ וויסנשאַפטלעכע זיצונג האָט אַ מיטגליד פון דער גאָנקור-אַקאַדעמיע אַדורכגעפירט אַ פּאַראַלעל צווישן אים און ליטל טייטש, צווישן זיין קאָמיזם און דעם קאָמיזם פון פּוטי, צווישן זיין „וואָס זשע?" און דעם „ס'טוט מיר אַ הנאה" פון פראַנק פישעל, ווי אויך דעם איראָנישן „פאַרוואָס" פון גראָקן. די מער ערנסטע צייטונגען האָבן געדרוקט אינטערוויוען און אַפּאָריזמען, וואָס האָבן כלומרשט אָדער ווירקלעך געשטאַמט פון פּאָטן. אַ וויץ און אַן איראָניש ווערטל וואַנדערטע איבער דער וועלט, ווי קליינגעלט, גייען איבער פון האַנט צו האַנט, טוישן די אייגנטימער, ביז ענדלעך קומט איינער, וואָס איז גראָד אין דער מאָדע, און לייגט אויף זיי אַרויף זיין אייגנאַרטיקן שטעמפּל- אייניקע סאַטירישע אויסדריקן, וואָס שטאַמען פון וואָלטערן, טעלעראַנען, אוירעליאַן שאָלן, און זענען דערנאָך צוגעשריבן געוואָרן אָסקאַר ווײַלדן, בערנאַרד שאָוען, טריסטאַן בערנאַרן, ווילצן, סאַשאַ גיטרין, — ווערן לסוף פאַררעכנט ווי כלומרשטע אָריגינעלע אידעען פונם מאָדעקעניג, פון אַרטיסט, וואָס האָט געפּאַטשט אַ פּאָליציי-קאָמיסאַר, פון אַ מיליאַרדער אַ קלעפּטאָמאַן, אַן אַלטן, וואָס איז קינסטלעך פאַריונגערט געוואָרן, אָדער אַ ריכטער, וואָס איז געוואָרן אַ קלאָון. דער „מאַטען" האָט פאַרעפנטלעכט דעם פאָלגנדיקן אַפּאָריזם פון פּאָטן: „ווען אַ מענטש משפט אַ צווייטן מענטש, איז עס אַ ספּעקטאַקל, וואָס כ'וואָלט פון דעם געהאַלטן זיך ביי די

זייטן פון לאַכן, ווען נישט דאָס, וואָס איך מוז גיכער ווייַנען איבער דעם...

— פיין! — האָט פאָט אויסגערופן, לייענענדיק די דאָזיקע צייטונג. — אַ שאָד נאָר, וואָס נישט איך האָב אַרויסגעזאָגט אָט דעם געדאַנק, נאָר ס'האָט אים שוין מיט אַ סך יאָרן פריער אָנגעשריבן גוסטאַוו פלאָבער.

דער „ווינטער-צירק" האָט געהערט די פרייזן פון די בילעטן, און ס'האָבן זיך פירפאַך פאַרגרעסערט זיינע איינקונפטן פון יענעם טאָג אָן, זינט קלאָון פאָט האָט אין אים אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן. פאָל האָט איבערגעשטייגט אַלע ביזאַיצטיקע רעקאָרדן און „שלאַגערס": דער געלערנטער חזיר פון קלאָון בעל היידען, די קראָקאָדיילן פון קאַפּיטאַן אוּאָל, די קונצן פון זשאָנגלער ענריקאָ ראַסטעלי, די קאַרקבּרעכערישע שטיק פון די אַקראָבאַטן, מיס מאָודי (מיט איר הונט, וואָס קען טעלעפאָנירן), אַפילו דער קלאָון דעקאַר, וואָס האָט פאָרגעשטעלט „זיין מאַלפּע, זיין זשרעבּאַק, זיין אייזל און זיין ווייב", אויפווייזנדיק, אַז „כדי צו דרעסירן אַ גאַנז, דאַרף מען אַליין זיין נאָך נאַרישער, ווי זי". פאָל פאָט איז נישט בלויז געווען אַן אַרטיסט, נאָר אויך אַ טעמע פאַר די טאָגגעשפרעכן, און די ספיקות, וואָס האָבן אים דערפירט צו דער אַרענע, זענען פאַר די פאַריזער געווען פיל אינטערעסאַנטער, ווי דער קאָנפליקט פון געוויסן, וואָס באַוועגט די קורטיזאַנע צו זוכן אַ באַהעלטעניש אין די מויערן פון קלויסטער, אָדער וואָס שטויסט דעם פילאָזאָף צו פאַרברענען זיינע ווערק. זיין קונסט האָט געזאָלט מאַכן לאַכנדיק דעם עולם; מ'האָט אין איר אויסגעפונען אַ וויסנשאַפטלעכע שיטה, איבערהויפּט ווען זיין אייגענע דעפיניציע איז פאָפולער געוואָרן אין פאַריז:

„געלעכטער איז עלעמענטאַרע אַריטמעטיק; הומאָר איז
אַלגעברע; איראָניע איז אַ צעגלידערנדיקער חשבון".

אַז מען האָט אים אויסגעפרעגט וועגן כאַראַקטער פון זיין קונסט, האָט ער דערקלערט, אַז ער גיט איר נישט צו קיין שום ווערט:

— מיין נייע באַשעפטיקונג איז אַ לאָגישער און אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון מיין פריערדיק פאַך. ווער ס'איז

פריער געווען אַ ריכטער, דער קען אָן בושה זיך דערנאָך באַשעפטיקן מיט כיראָמאַנטיע אָדער מיט פאַרקויפן ליבעגעטראַנקען.

אַ דאַנק פאַלס דערפאָלגן, איז אויך יוטאַ שומאַן געוואָרן מער פאָפולער. איבערהויפּט האָט זיך דאָסדאָזיקע פּאָרל באַרימט געמאַכט מיט אַ דועט. פאַט האָט אויסגעשפּילט אויף אַכטאונצוואַנציק גלעזלעך „באַרקאַראָלאַ" פון „האָפמאַנס דערציילונגען", און פריילין שומאַנס דרעסירט פערדל האָט געטאַנצט אין טאַקט פון דער מעלאָדיע.

אין דער צייט פון פּראָפעסאָר נאַנס לעקציעס „איבער דער לאָגיק פון אומענדלעכקייט", האָבן די קאָלעגן אונטערגערוקט יוטאַן קאַרטלעך, בעטנדיק אַן אויטאָגראַף. איינמאָל אין אַן אָוונט האָט איר אַ פאַרערער צוגעשיקט אין צירק אַריין אַ גרויסן בוקעט רויזן צוזאַמען מיט אַן אָריגינעלער אויסגאַבע פון עמנואל קאַנט.

די שפּאַנישע קעניגין האָט אויפגענומען יוטאַן אין האָטעל ריץ און האָט זי געפרעגט, וואָסער קרעם זי באַנוצט, וואָס זי האָט אַזעלכע ווייסע הענט.

— אַלטע ביכער, מאַיעסטעט — האָט זי געענטפערט.— דאָס בלעטערן אַלטע ביכער מאַכט ווייס די הענט.

אַ ביישפּיל ווערט אין פאַריז איבערגענומען מיט דער שנעלקייט און אָנשטעקנדיקייט פון אַן עפּידעמיע. ביזאיצט האָט מען געהערט וועגן פרויען, וואָס זענען געוואָרן סטענאָטיפּיסטינס, קאָרעספּאָנדענטינס, אָדער אין ערגסטן פאַל — עקספּעדיענטינס, כדי צו קענען פאָרזעצן זייער שטודיום. אָבער דאָס פאַראייניקן דעם פאַך פון אַ רייטערין מיטן שטודיום פון פילאָזאָפיע האָט זיך אויסגעוויזן אַזוי אויסטערליש, אַזוי פאַריזיש אייגנאַרטיק, אַזוי צוגעפּאַסט צום יאָר 1930, אַז עס האָבן זיך גלייך געפונען נאָכאָמערינס. צוויי יונגע מיידלעך פון דער פּראָווינץ, זייער שיינע, פּרעכטיק געבויטע און אויסערגעוויינלעך צניעותדיקע האָבן, קומענדיק קיין פאַריז מיטן ציל צו פאַרשרייבן זיך אין לערער-סעמינאַר, אַריינגעטרעטן אַלס „גירלס" אין „מולען בלעי", כדי אויף אַזאַ אופן צו פאַרדינען אויף די לערנאָפּצאָלונגען. אָרעמע מיידלעך! אויס ליבע

צו דער ווּיסנשאַפט זענען זיי געווען געניית אריינצופּאַקן אין אַ הייל פון אַזאַ גרויסער אויסגעלאַסנקייט! כדי צו קענען זיך קויפן ביכער האָבן זיי יעדן אָוונט געמוזט אויסשטעלן זייער נאַקעטקייט פאַר די תאוותדיקע בליקן פון מענער!

ארום האַלבער נאַכט, נאָך דער פאָרשטעלונג, ווען אַלע חברטעס האָבן זיך געגרייט אַוועקצולאָזן זיך אויף הולאַנקעס, אָפּגעבנדיק זיך דער אויסגעלאַסנקייט און לייכטזיניקער אויפפירונג, — האָבן די ביידע מוסטערהאַפטע סטודענטינס פון לערער-סעמינאַר גרינטלעך אָפּגעוואַשן פון זיך דעם פודער און דעם קרעם, האָבן אָנגעטון זייערע ביזן האַלדז פאַרקנעפּלטע קליידלעך פון צניעותדיקן בוימוואָלשטאָף — און האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, טויב אויף אַלע פאָרשלאָגן פון עראָטישער ווי פון פינאַנסיעלער נאַטור, בעמענדיק זיך גלייך צום לערנען ביים שיין פון אַ נאַפט-לאָמפּ אונטער אַ גרינעם אַבאַזשור.

פּאַריז איז געווען גאַסטפריינטלעך צו אָט די אומבאַזיגבאַרע העלדינס. אָבער דער יצר-הרע פון דער גרויסער שטאָט, וואָס לויערט אויף יעגעמס אומשולד, האָט ענדלעך געפאַנגען אין זיין נעץ אויך די דויערהאַפטיקע מיידלעך. איידער ס׳זענען פאַרלאָפן דריי חדשים, האָבן שוין די ביידע אַרבעטזאַמע מיידלעך געטאַנצט נאַקעט אויף די טישלעך אין מולען בלעי, און ס׳האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז די יונגערע, די מער נאַיווע, האָט פאַרפירט דער פּראָפעסאָר פון געשיכטע, און די צווייטע איז שוואַנגער געוואָרן פונם פּראָפעסאָר פון פּעדאַגאָגיק.

— — — — — — — — — — — — —

די גרויסע דערפאָלגן האָבן פּאָל פּאָטן נישט פאַרשיכורט. ער האָט אויך ווייטער געוואוינט אין קוואַרטל מאָנמאַרטר, האָט אויך ווייטער געשפּייזט די שפּערלינגען און זיי אָנגערופן יעדן ביי זיין נאָמען: וואָלטער, קעצר גאָל, שומאַן...

ער פלעגט פאַרבעטן צו זיך זיין קליינעם פריינט און אים פאַרשפּילן, מיט וואָס ער האָט געקענט. פון צייט צו צייט פלעגט ער אים מיטנעמען אין צירק אַריין, האָט אים געשענקט דעם גראַמאָפאָן מיט אַלע פּליטן, זאָגנדיק:

— אַז איך וועל אויך וועלן הערן, וועל איך דיך בעטן, אַז דו זאָלסט נישט פאַרמאַכן ס'פענסטער.

ווי שטיל און רואיק האָט זיך אים אויסגעוויזן זיין קליינע וואוינונג נאָך די אַלע פּאַסירונגען פון די לעצטע דריי חדשים! אַהיימקומענדיק נאָך דער פאָרשטעלונג, פלעגט ער טיילמאָל זיך נעמען צו זיינע געליבטע פילאָזאָפן און פלעגט אַזוי אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט ביים שיין פון דער לאָמפּ, וואָס פריער פלעגט זי טיילמאָל ברענען ביז פאַרטאָג, ווען ער איז געווען פאַרטון אין אַדורכקוקן די אַקטן.

דאָס פרעס-ביוראָ „אַרגוס דע לאַ פּרעס" האָט אים יעדן טאָג צוגעשיקט אויסשניטן פון אַלע פראַנצייזישע צייטונגען, וואָס האָבן אַנאַליזירט .זיין קונסט פון טעאַטראַלישן, פילאָזאָפישן, עסטעטישן און אַלגעמיין-מענטשלעכן שטאַנדפּונקט. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וויאַזוי מ'האָט געקענט אַנט-דעקן אַזויפיל פּרטים אין זיין קול, באַוועגונגען, געלעכטער און פּאָספּאָריזירנדיקע הענטשקעס.

אַ באַוואוסטער ראָמאַניסט האָט אים פאָרגעלייגט צו באַ-שרייבן זיין לעבנסגעשיכטע, דאָס איז געווען און יענער עפּאָכע, ווען ס'איז געווען אַ מאָדע אויף ביכער פון ראָמאַנטישן אינ-האַלט. פּאָל פּאָט האָט געדאַנקט, זאָגנדיק:

— איך פאַרקויף געלעכטער, פּונקט אַזוי ווי איר. איר זענט באַרימט, איך בין פּאָפּולער. און כ'שעם זיך מיט מיין פּאָפּולאַריטעט, ווען איך נעם אין באַטראַכט, אַז אין די שפּי-טאָלן אַרבעטן דאָקטוירים, וואָס שטעלן איין זייער לעבן אָן געפּיידער טאָג ביי טאָג און וואָס האָבן שוין אָפּגעראַטעוועט פון טויט הונדערטער נפשות — און ווען ס'מאַכט זיך, אַז זיי שטאַרבן, ווידמענען זיי די צייטונגען אַ דריי שורות פון יוצא ווערן, — בעת מיר, איר און איך, זענען באַוואוסט כמעט אויף גאָר דער וועלט און די פּרעסע דריקט וועגן אונז מעטער-לאַנגע אַרטיקלען. שרייבער, ריכטער, אַדוואָקאַטן, קלאָונס-אַלץ ווערטער, ווערטער, ווערטער, פעלשונג פון אמת! ס'וואָלט געווען זייער טרויעריק, ווען כ'וואָלט זיך אַליין גענומען ערנסט: ווען איר און אייערע פעדער-קאָלעגן קלערן ערנסט וועגן זיך,

צי טראַכט איר נישט דעמאָלט וועגן דער לעכערלעכקייט פון אונזער מסחר?

דער ראָמאַניסט האָט פּראָטעסטירט:

— אויב אַזעלכע, ווי איר און איך, וואָס האָבן זיך דערוואָרבן די אָנערקענונג פון דער קריטיק...

פּאָל פּאָט האָט זיך צעלאַכט מיטן געלעכטער פון אַ קאָמיקער, וואָס איז ענלעך געווען צום טאָן פון אַ סאַקסאָפאָן:

— כ'האָב גאָר פאַרגעסן אָן דער קריטיק... פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף אויך זי צורעכענען צו אונזער בראַנזשע. די קריטיקער, נעבעך! זיי פירן זיך אויף אַזוי, פונקט ווי זיי וואָלטן געוואוסט די געוויכט פון יעטוועדן געדאַנק, ווי זיי וואָלטן געקענט צוזאַמענשטעלן דעם בילאַנס און אָנווייזן אויף אַ בעסער געוועלבל! און ווען ס'געפינט זיך איינער, וואָס בעט זיך בײַ זיי, אַז זיי זאָלן אים לאָזן צורו, הייבן זיי גלייך אויף אַ געשריי אין נאָמען פון הייליקן רעכט פון דער קריטיק.

„ווערטער — האָט ער פאָרגעזעצט — דאָס איז סם! איר, אינטעלעקטואַליסטן, האָט אַ גרויסן טעות, ווען איר מיינט, אַז איר געהערט צו דער אַריסטאָקראַטיע. איר טוט אַ פעלער, ווען איר באַציט זיך מיט פאַראַכטונג צום פּשוטן מענטש און ווען איר פאַרזיכערט, אַז ס'איז גרינגער צו פאַרקויפן קאַלב-פלייש, איידער מוזיק, און אַז ס'איז אַ וויכטיקערער ענין אָנצושרייבן אַן עסיי וועגן מאָנטענען, איידער אויסצוקאַלקולירן די פּרייזן אויף ווייַנטרויבן".

פּאָלס לעבן איז ווײַטער געפלאָסן באַשיידן און שטיל.

אינדערפרי פלעגט אים אויפוועקן פון שלאָף אַ געקלאַפּערײַ אויפן הויף; דאָס האָט זײַנע אַ שכנטע, אַ יונג ווײַבל מיט נאַקעטע אָרעמס, אויסגעקלאַפּט טעפּיכער. אַ מאָדנע באַשעפעניש! זי האָט געוואוינט אויפן פאַרטער, זי האָט געהאַט אַ יונגן מאַן און אַ קינד. זי האָט זיך פאַרנומען מיט דער באַלעבאַטישקייט, ווי מיט אַ מאַשין, וואָס מ'דאַרף זי יעדן טאָג קאָנטראָלירן. און ווען זי פלעגט אַוועקגיין אין גאַס אַרײַן — מיט עלעגאַנט אָנדולירטע האָר, נעט געקליידט, אין אַ פריש אויסגעפּרעסטן קאָסטיום, אין זײַדענע זאָקן — האָט זי אויסגעזען, ווי אַ פּיין, קאָקעטיש ווײַבל, און נישט איינמאָל האָט

זי געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון פּאָטן, וואָס האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צום שיינעם געשלעכט. טיילמאָל פלעגט ער זי טרעפן אין אָוונט, ווען זי האָט זיך אומגעקערט אַ היים, געקליידט מיט געשמאַק, אין אַ קלייד, וואָס זי אַליין האָט עס אויפגענייט, מיט דער ווייסער האַנט פאַרלייגט אויף דער ברוסט, ווי ס׳וואָלט געווען עפּעס אַ טייערער אוצר. און אויפצומאָרגנס אינדערפרי — ווידער אויף די קני, אין גומענע הענטשקעס, געוואַשן די פּאָדלאָגע, ברענגענדיק אין אָרדענונג איר באַשיידענע נעסט.

— הער פּאָל, איר קוקט זיך צופיל איין אין דער פרוי פון קעגנאיבער — האָט אים פּאָרוואורף געמאַכט זיין אַלטע שטובווירטין.

ער האָט זיך אַוועקגעדרייט פון פענסטער, שמייכלענדיק פאַרשעמט.

אָבער איצט איז אין זיין לעבן געווען אַן אָרט בלויז פאַר יוטאַ שומאַן, אָט די פרוי, וואָס האָט לייכט פאַרוואָרפן אויף זיין האַלדז אירע יונגע, דופטנדיקע אָרעמס, ווי מען פאַרוואַרפט אין אַראַביע אויפן האַלדז קראַנצן פון יאַסמין.

יוטאַ שומאַן האָט צעטיילט איר לעבן צווישן איר אייגענער וואוינונג און זיין וואוינונג.

— מיט מיין וואוינונג בינדט מיך נאָר — האָט זי פאַרזיכערט — מיין אַלטער ברוינינג. מיט די רעשט מיטגלידער פון מיין פאַמיליע בינדט מיך בלויז דער נאָמען. זיי זענען איינגעגאַנגען דערויף, אַז כ׳זאָל ווערן אַ רייטערין, כאָטש איך בין נישט באַשאַפן געוואָרן צו אַזאַ באַשעפטיקונג. כ׳האָב אַ פאָטער און אַ ברודער. זיי זענען גוטע. אָבער וואָס קומט מיר אַרויס דערפון? כ׳האָב מיט זיי נישט קיין שום געמיינזאַמעס. זיי רעדן אויף אַ שפּראַך, וואָס איך פאַרשטיי זי נישט. ווען כ׳געפין זיך מיט זיי צוזאַמען, האַלט איך מיך מיט אָנשטרענגונג אויף זייער ניוואָ.

— צי דיין פאַמיליע איז צו דיר צוגעבונדן?

— אויף אַזויפיל, ווי די פּויערטעס זענען צוגעבונדן צו זייערע הינער, וואָס זיי האָבן אויסגעהאָדעוועט. איך קער זיך אום אַהיים פאַרטאָג נאָך אַ נאַכט, וואָס כ׳האָב פאַרברענגט צו־

זאמען מיט דיר, — און קיינער אין שטוב פרעגט מיך נישט, וואו כ'בין געווען. און דאָס נישט פון איידלקייט וועגן, נאָר פשוט דערפאַר, וואָס דאָס אינטערעסירט גאָרנישט קיינעם. זיי גייט נאָר אָן בלויז דאָס, וואָס איך פאַרדין מיט מיין אַרומ-טאַנצן אויפן פערד אַן ערך פירהונדערט פראַנק טעגלעך.

פאָלן האָבן אירע פאַרביטערטע רייד אומעטיק געמאַכט. ער האָט איר געגומען פאַרזיכערן, אַז ער ,יבט זי שטאַרק און וועט זי אייביק נישט פאַרלאָזן.

יוטאַ האָט טרויעריק געשמייכלט:

— איצט האָסטו מיך ליב. און ווי אַלע פאַרליבטע, שטעלסטו זיך פאָר, אַז דו וואָלסט זיך ס'לעבן גענומען, ווען דו וואָלסט מיך פאַרלוירן. קינד וואָס דו ביסט! אין טאָג, ווען דו וועסט מיך אויפהערן צו ליבן, ווי לייכט וועט זיך דיר דעמאָלט אויסווייזן צו פאַרראַטן מיך, ווי פאַרנונפטיק און לאָ-יאַל וועסטו ביי זיך אַליין אויסקוקן, ווען דו וועסט מיר קו-מען זאָגן, אַז דו ליבסט אַן אַנדערע, ווי נאַריש און לעכער-לעך וועט זיך דיר אויסווייזן מיין פאַרצווייפלונג!

אַזוי האָט גערעדט יוטאַ שומאַן צו פאָלן אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג, ווען זיי זענען ביידע געגאַנגען ביים ברעג סען, אין שאָטן פון שלאַנקע טאָפּאָלן, צום אַפּעלאַציע־געריכט, וואו ס'האָט געדאַרפט פאָרקומען דער פּראָצעס פון מאַריע לאַנסאָן, וואָס איז אין דער ערשטער אינסטאַנץ פאַרמשפט געוואָרן אויף דריי יאָר תפיסה פאַר צונעמען זיך פרעמדע זאַכן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פאָל פּאָט איז אַריין אין געריכטסזאַל צוזאַמען מיט דער מאַסע ביי־גיריקע און זיך אַוועקגעזעצט אויף איינע פון די לעצטע בענק, הינטער די ברייטע פלייצעס פון אַ זשאַנ-דאַרם. אויב די קירך, ווי וואָלטער האָט זיך אויסגעדריקט, איז „די אָפּערע פון בעטלער", איז דאָס געריכט — ס'טעאַטער פון פּראָזע.

צום ערשטן מאָל האָט פאָל באַטראַכט דעם געריכטסזאַל ווי אַ צוקוקער.

ס'איז גראָד פאָרגעקומען דער פּראָצעס קעגן עפּעס אַ שלימזלדיקן אויטאָמאָביליסט, און דער פּראָקוראָר, וואָס איז

נאָך קיין איין מאָל אין זיין לעבן נישט געזעסן ביים קערעווערעדל, האָט מיט ברען געגעבן צו פאַרשטיין דעם הויכן געריכט, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט אין קריטישן מאָמענט געדאַרפט ענדערן דעם לויף, אָנדריקן דעם אַקצעלעראַטאָר און אַ שלעפּ טון פאַרן טאָרמאַז...

באַשולדיקער איז גראָד געווען מוסיע קלינטאָן, מיטן פּנים, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ פּאָר קני, באַצירטע מיט ברילן, ער האָט מיטן נאָזטיכל זיך געווישט דעם שוואַרצן שווייס פון דער פּייכטער, צוויי פאַרביקער טשופּרינע און באַפּוצט זיין מליצהדיקע רעדע מיט לאַטיינישע ווערטלעך און קאַלענדאַרישע אַפאָריזמען.

קלוגע ווערטער פון פאַרשטאָרבענע קומען זייער גוט צונוץ צו פאַרמאַסקירן די טיפּשות פון די לעבעדיקע. פּאָט האָט געטראָפן קלינטאָנען מיט דריי חדשים צוריק אויף די טרעפּ אינם מאָמענט, ווען דער פּראָקוראָר האָט געהאַלטן ביים אַרויפגיין צום פּאָטער פּאַקאָם, כדי זיך צו באַראַטן מיט אים וועגן דער קראַנקהייט. ווייזט אויס, אַז די גראָז-קוראַציע האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן, וואָרום דער הער פּראָקוראָר איז איצט געשטאַנען אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג אויסגעשטרעקט אויף ביידע פיס, אַריבערציענדיק דעם קאָפּ ווייט איבערן טיש, פּונקט ווי זשיראַפן ביים טרינקען, און האָט אויפגעוויזן מיט איבערצייגונג, אַז די שולד איז באַוויזן געוואָרן אויף אַ פּינקטלעכן, מאַטעמאַטישן און פּאַקטישן אופן.

פּאָרזיצער איז געווען שוואַרץ. אַ קליינער שאַרבן, אַ לאַנגע נאָז: אַ פּראָפיל פון אַ טראָפּנמעסטער. ביי זיין רעכטער זייט איז געזעסן ריכטער סאַלעוו, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ מאַלפּע. לינקס פון פּאָרזיצער איז געזעסן ריכטער מאַרטינע, וואָס האָט געטראָגן ווייסע באַקנבערד און געהאַט העלבלאָע אויגן, ווי אַ טיפּישער ריכטער-פּאָרטרעט פון דער גאַלעריי אורעלטערן פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע. ריכטער סאַלעוו, אַ מענטש אָן אייגענע איבערצייגונגען, האָט פון צייט צו צייט זיך אָנגעבויגן צום ריכטער פּאַנאַרי, אויך פּונקט אַזאַ אָנביינערדיק נפש, וואָס זיין איינציקע באַשעפטיקונג איז געווען צוזאַמענצושטעלן קרייץ-רעטענישן פאַר אַ צייטונג, וואָס

דערשיינט אין גרענאָבל. ריכטער דיראַן, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט זיין אינטעליגענץ און פאַרשטאַנד, האָט זיך צוגעהערט צום פּראָקוראָרס רעדע, און אַ קוים אָנזעעוודיקער שמייכל פון מיטגעפיל האָט זיך געשלענגלט אויף זיינע ליפּן.

פּראָקוראָר קלינטאָן האָט ווייטער הויך גערעדט, אַז ווען דער אויטאָ וואָלט זיך פאַרקערעוועט אויף לינקס און וואָלט אויסגעמיידט דעם מאָטאָציקל, דעמאָלט...

אין זאַל האָט קיינער זיך נישט צוגעהערט צו זיינע רייד. זיין געזיכט, וואָס האָט אויסגעדריקט אייביקע פאַרוואונדערונג, האָט אויף קיין שום אופן נישט געקענט זיך דערווערבן אַכטונג; די אַדוואָקאַטן האָבן שטיל צווישן זיך געשמועסט וועגן זייערע היימישע ענינים, דאָס געריכט האָט זיך איינגעהאַלטן נישט צו געגעצן. פון צייט צו צייט האָט דער באַשולדיקער אויפגעהויבן די שטים אָן אַ שום סיבה, ווייל ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער רעדט צו שטיל; אַ רגע שפּעטער האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן שטילער, זייענדיק זיכער דערין, אַז ער רעדט צו הויך. זייענדיק פול מיט אומצוטרוי, ווי יעדער טויבער, האָט ער גערעכנט, אַז ווען עמעצער לאַכט, לאַכט ער פון אים. דעמאָלט האָט ער גענומען דעם יעניקן, וואָס אויף אים האָט ער געוואָרפן אַ חשד, אַז ער לאַכט פון אים, פאַר אַ ציל פאַר זיינע שטעכווערטלעך, וואָס ער האָט אַריינגעפלאָכטן אין זיין באַשולדיקונגסרעדע. די אַדוואָקאַטן האָבן אים דערפאַר אָפּגעצאָלט מיט דערציילן זיך געפּעפּערטע אַנעקדאָטן אויף זיין חשבון. מ'האָט, למשל, וועגן אים דערציילט, אַז ווען ער איז נישט געווען גענוי באַקאַנט מיט אַ פּראָצעס, פלעגט ער זיך באַגרענעצן אין זיין רעדע מיט די ווערטער:

— איך לייג פאָר צו באַשטעטיקן דעם אורטייל.

האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז דער פּאָרזיצער האָט פאַרן אָנהייבן אַ געריכטספאַרהאַנדלונג געווידמעט עטלעכע ווערטער דעם אָנדענק פון אַ געריכטסבאַאַמטן, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ טאָג פריער. אין נאָמען פון דער פאַרטיידיקונג האָט גענומען אַ וואָרט איינער פון די אַדוואָקאַטן. ווען ס'איז געקומען די

ריי אויפן פּראָקוראָר, וועלכער האָט געדאַרפט אין נאָמען פון זיין אַמט אַרויסזאָגן עטלעכע וואַרעמע ווערטער וועגן פאַר־שטאָרבענעם, האָט קלינטאָן אויסגעגלאָצט זיינע קיילעכדיקע, גלעזערנע אויגן און האָט אַזוי גאָר פּשוט אַ זאָג געטון:

— איך לייג פאָר צו באַשטעטיקן דעם אורטייל.

איצט האָט קלינטאָן ווייטער באַגרינדעט זיין טעזע: ווען דער שאָפער וואָלט אַ ציי געטון דעם טאָרמאָז און פאַרהאַלטן דעם אויטאָ, אָנשטאָט אַ רוק צו טון זיך אויף אַ דריי מעטער ווייטער, דעמאָלט... און האָט פאַרענדיקט זיין רעדע מיטן פאָר־שלאָג צו באַשטעטיקן דעם אורטייל.

דאָס געריכט האָט דעם אורטייל באַשטעטיקט. דער פאַר־אורטיילטער האָט פאַרלאָזט דעם זאַל. אויף זיין אָרט האָט מען אַריינגעפירט מאַריע לאַנסאָן.

אַ גרופּע זשורנאַליסטן האָט זיך אַריינגעשטופּט אין גע־ריכטסזאַל. ס'האָבן אַ קלאַפּ געטון די פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן. אַ גערויש פון נייגיר איז אַדורכגעלאָפן צווישן פאַרזאַמלטן עולם.

פּאָל פּאָט האָט געפירט מיט דער האַנט איבערן קאַלטן שטערן און זיך אַליין געפרעגט: צו וואָס איז ער אייגנטלעך דאָ אהערגעקומען? פּראָקוראָר קלינטאָן וועט אַרויסטרעטן אַלס באַשולדיקער, דאָס געריכט וועט נעמען אין אַכט זיינע אויס־פירונגען — און דער אורטייל וועט באַשטעטיקט ווערן.

פּלוצלינג האָט קלינטאָן פאַרלאָזט זיין אָרט.

ס'האָט אים פאַרטרעטן לאַקאָרדעיר.

— לאַקאָרדעיר! — האָט פּאָל פּאָט אַרויסגעמורמלט.

לאַקאָרדעיר איז נישט געווען זיין אמתער נאָמען. דעמ־דאָזיקן צונאָמען האָט ער באַקומען אַ דאַנק זיין גרויסן רעדנער־טאַלענט און דער אויסערלעכער ענלעכקייט צו דעם באַרימטן קירכלעכן פּרעדיקער פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

פּאָל איז געווען גליקלעך. ס'האָט זיך דאָך געפונען אַ רעטונג פאַר דער אומגליקלעכער פרוי! לאַקאָרדעיר, אַן אינ־טעליגענטער, שאַרפזיניקער, ריטערלעכער דרום־מענטש, וועט געוויס צוריקציען די אָנקלאָגע. זעט אויס, אַז דאָס יוסטיץ־מי־

ניסטעריום האָט זיך פּאַראינטערעסירט מיטן דאָזיקן פּראָצעס, וואָס איז פיר מאָל געוואָרן אָפּגעלייגט צוליב אָפּאָרטוניסטישע טעמים. דאָס באַשטימען אַלס פּראָקוראָר דעם פּאַרנונפטיקן לאַקאָרדעירן האָט באַוויזן, אַז דער מיניסטער אַליין האָט געטראַכט וועגן דאָזיקן פּראָצעס.

דער ערשטער האָט גערעדט אַ יונגער אַדוואָקאַט (די אָנגעקלאָגטע האָט דאָס מאָל געהאַט צוויי פאַרטיידיקער). אין אַ העפלעכן טאָן, אָן פּאַטאָס, האָט ער אויסגערעכנט אַלע מאָטיוון פאַר דער אַפּעלאַציע. ער האָט גערעדט איינגעהאַלטן, איבערצייגנדיק, אָן איבעריקער צעצויגנקייט. דער ריכטער-קאָמפּלעט האָט זיך צוגעהערט צו זיינע אויספירונגען מיט אויפמערקזאַמקייט. איינער פון די ריכטער האָט געמאַכט נאָטיצן. דער פאַרטיידיקער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע מיט אַ לאָגישן פאָרשלאַג, נישט אַפּעלירנדיק צו די הערצער פון די ריכטער מיט ביליקע, לירישע פראַזן.

— דער הער פּראָקוראָר האָט דאָס וואָרט — האָט געמאָלדן פּרעזעס שוואַרץ.

דער בלייך געוואָרענער לאַקאָרדעי האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט אויסגעגלייכט די פּאַלדן פון זיין טאָגע מיט ווירדע, אָבער אָן גאווה.

— צופיל פּאַטאָגראַפן — האָט ער אָנגעהויבן זיין רעדע— און צופיל זשורנאַליסטן געפינען זיך דאָ. וועגן דאָזיקן פּראָצעס, וועלכן מען האָט צו אָפט אָפּגעלייגט, האָט מען אויך גערעדט און זיך מתווכח געווען אין אַן איבערגעטריבענער מאָס. אָבער דאָס הויכע געריכט וועט באַהאַנדלען דעמדאָזיקן פּראָצעס אָן פּאָראורטיילן, נישט לאָזנדיק זיך באַאיינפלוסן פון פרעמדע עלעמענטן.

און באַלד איז ער איבערגעגאַנגען צו אַנאַליזירן די אומשטענדן פונם פּראָצעס, צו באַטראַכטן, אויף וויפל ס'זענען גלויבנסווירדיק די רייד פון די עדות. באַלד איז ער איבערגעגאַנגען צו דער באַטאָנונג פונם יורידישן קערן, וואָס אויף אים האָט זיך געשטיצט די באַשולדיקונג, אין איינציקע זאַצן האָט ער אויפגעדעקט דעם שקעלעט פון פּראָצעס. ער האָט דעם גאַנצן ענין געגעבן אַן אַנדערע ווענדונג. דאָס געריכט

האָט זיך צוגעהערט צו זיין רעדע מיט גרויסער אויפמערק־זאַמקייט. ריכטער מאַרטינע האָט אינסטינקטיוו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

די אַטמאָספער אויפן זאַל האָט פאָרויסגעזאָגט אַ באַפריי־אונגס-אורטייל. דער בלאַסער, כמעט ברוינהויטיקער, עלעגאַנ־טער פּראָקוראָר, לאַקאָרדעיר, האָט אַרויסגעשיילט דאָס קערנדל אמת פון דער שאָל פון די פּאַרטובקלענדיקע, צופעליקע אומ־שטענדן. און פון קלאָרע מסקנות, ווי די אַלגעבּרע-פאַרגליי־כונגען, האָט ער אַרויסגעפירט די אַנטגילטיקע טעזע:

— איך וויל דאָ נישט פעסטשטעלן, אַז כ׳האָב דערוויי־טערט אַלע ספיקות אָן אויסנאַם, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז מיט אַ ריינעם געוויסן קען איך זיך ווענדן צום הויכן געריכט מיטן פאָרשלאַג צו אָנערקענען מאַריע לאַנסאָן פאַר אומשולדיק צו־ליב מאַנגל אין באַווייזן וועגן איר שולד.

דידאָזיקע ווערטער האָבן באַטייט אַ באַפרייאונסט-אורטייל, דער פאָרזיצער שוואַרץ האָט זיך אויפגעהויבן און געפרעגט, צוליב ריין פאָרמעלע טעמים, צי דער אַנדערער פאַרטיידיקער האָט נאָך עפּעס צוצוגעבן.

ס׳איז געווען לייכט פאָרויסצוזען, אַז דער פאַרטיידיקער וועט איצט, נאָכדעם ווי דער באַפרייאונגס-אורטייל איז שוין געווען אַראָפּצולעזן פון די געזיכטער פונם ריכטער-קאָמפּלעט, רעזיגנירן פון זיין רעדע. פונדעסטוועגן האָט זיך דער אַדוואָ־קאַט אויפגעשטעלט און געמאָלדן:

— אויב דער הער פּרעזעס וועט דערלויבן, וואָלט איך נאָך געוואָלט צוגעבן עטלעכע ווערטער. כ׳וועל רעדן בקיצור.

ער האָט, ווייזט אויס, געהאַט צוגעגרייט אַן עפעקטפולע רעדע און האָט נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון איר. דאָס איז געווען אַ באַוואוסטער פּלאַפּלער פון מאַרסעל, אַ מענטש מיט גרויסע איינרעדעניש. ווי נאָר ער האָט זיך דערשלעפּט קיין פּאַריז, האָט ער שוין גענומען לערנען אַנדערע, וויאַזוי מ׳דאַרף זיך האַלטן אין געריכט, וויאַזוי מ׳האַלט אַן עפנטלעכע רעדע און וויאַזוי מ׳געווינט פּראָצעסן. אין זיינע רעדעס האָט ער שטענדיק געזוכט אַ געלעגנהייט אָנצומערקן, וויאַזוי אים איז געלונגען צו געווינען פּראָצעסן אין העכסטן טריבונאַל, אָדער

ער האָט געגעבן אָנצוגעהערן וועגן זיינע פריינטלעכע באַציאונגען מיטן איצטיקן מיניסטער אָדער מיט אַ באַרימטן אַדוואָקאַט, אָדער גאָר מיט אַן איינפלוסרייכן געריכטסראַט. ער האָט גוט געקענט די קונץ צו דערוועקן צו זיך אַן אַנטיפּאַטיע מצד די ריכטער, רייצנדיק דאָס געריכט מיט זיינע אומאָנגענעמע אַרויסטרעטונגען אָדער מיט נישטפּראַקטיצירטע צווישנרופן.

— ביטע — האָט געזאָגט דער פאָרזיצער, זעצנדיק זיך צוריק אויף זיין אָרט.

און דער אַדוואָקאַט האָט אָנגעהויבן רעדן. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ לאַנגע הקדמה, וואָס אין איר האָט ער דערמאָנט וועגן סקאַנדאַל, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך פאַל פּאָטן, וואָס דער פּראָקוראָר האָט מיט טאַקט פאַרשוויגן אין זיין רעדע. ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין ווייניק וויכטיקע פּרטים, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון דערפון, אַז אָנשטאָט אומצוּוואַרפן זיי, ווי ער האָט געמיינט, מיט אַ פלינקן אַדוואָקאַטישן אָנגריף, האָט ער זיי קודם-כל אַרויסגערופן פאַרן געריכטס-פאָרום, וואָס עס האָט נישט געקענט נישט ברענגען קיין שאָדן פאַר דער זאַך. דער פּראָקוראָר האָט אין אַ געוויסער מאָס סכעמאַטיזירט דעם ענין, אָנצייכענענדיק זיין שמעלערן קרייז. דער פאַרטיידיקער, דאַקעגן, האָט פאַנאַנדערגעבלאָזן די פּרטים ביז צו אַ גרויסן פאַרנעם, האָט זיי קאָמפּליצירט און פאַרפלאָנטערט דעם ענין. אָנשטאָט דער פריערדיקער ציניסטיקער שטימונג, האָט איצט אַלעמען באַהערשט אַ לאַנגוויייִקייט. דער אַדוואָקאַט איז כסדר געזונקען אין אַלץ גרעסערע אומטאַקטישקייטן, לויבנדיק ביז אין הימל אַריין פאַל פּאָטן, וואָס איז געוואָרן אַ קלאָון אין „ווינטער-צירק" אויס ווידערשפּעניקייט צו זיין פאַך.

— דער הייליקער עכאָ פון דאָזיקן אינערלעכן קאַמף דאַרף אַריינדרינגען אין אייער געוויסן, אָ, ריכטער! — האָט ער אויסגערופן.

די געזיכטער פון די ריכטער האָבן אויסגעדריקט פאַרלעגנהייט. דידאָזיקע ווערטער זענען זיי באַזונדערס געווען אומאייננגענעם. פאַל פּאָט האָט געבראָכן די דיסציפּלין. ווען זיי

וואָלטן איצט אונטערגעשריבן אַ באַפרייאונגס־אורטייל, וואָלט דאָס געהייסן, אַז זיי סאָלידאַריזירן זיך מיטן פאַקט פון עובר זיין אויף דער דיסציפּלין, אַז דעם געוועזענעם ריכטערס אויפפירונג האָט אויף זיי געהאַט אַ געוויסע השפּעה.

איינער פון די ריכטער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער. דער פאָרזיצער האָט קוים זיך איינגעהאַלטן פון געגעצן.

אַן אַנדערער ריכטער האָט שוין ווייניקער דיסקרעט אַ קוק געטון אויפן וואַנטזייגער.

— אין צוויי מינוט אַרום ענדיק איך — האָט געמאָלדן דער אַדוואָקאַט.

און האָט ווייטער גערעדט מיט באַגייסטערונג, ווי אַ נביא, אין אַ דראַמאַטישן טאָן, ווי אַ העלקער. דאָס פּובליקום האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן זאַל, די ריכטער האָבן נישט באַהאַלטן זייער צעשטרייאונג. אַ לאַנגווייל און אַ בייגעשמאַק האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער שווערער אַטמאָספער.

אָבער דער אַדוואָקאַט האָט רואיק פאָרגעזעצט זיין רעדע. דער זייגער האָט שוין געוויזן האַלב אַכט. דער אַדוואָקאַט האָט אַלץ אומדערמידלעך געשיט מיט ציטאַטן פון ניטשע, באַסיע, סען־אויגוסטין, אַדורכפלעכטנדיק זיי מיט אַפאָריזמען פון קאַלענדאַר.

אין די ראַמען פון ערודיציע איז זייער לייכט צו אָפּערירן מיט טשעקן אָן דעקונג!

דער אַדוואָקאַט האָט פאַרענדיקט זיינע טיראַדן מיט די ווערטער:

— הערן ריכטער! אין דער מינוט טוט מאַריע לאַנסאָנס אַלטע מוטער תּפילה אויף די קני פאַר די גאָטס־מוטער, אַז איר טאָכטער זאָל באַפרייט ווערן; אין דער מינוט בעט זי הייס אין דער קירך מאַדעליין...

דער זייגער האָט געשלאָגן אַכט.

— די קירך מאַדעליין ווערט גראָד פאַרמאַכט פּינקטלעך זעקס אַ זייגער — האָט אַ מורמל געטון דער פּרעזעס.

מיט איינציקע מינוט שפּעטער איז דאָס געריכט אַוועק אויף אַ באַראַטונג.

די באַראַטונג האָט נישט לאַנג געדויערט.
דער באַשטראָפונגס-אורטייל איז געוואָרן באַשטעטיקט.

* *
*

פאָל פּאָט איז יענעם אָוונט געפאָרן, ווי געוויינלעך, אויף זיין ספעקטאַקל אין „ווינטער-צירק". פלוצלינג האָבן אין זיין זכרון אויפגעטויכט ריכטער מאַרטינעס נביאישע ווערטער: — דעם אָנגעקלאָגטנס אורטייל איז שוין פון פּאָרויס אָנגעשריבן.

קאַפּיטל 6

פּאָל פּאָט איז געוואָרן צוגעוווינט צום צירק. נאָכן ציטער פון טריאומפירנדיקן אָנהייב, האָבן אים די טאָגטעגלעכע אַפּלאָדיסמענטן איינגיכן אָנגעהויבן צו לאַנגווייליקן. טאָג ביי טאָג פלעגט ער דערהאַלטן לאָקערנדיקע אָפערטען פון אַמעריקאַנער אונטערנעמער. אַ באַוואוסטע אויטאָמאָבילן-פירמע האָט אים געשאָנקען אַ לוקסוס-אויטאָ, וואָס האָט אים נאָר געקאָסט אַ רעקלאַמע-פאָטאָגראַפיע, וואָס האָט אים פאָרגעשטעלט ווי ער זיצט אין אויטאָ, מיט אַן אייגנהענטיקער אונטערשריפט, יוטאַ האָט זיך אויסגעלערנט פירן דעם אויטאָ.

פאַלס אַרויסטריט אין דער דער טאָגע, וואָס ער האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן געטראָגן מיט ווירדע, האָט אַרויסגערופן ביים פובליקום אַ שטאַרק הייטערקייט, אָבער גלייכצייטיק האָט ער דערמיט געוועקט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי. אַלע צייטשריפטן האָבן פאַרעפנטלעכט די פאָטאָגראַפיעס פון פּאָלן און יוטאַן אין זייער באַרימטן „נומער": פּאָל האָט אויסגעשפילט אויף זיינע גלעזלעך די מעלאָדיע פון „האָפּמאַנס דערציילונגען", און שומאַנס פערדל האָט צוגעטאַנצט צום טאַקט. אַ גרויסן אינטערעס האָבן אויך אַרויסגערופן פּאָלס קונצן: אָנגעטון ווי אַן אַסטראָלאָג, אין אַ גרויסן, שפּיציקן הוט אויפן קאָפּ און געהילט אין אַ מאַנטל, וואָס איז געווען אויסגעהאַפטן מיט קאָמעטן און שטערנס, האָט ער געמאַכט עקספּערימענטן ווי אַ העלזעער און דזשאָנגלער.

פּאָלס גאַרדעראָב האָט זיך געפונען אין שכנות מיט יוטאַס גאַרדעראָב. אַ שאַרפער ריח פון יאַסמין־פּערפום האָט אַדורכגע־דרונגען דורכן הילצערנעם ווענטל, וואָס האָט אָפּגעטיילט איין גאַרדעראָב פון דער צווייטער.

— דאָס איז אַ זייער געדיכטער עסענץ — האָט אים יוטאַ דערקלערט: — מיין זיידע האָט אַמאָל מיטגעבראַכט אַ רעצעפּט אויפן דאָזיקן מין פּערפום אַזש פון באַלקאַנישן האַלבאינדזל. אַ ציגיינער, וואָס האָט געוואוסט דעם סוד פון אויספּערטיקן בלומענעסענץ, האָט דידאָזיקע געהיימניש פאַרקויפט מיין זיידן.

אַפילו פון ברוינינגצן האָט זיך פונוויטן געטראָגן דער אַראָמאַט פון יאַסמין. כדי צו מאַכן אויסוועפּן דעמדאָזיקן ריח, פלעגט דער אַלטער הונט אַריינגיין אין שטאַל אַריין און זיך לאַנג רייבן אָן די פערדישע קאָפּיטעס.

פּאָל האָט געענדיקט זיין נומער און געוואַרט אויף יוטאַן. יענע נאַכט, ווען זי האָט געפירט דעם אויטאָ מיט אַזאַ שנעל־קייט, אַז עס האָט געשווינדלט פאַר די אויגן, האָט ער זיך נענטער צוגערוקט צו איר און גערעדט:

— איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט ווייטער אַרבעטן. כ׳פּאַר־דין אַזויפיל, אַז ס׳זאָל גענוגעגען פאַר אונז ביידע. דער אימ־פּרעסאַריאָ זעליגמאַן האָט מיר געשיקט אַ טעלעגראַם מיט אַן אויסערגעוויינלעך גוטן פאָרשלאַג. מיר ביידע דאַרפן האָבן אַן ענדערונג אין לעבן.

— מוזטו דען דעם אימפּרעסאַריאָ גלייך נעבן אַן ענט־פער? — האָט יוטאַ געפרעגט.

אַ גאַנצן חודש האָט פּאָל נישט געענטפערט אויפן דאָזיקן פאָרשלאַג, ביז איינמאָל אין אַן אָוונט האָט יוטאַ אַ זאָג געטון:

— מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין!

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט יוטאַ שומאַן, זיצנדיק אין אַ לאָזשע פון אַ צירק אין קאַיראָ, הייס אַפּלאָדירט דעם קלאָון פּאָל פּאַט פון פּאַריזער „ווינטער־צירק”.

— — — — — — — — — — — —

אין דייטשלאַנד האָט איינער אַ באַרימטער פּסיכאָלאָג גע־וואָלט מאַכן אַ שטודיום איבער פּאָלס חוש פאַר קאָמיזם. דער קלאָון האָט זיך אונטערגעגעבן די ווינטשאַפטלעכע עקספּערי־

מענטן פון פראָפעסאָר, וואָס האָט זיך צו דעם צוועק באַנוצט מיט זייער קאָמפּליצירטע אַפּאַראַטן. אָבער ס'איז פון דעם גאָרנישט אַרויסגעקומען. פאַר דאָס אין גריכלאַנד איז צוליב פּאָלס אָנקומען אַהין אָפּגעלייגט געוואָרן אויף איין טאָג דער בירגערקריג.

דאָס נע-ונד לעבן איז יוטאַן זייער געפעלן געוואָרן. זי האָט מיט זיך מיטגעפירט עטלעכע קאָסטיומען, אַ פיר ביכער און אַ געהיימנישפול שאַכטל פון סאַנדאַל-האָלץ; פּאָל האָט קיינמאָל נישט געזען, וואָס עס געפינט זיך אינעווייניק.

פּאָל פּאָט, וואָס זיין רום און דעם אָפּקלאַנג פונם סקאַנדאַל, וואָס ער האָט אַרויסגערופן אין דער יוריסטן-וועלט, האָט דער פעיקער אימפּרעסאַריאָ געשיקט אויסגענוצט צו רעקלאַמעצוועקן, איז אין אויסלאַנד גערן אויפגענומען געוואָרן אין די קרייזן פון דער עלעגאַנטסטער געזעלשאַפט. צוליב דעם האָט פּאָל פּאָט נישט איינמאָל אַרויסגעוויזן זיין אייפערזוכט. אים האָט זיך נעדאַכט, אַז די פיינע אויפנאַמען, וואָס איז פאַר זיי צוגעגרייט געוואָרן דורך די אַריסטאָקראַטישע קרייזן, האָבן אייגנטלעך איין געהיימען ציל — אָפּצורייסן ביי אים זיין יוטאַ, זיין באַנד מיידל יוטאַ שומאַן.

אַ געוויסער רייכער סוחר אין קאַזאַבלאַנקאַ האָט יוטאַן געשאָנקען אַ גאָלדענעם בעכער מיט אָרנאַמענטן אין מאַראָקאַנישן סטיל. אין סטאַמבול האָט איר אַ טערקישער אָפיציר פאָרגעלייגט אַ פערד מיט אַ בולגאַריש ציימל און מיט אַ זאָטל, וואָס איז געווען אויסגעזעצט מיט טייערע שטיינער. דאָס ציימל און דעם זאָטל האָט יוטאַ צוגענומען, אָבער זי האָט רעזיגנירט פון רייטפערד און פון דער טערקישער ליבע.

אין יעדער שטאָט, וואו פּאָל און יוטאַ זענען אָנגעקומען, איז שוין פאַר זיי געווען צוגעגרייט די געוויינטלעכע רעקלאַמע פון זעליגמאַנען. ווען זיי האָבן דערמזעלבן אָוונט געקויפט אַ צייטונג, האָבן זיי אויף דער ערשטער זייט איבערגעלייענט אַ גרויסן אינטערוויו מיטן „קלאָון פּאָל פּאָט, דעם געוועזענעם ריכטער פון פּאַריזער אַפּעלאַציעגעריכט", און האָבן זיך געזען אויף די פאָטאָגראַפיעס, ווי זיי שטייגן אויס פון שלאָפוואַגאָן.

זייערע וואַליזן זענען געווען באַקלעפּט מיט קוויט־לעך מיט די פֿירמעס פֿון די גרעסטע האָטעלן פֿון אייראָפּע, זייער שפּראַך איז באַרייכערט געוואָרן מיט זיסע און אומאַי־בערזעצבאַרע ווערטער פֿון אַלע דיאַלעקטן. ווען זיי האָבן זיך געזעגנט, האָבן זיי זיך געזאָגט דאָס ווערטל „סאַאָדאַדעס“, אַ פּאָרטוגעזישער אויסדרוק, וואָס באַטייט גלייכצייטיק בענקע־ניש, באַגער און האַרציקער ווונטש. ווען ער האָט זי געדריקט צו זיין ברוסט, האָט זי געפליסטערט מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן דעם זייער האַרציקן סערבישן אויסדרוק „srce moje!“, וואָס באַטייט: „האַרץ מיינס!“

ביידע האָבן געהאַט דאָס געפיל פֿאַר שלימותדיקער ליי־בע, פֿאַר אַ קעגנזייטיקער פֿרידלעכער צוזאַמענלעבונג, וואָס עס דערגרייכן נאָר אידעאַלע פּאַרליבטע, און אָט די האַרמאָניע, אָט די פאַרשטענדיקונג, האָט זיי טיילמאָל געמאַכט אומעטיק, וואָרום די צייט, ווען אייגער דערוואַרט שוין נישט פֿון צווייטן קיין שום סיורפּריז, ווייזט זיך אויס, ווי אַן אָנזאָג פֿון געוויינ־הייט. ביידע האָבן גערעדט אויף איין שפּראַך, באַנוצנדיק זיך מיט אויסדריקן פֿון דער וויסנשאַפֿט, מיט אַ ספּעציעלער נייגונג צו דער טעכנישער טערמינאָלאָגיע. עס האָט זיי פֿאַרוויגט דער מילדער נאַרקאָז פֿון סקעפּטיציזם, האָט זיי איינגעשלעפֿערט ווי מיט אַ פֿאַרמאַטערטקייט, אַן אינטעלעקטועלע פֿאַרמאַטערטקייט, וואָס איז זיי באַפֿאַלן אין פֿרעמדע לענדער, אַפֿילו אויף פֿאַר זיי אומבאַקאַנטע ימען, אין ביזאַיצט נאָכנישט געזעענע געגנטן.

פּאָל האָט אויפֿגעהערט צו זיין אייפֿערזיכטיק. איבער־צייגנדיק זיך אין יוטאַס געטריישאַפֿט, האָט ער איר נישט גע־שטערט אַליין צו באַזוכן קאָסמעטישע אַנשטאַלטן, פֿאַרלעזונגען, בערליצס קורסן.

זיין צוטרוי צו דער געליבטער איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער פֿון זיין זייט האָט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט אַנדערע פֿרויען, אָבער האָט פֿון זיי פֿאַרלאַנגט נישט מער, ווי געזעלשאַפֿטלעכע אונטערהאַלטונג. ער האָט זיך צו שטאַרק צוגעוויינט צו יוטאַן, צו איר אינטעליגענץ, צו איר רואיקן, גלייכן אָרט רעדן. ער האָט אָפטמאָל דערפֿילט אַזאַ אומבאַזיג־

באַרן באַגער צו אַן אָפּוועקסלונג, צו עפּעס אַנדערש, עפּעס נייעס, אַז ער האָט זי איינמאָל געפרעגט:

— פאַרוואָס רעדסטו קיינמאָל נישט קיין נאַרישקייטן, יוטאַ? — זאָג עפּעס אַ נאַרישקייט! כ'האָב אַזוי נייטיק געוואָלט האָבן פרישע איינדריקן...

אָט די פרישע איינדריקן האָט ער געפונען ביי אַנדערע פרויען, וואָס זענען דאָך קיינמאָל נישט געוואָרן זיינע געליבטע. איינמאָל האָט ער זיך אָפּגערופן צו אַ געוויסע באַצויבערנדיקע ענגלענדערין:

— אייגנטלעך, צו וואָס דאַרף איך דען זיך באַמיען צו דערווערבן אייער סימפּאַטיע? זאָל איך אייך איבערחזרן אויסגעדראָשענע קאָמפּלימענטן: אַז איר זענט שיין, אינטערעסאַנט, אַז איר האָט באַצויבערנדיקע אויגן און אַ באַחנטן שמייכל, אַ קלאָרן שטערן און אויסדרוקספולע הענט — מיט איין וואָרט, אַז איר זענט אַ טיפּ פון אַן אידעאַלער פרוי? זאָל איך אייך פאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר מיט מיין אויטאָ און גלייך אַרייננציען אייך ברוטאַל אין מיין קאַוואַלערישע וואוינונג, כדי איר פון אייער זייט זאָל קענען מאַכן דעם אָנשטעל פון אומדערפאַרנקייט און אַריינפאַלן אין מיין נעץ, און דערנאָך געבן אייך די מעגלעכקייט אַרויסצורעדן די שאַבלאָנע ווערטער: „איך בין נישט אַזעלכע, ווי איר מיינט...“ ניין, גענעדיקע פרוי, ס'איז שוין גלייכער אינגאַנצן נישט אָנצוהייבן, וויבאַלד איך שרעק זיך אַזוי פאַר אַזאַ סוף...

כאָטש זיין ליבע צו יוטאַן האָט אָנגעהויבן זיך צו לעשן, האָבן אים פונדעסטוועגן נישט אינטערעסירט קיין אַנדערע פרויען.

אַמאָל האָט ער פאַרבעטן אַ יונגע דאַמע אויף אַ קורצן שפּאַציר מיטן אויטאָ. ער האָט דערביי נישט געהאַט קיין שום כוונה זי צו פאַרפירן. דאָך האָט דידאָזיקע פרוי נישט אָפּגעהאַלטן זיך אים צו זאָגן:

— איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס עס באַטייט אַ שפּאַציר מיטן אויטאָ...

— איר האָט אַ טעות — האָט איר פאָל ענערגיש געענט-

פערט: — איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט דערלויבט צו מיינען, אַז מען קען אייך נעמען מיט אַ ליטער בענזין...

— אַ דאַנק — האָט זי שלאַנגיש אַ סיק געטון.

— ס'וואָלט גענוג געווען אַ האַלבער ליטער — האָט ער שטיל צוגעגעבן.

איינמאָל נאָך דער פאָרשטעלונג איז פּאָל צוגעגאַנגען אין האָטעל-זאַל צו אַן אומבאַקאַנטן און זיך צו אים אָפּגערופן:

— איך הייס פּאָל פּאָט. זינט צוואַנציק טעג באַמערק איך, אַז איר, קומענדיק יעדן אָוונט אויף דער פאָרשטעלונג, פאַרלאָזט דעם זאַל פּונקט פאַר מיין נומער און איר קערט זיך אום ערשט דעמאָלט, ווען איך האָב שוין געענדיקט. צי וואָלט איר נישט געווען אַזוי פריינטלעך, מיר צו דערקלערן, וואָס עס באַוועגט אייך צו אייער דאָזיקער האַנדלונג?

דער אומבאַקאַנטער האָט געענטפערט:

— איך הייס לאַ מאָט-הודאַנקור. כ'בין פון דערזעלבער פאַמיליע, וואָס דער מאַרשאַל פון פראַנקרייך, פיליפּ לאַ מאָט-הודאַנקור. כ'בין אַ מייסטער פון אַמאַטאָרישער פעכטעריי, כ'האָב געקעמפט אויף שווערדן מיט אַזעלכע גענייטע פעכטער, ווי נעדאָ-נאַדי און גאָדען. וואָס פאַרלאַנגט איר נאָך?

— איר זאָלט מיר ענטפערן אויף מיין פריערדיקער פראַגע.

— זינט דריי יאָר כמעט בין איך אַ שטענדיקער באַזוכער פון דאָזיקן וואַריעטע. פאַר אייער נומער טרעטן אַרויס „מענטשן-פליגן". דאָס איז זייער אַ סכנותדיקער ספּעקטאַקל. נאָך אייער נומער ווידער ווערט געוויזן אַ מענטשלעכע פּיראַמידע, וואָס פירט-אויס אינדערלופטן אַ דרייפאַכן „טויטשפרונג". אויפן גרונט פון אַ וואָרשיינלעכער אויסרעכענונג און נעמענדיק אין אַכט די צאָל אומגליקספאָרפאַלן, דאַרף זיך דאָך טרעפן, אַז עמעצער וועט פריער אָדער שפּעטער ברעכן דעם קאַרק. מיט צוויי חדשים צוריק איז אַרויסגעטרעטן אַ מאָטאָציקל „אין רינג פון טויט". דער אימפּרעסאַריאָ פון דאָזיקן צירק קאַרגט נישט די באַזוכער עמאָציאָנעלע איינדרוקן. פאַר דאָס אייער נומער אינטערעסירט מיך אַבסאָלוט נישט. כ'וואָלט געוואָלט זען עפּעס אַ פיינעם זעץ אָן דער ערד. וואָרום איך בין

אַ קאָלעקציאָנער פון אומגליקספאַלן. איך האָב שוין איבערגע־לעבט אַ שיפס־קאַטאַסטראָפע, אַ צוגן־צוזאַמענשטויס, אַ שריפה אין אַ קינדערהיים, אַ דאַך־איינבראָך אין אַ קירך, אַ טויטשלאַג פון אַן עלעקטרישן שטראָם, — אין מיין קאָלעקציע פעלט נאָך בלויז אַן אַקראָבאַט, וואָס איז פון אונטערן סופיט אַראָפגע־פאַלן אויף דער אַרענע, ווי אויך אַ דועל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט טויט. ווען איר וואָלט געהאַט חשק מיר צו־צושטעלן עפּעס אַ שיינעם עקזעמפּלאַר פון אַ געהרגעטן ביי אַ דועל...

פּאָל האָט אים דערלאַנגט אַזאַ פייערדיקן פּאַטש, אַז ס׳האָבן אַזש אַלע גלעזער אין באַר זיך אָנגעהויבן צו טרייס־לען און קלינגען.

אויפצומאָרגנס האָט זיך פּאָל געשלאָגן אויף שווערדן — אין שאָטן פון צעצווייגטע לינדנבוימער, אין אַ פּרעכטיקן געגנט, וואָס האָט געהערט צו דער אַרטיסטין געבי מאָרליי — מיט יענעם פּאַרשוין, וואָס האָט וואָס אַן אמת גאָרנישט גע־הייסן לאַ מאָט־הודאַנקור און אויך נישט באַוויזן זיין העלדיש־קייט און קענטעניש אין קאַמפן מיט נעדאָ־נאַדי און מיט גאָ־דענען. פּאַרדאָס אָבער האָט ער ערשט נישטלאַנג באַקומען אַן אורלויב פון אַ פּריוואַטן סאַנאַטאָריום פאַר גייסטיק־קראַנקע. דאָך האָט פּאָל פון אים באַקומען מיט דער שווערד אַזאַ שטויס, אַז מ׳האָט די וואונד געמוזט צונייען אַכט מאָל.

— — — — — — — — — — — —

צוצונייען די וואונד האָט זיך אונטערגענומען פּראָפעסאָר פּיסאַני, אַ באַרימטער איטאַליענישער כירורג, וואָס האָט אויפ־גענומען פּאָלן אין זיין קליניק אין האַוור. דידאָזיקע קליניק האָט זיך געפונען אין אַ שיינע, ליכטיקע ווילע, וואָס איז גע־ווען געדיכט באַוואַקסן מיט בלושטש.

דער אימפּרעסאַריאָ זעליגמאַן פלעגט אים ברענגען אילוי־סטרירטע זשורנאַלן, פּראָפעסאָר פּיסאַני האָט אים צוגעשטעלט ביכער פון זיין פּריוואַט־ביבליאָטעק.

נאָר פּאָל האָט געבעטן:

— גיט מיר בעסער פאַרבן!

ער האָט דערמיט געמיינט צו זאָגן:

— ברענגט מיר דרום-בלומען, אָדער טראַנסאַטלאַנטישע פּרוכטן, אָדער אַן אַנדאַלוזישן פּרויענמאַנטל, אָדער אַ סודאַנישן שלייער, וואָס אויף אים זענען אויסגעמאָלט בונטע בלומען.

דער כירורג האָט אַ דריק געטון אַ קנעפּל. ער האָט איינגערוימט דער פלעגערין, וואָס האָט זיך שטיל אַריינגעשלייכט:

— ליאַנאַ!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַריין אין צימער פון קראַנקן אַ יונג מיידעלע. אפשר פון אַ יאָר פופצן, וואָס אירע האָר זענען געווען פלאַמיק-רויט.

— אָט האָט איר פאַרבן — האָט געזאָגט דער כירורג.

דאָס מיידל איז געווען זיין טאָכטער. זי האָט געהאַט גרויסע, פאַרוואונדערטע אויגן, ווי אַ קינד, וואָס הערט זיך צו צו אַ מעשהלע.

— די קראַנקע, וואָס איר באַזוכט זיי — האָט זיך פאָל אָפּגערופן — מוזן געזונט ווערן. איר ברענגט גליק.

וואוינענדיק שטענדיק אין קליניק, צוזאַמען מיטן כירורג, וואָס איז געווען פאַרטון אין זיין אַרבעט, און מיט די שווייגנדיקע באַרעמהאַרציקע שוועסטערן, האָט פרייליין ליאַנאַ נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו זיין אַ קינד.

זי האָט אָפּנהאַרציק דערציילט פאָלן, אַז טייל מאָל זיצט זי אָפּ ביז שפּעט אין דער נאַכט ביים אָפּענעם פענסטער, וואַרטנדיק, ביז אַ שטערן וועט פאַלן, כדי זי זאָל אים קענען אַרויספליסטערן אַ געהיימען באַגער.

איר איינציקער פריינט איז געווען אַראַלאָזשיאַ.

— אַראַלאָזשיאַ? אַ זייגער?

— אַ קעצל.

— אַ מאָדנער נאָמען!

— אַזוי רופן מיר אים, ווייל זיינע אויגן ווייזן די שעה. אַז איך רוף אים, קומט ער גלייך צו. זיינע אויגן בלאַנדזשען קיינמאָל נישט. ביינאַכט ציען זיך זיינע אַפּלען צוזאַמען, און אַ גאַנצן טאָג זענען זיי אויסגעברייטערט, פאַרנאַכט זענען זיי אינגאַנצן קיילעכדיק. אינדערפרי — אָוואַלפערמיק; מיטאָגצייט — דינע, כמעט ווערטיקאַלע שטריכעלעך. ווען איר וועט וועלן וויסן גענוי, ווי שפּעט ס׳איז, זאָלט איר מיך פרעגן.

פּאָל האָט אַ טראַכט געטון וועגן יוטאַס ראַפינירטן אינ־טעלעקט און אים פאַרגלייכט מיט דער נאַיוויטעט פון דאָזיקן מיידל.

— פרײלן ליאַנאַ — האָט ער געזאָגט: — איר זאָגט, אַז איר קוקט זיך איין שעהנווייז אין דער קאַצס אויגן, אַז איר קוקט אויס אין די נעכט פאַלנדיקע שטערן, כּדי זיי איינ־צורוימען געהיימע פאַרלאַנגען, — צי איז דאָס שוין אַלץ, וואָס איר פאַרהוילט פאַר מענטשן?

דאָס מיידל האָט זיך פאַררויטלט.

— נעכטן האָב איך אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער, האָב איך אייך געזען אין גאָרטן, ווי איר צופּט די לעפלעך פון אַ מאַרגאַריטקע.

די קליינע האָט אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט איר קעפּל, וועלנדיק באַהאַלטן איר שמייכל און איר פאַרשעמטקייט און זי איז גיך אַרויס פון צימער. אין דריי טעג אַרום, אַז פּאָל האָט פאַרלאָזט די קליניק, האָט ליאַנאַ אים געגעבן אַ מתּנה אַ בינטל מאַרגאַריטקעס און די פאָטאָגראַפיע פון ליבלינג אָראָ־לאָזשיאָ.

— איך מוז זען, צי איר האָט זיך פון מיר עפּעס אויס־געלערנט. זאָגט מיר, וויפל אַ זייגער איז געמאַכט געוואָרן אָט די אויפנאַמע?

— כ׳ווייס נישט.

— אָבער דאָס איז דאָך אַזוי פּשוט. דאָס זעט דאָך יעדער, אַז פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג!

* * *

אין פּאַריז האָט פּאָל אָפּגעזוכט זיין אַלטע וואוינונג אויפן מאָנמאַרטר. זיין שטובווירטן איז געהאַט אַוועקגעפאָרן אין דאָרף אַריין, די שפּערלינגען זענען זיך צעפלויגן, זיין קליינער פריינט איז דורך דער צייט אונטערגעוואַקסן, נאָר ער האָט נאָך אַלץ

געטראָגן אויפן האַלדז זיין מתנה, דעם רויטן שאַל, וואָס האָט אַ ביסל באַלעבט דאָס בלאַסע פּנימל.

די ביכער וועגן יוריספּרודענץ, וואָס זענען געווען אויס־געשטעלט אויף די וואַנטבריטער, האָבן אויסגעזען, ווי דער גייסט פון אַ לעבן, וואָס איז פאַרגאַנגען מיט טויזנטער יאָרן צוריק. דער גרינער אַבאַזשור האָט נאָך אַלץ אַזוי פּערדעקט די פאַרשטויבטע לאָמפּ.

אָקענגנאַיבער האָט נאָך אַלץ די יונגע שכנטע פון פּאַר־טער אַליין געוואַשן אין גומענע הענטשקעס די פּאָדלאָגע, כאָטש פאַרן טויער האָט אויף איר געוואַרט אַן עלעגאַנטער אויטאָ־מאָביל. דאָס פּופּצניאַריקע מיידל, וואָס האָט פאַלן פאַרשאַפט אַזויפיל פרייד, ווען ער איז געלעגן אין קליניק אין האַוור, איז אין זיין פאַנטאַזיע געוואָרן אַן אומצעטיילבאַרע אייניקייט מיט דערדאָזיקער שיינער פרוי, וואָס האָט דערהאַלטן איר צניעות אין פאַרשייטן און לייכטזיניקן פּאַריז, טראָגנדיק אין איר בלוט אַ דורות-לאַנגע ירושה פון גוטע באַלעבאַטישע מידות.

יוטאַ האָט זיך אומגעקערט פון בערלין אין דער פולער פּראַכט פון איר יוגנט. ווען פּאַל האָט ווידער דערפילט אַרום זיין האַלדז אירע דופּטנדיקע, נאַקעטע הענט, האָט ער פאַר־געסן אָן דעם קליינעם מיידעלע, וואָס טרעפט פון מאַרגאַריט־קעס, און אויך אָן דעם שיינעם ווייבל פון קענגנאַיבער, און ס'האָט אים באַהערשט אַ שטאַרקער באַגער גלייך אַוועקצופאָרן זיך מיט איר אינאיינעם אויף אַ ווייטערדיקער רייזע. ס'איז אים געקומען אין געדאַנק, אַז דעם אמתן פאַרגעניגן איז דאָס באַ־זעצן די וועלט דורך דער פּריזמע פון דער געליבטערס אויגן.

כדי זיך צו באַפרייען פון זיינע מידע, אומפּרוכטבאַרע רעיונות, האָט ער מיט דער גאַנצער ענערגיע זיך אָנגעכאַפּט אַן פּראָיעקט פונם אומדערמידלעכן אימפּרעסאַריאָ זעליגמאַן וועגן אַ נייעם טורנע: פופצן טעג אין נעאַפּאַל, אַ חודש אין רוים, אַ חודש אין ווין, צוויי וואָכן אין בודאַפּעשט, אַ וואָך צין בעלגראַד.

— בעלגראַד? — האָט זיך פּאַל פאַרטראַכט.

און אַזויוי ער האָט געקענט בלויז צוויי סערבישע ווער־טער, האָט ער צוגעצויגן יוטאַן צו זיך און געפּליסטערט:

„sece moje" — וואָס דער טייטש דערפון איז: „הארץ מיינס".

קאַפּיטל 7

יולי. די פליגן פאַלן מאַסנווייז צו דער ערד, און אַזויווי די צייטונגען מעלדן, אַז די טעמפּעראַטור דערגרייכט ביז 32 גראַד אין שאָטן, גייען די מענער אַרום אין גאַס אָן מאַרי־נאַרקעס. זייענדיק פאַרמאַטערט פון דער היץ, האָבן פּאַל און יוטאַ געהייסן דעם פאַרטיער באַהאַלטן די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס וועט אָנקומען בעת זייער אָפּוועזנהייט, און זענען אַרויסגעפאָרן אין אַ באַרגיקער געגנט, וואו די צייטונגען פון אינדערפרי קומען אָן ערשט זיבן אינאָוונט, וואו פון די פּאָסטמאַרקעס פילט זיך אַ ריח פון פיש און די פּאַפּיראָסן שמעקן מיט פאַר־פוילטקייט

פאַרבנדיק אין וואַגאָן, האָט פּאַל זיך אָפּגערופן:

— דו געפעלסט מיר.

— ס׳וואָלט מיר ליבער געווען צו הערן פון דיר, אַז דו ליבסט מיך — האָט יוטאַ געענטפערט.

— אַזוי האָב איך זיך געפלעגט אויסדריקן, ווען כ׳בין אַלט געווען צוואַנציק יאָר.

— איך בין שוין אַלט מער, ווי צוואַנציק יאָר, און דאָך באַנוץ איך נאָך אַלץ דעמדאָזיקן אויסדרוק.

— פרויען פאַרבלייבן לענגער מינדעריעריק.

און באַלד האָט ער צוגעגעבן:

— ס׳זענען שוין פאַרלאָפן פערצן חדשים זינט מיר זענען צוזאַמען.

— צייל נישט — האָט יוטאַ געבעטן, — דאָס צייכן קען ברענגען אומגליק, פּונקט ווי דאָס איבערציילן ס'געוואו־נענע געלט, איידער מ'גייט אַוועק פֿון שפּילן.

אַרום זיי האָט זיך אויסגעשפּרייט די געוויינלעכע לאַנד־שאַפֿט פֿון אַ זומערוואוינונג. ס'האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין לעטניקעס.

פּאָל און יוטאַ האָבן זיך באַמיט צו פֿאַרברענגען אויף דער זומערוואוינונג אינקאָגניטאָ, אָבער דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. עטלעכע טעג נאָך זייער אָנקומען אַהין, האָט זיי עמעצער בגנבה אָפּגעפֿאָטאָגראַפֿירט; בעתן טרינקען קוואַלוואַסער האָט זיי עפּעס אַן עקזאַלטירטע דאַמע געשאָנקען אַ זילבערנעם בעכער; אַן אַנדערער האָט זיי פֿאָרגעלייגט אַ פֿעלדלאָרנעטע, כּדי צו באַקענען זיך בעסער מיט דער באַרגיקער לאַנדשאַפֿט. אַ גרופּע געסט האָט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן אַרטיסטישן פּאָרל, פֿאַרבעטנדיק זיי אויף אַ פֿאָרשטעלונג, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן צוליב אַ פֿילאַנטראָפּישן ציל.

דער לעטניק איז אַזאַ מין אויסערגעוויינלעך נאַריש באַשעפֿעניש, וואָס שטייגט אַריבער יעדע נאַרישע בריאה, וואָס די נאַטור האָט ביזאיצט באַשאַפֿן. ווען אַ מאַן אָדער אַ פֿרוי פֿון מיטעלן קלאַס (איך רעד נישט דאָ וועגן דער אַריסטאָ־קראַטיע, וואָרום זי פֿאַרמאָגט סטיל אָפּהענגיק פֿון קלימאַט), ווען אַזאַ קליינבירגער פֿאַרלאָזט זיין שטענדיק וואוינאָרט, כּדי צו פֿאַרברענגען די פֿעריען־צייט אויפֿן דאָרף, — דערוועקט אין אים דער אומקער צו דער נאַטור דעם פּשוטן דאָרפֿסמאַן, אַן איינגעבוירענע אייגנשאַפֿט, וואָס איז אָפּגעטעמפּט געוואָרן דורך אַ רייע דורות, וואָס האָבן געוואוינט אין שטאָט. געפֿינט זיך אַזאַ איינער ווידער אין זיין נאַטירלעכער סביבה — רייסן זיך אַרויס אויף דער פֿריי זיינע אונטערגעדריקטע אינסטינקטן.

דער שטייגער פֿון אַ לעטניק איז אָנצוטון די שמוציקסטע שקאַרפּעטן, פּונקט ווי די גראָזן, אַנעמאָנען און מאָנקעפֿלעך וואָלטן פֿאַרדינט אַ קלענערע אַכטונג, ווי דער אַספֿאַלט אויף די שטאָטישע גאַסן. ער קליידט זיך, ווי אַ ווילדער אין אַ צו ברייטן הוט און שפּאַצירט אַרום מיט אַ הוילן האַלדז אינם רעמל פֿון אַן אומגעלומפּערטן קראַגן אַלאַ בייראָן.

מ׳כ איינוואוינער פון דידאָזיקע ערטער ווייזן אַרויס אַן אויסגעוויינלעך גוטהאַרציקייט דערמיט, וואָס זיי פאַרסמען נישט די קוואַלן.

די קורטאַקסע, וואָס ווערט גענומען לטובת דער קאָמונאַלער פאַרוואַלטונג פון אָט די עקלהאַפטיקע קורגעסט, וואָס פאַראומרייניקן די וועלדער מיט בלעכערנע פודעלעך פון סאַרדינען, מיט פאַרפעצטע פאַפירן און מיט די שוואַרצע פאַרפאַקונגען פון די קלישעס צו די פאָטאָגראַפישע קאָדאַק-אַפּאַראַטן, — איז אָן אַן ערך פיל קלענער פון די הזיקות, וואָס זיי זענען גורם דער קאָמונע-פאַרוואַלטונג.

פאַרן פאַרברעך פון פאַלש געזאַנג, פון אומזיניק פייפן און קאַניבאַליש געלעכטער דאַרף מען אייגנטלעך באַשטראָפט ווערן מיט שמיץ — דערפאַר וואָס מען פאַרשוועכט די הייליקע שטילקייט פון די טאָלן.

וואָס שייך דאָס איינאָרדענען נאַכט-כאָרן, איז נעמענדיק אין אַכט די האַרבערע אומשטענדן, ד. ה., די צייט, ווען די שכנים שלאָפן, — וואָלט מען אַזאַ פאַרברעך געדאַרפט באַשטראָפן מיט אַרויסרייסן די צונג.

ס׳איז שווער צו באַשטימען, צי יוטאַ און פאָל האָבן זיך אויסגעמישט מיטן המון, אָדער האָבן זיך גאָר געהאַלטן פונדערווייטנס. צוזאַמען מיט אַנדערע קורגעסט זענען זיי געגאַנגען צום אַפטייקער אויף צו נעמען אַן אָפּפירמיטל, און זיי האָבן נישט פּראָטעסטירט, ווען מ׳האָט זייערע געזיכטער פאַראייביקט אויף די דאָקומענטן פון קאָלעקטיווער טיפשות, ד. ה., די אַזויגערופענע „געמיינזאַמע גרופּן". אינאָוונט פלעגן זיי זיך אויך באַווייזן אויף דער אויטאָבוס-סטאַציע, אָפּוואַרטנדיק די פּאָסט.

אין האָטעל האָבן זיי זיך געפילט, ווי ביי זיך אינדערהיים. ווי ביי זיך אינדערהיים פילט זיך אַ מענטש דעמאָלט, ווען ס׳רעגט אים נישט אויף דער שכן, וואָס זעצט זיך צום טיש אָן אַ מאַרינאַרקע, און נישט דער גאַסט, וואָס שטייט-אויף פון מיטאָג מיט אַ ציינשטעכער אין די ציין. אין דידאָזיקע האָטעלן וואוינען פרייַלנס, וואָס פּראָדוצירן אַנגראָ אויסרוף-אויסדריקן, ווי: „שרעקלעך" און „סימפּאַטיש" (דהיינו: „ווי

סימפּאַטיש וואָלט געווען איצט צו גיין שפּאַצירן אין וואַלד; איך האָב שרעקלעך ליב אויספלוגן"). ס'וואוינען דאָ אויך עלטערע פרויען, וואָס באַזיצן די פעיקייט צו דערציילן האַרציק די כמעט ראָמאַנטישע סטאַדיעס פון זייערס אַן אויסטערלישער קרענק:

— איין דאָקטאָר האָט געוואָלט מיר אויסשניידן די לעבער, דער צווייטער האָט געהייסן מאַכן באַשטראַלונגען, דער דריטער האָט איבערהויפּט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, און דער פערטער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז נישט מער, ווי נערוון. בין איך אַוועק צו אַ כירורג, האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז מ'דאַרף מאַכן אַ פּרובע-פּונקציע און געפאָדערט צוויי טויזנט פראַנק. כ'בין אויסגעווען, זאָג איך אייך, ביי די גרעסטע פּראָפעסאָרן, און ס'איז מיר געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. כמעט דריי יאָר בין איך געלעגן צו בעט, ביז איינמאָל קומט צוגיין אַ קליינשטעטלדיק דאָקטאָרל און זאָגט: „ס'איז אייך גאָרנישט. איר דאַרפט זיך גוט דערנערן און זיך גאָרנישט נעמען צום האַרצן; די מעדיצינען שטעלט אַוועק, און פאַרדאָס זאָלט איר בעסער טרינקען אַ גוט ביסל ווייַן" — און וואָס מיינט איר? דאָס האָט מיך טאַקע ממש געשטעלט אויף די פיס.

אין אַ שיינעם טאָג באַווייזט זיך אין האָטעל אַ דיכטער, וואָס האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַ פּאָעמע אונטערן טיטל „זייפנבלאָזן" און וואָס האָט געטראָגן ביי זיך אין קעשענע אַ זייגער, וואָס איז געווען אָנגעצויגן מיט אַ שליסעלע. און אַזוי ווי דאָס שליסעלע איז פאַרלוירנגעגאַנגען, האָט דער דיכטער געמוזט קוקן, ווי שפּעט ס'איז, אויפן זייגער פון קירכנטורעם. די דיכטער האַלטן זיך ביי דער מיינונג, אַז כדי צו געווינען די ליבע פון דער האַרצנסדאַמע, פון דער אויסגעחלומטער, הימלישער געליבטע, דאַרף מען מקריב זיין דאָס בלוט פון די אייגענע אָדערן, דאָס ליכט פון די אויגן און ענלעכע אַרטיקלען פון טעגלעכן געברויך, — און ס'פאַלט זיי גאָרנישט איין, אַז מ'וואָלט עס אפשר געקענט מאַכן אויף אַ מער פּראַקטישן אופן: לאָזן זיך פון צייט צו צייט אָפּראַזירן און אָפּשערן. נישטגעקוקט אויף דעם, וואָס דער דיכטער האָט געקענט די נעמען פון אַלע פעלד- און גאָרטנגעוויקסן און האָט געקענט

אפילו אין שלאָף אויסרעכענען די נעמען פון אַלע מוזן, ווי אויך די פונקציע פון יעדער איינער באַזונדער. און האָט אָן אָנשטרענגונג פאַרפאַסט סאָנעטן מיט די סאַמע זעלטנסטע גראַמען, האָט ער פונדעסטוועגן געמוזט קאַפּיטולירן פאַר דעם נייעם גאַסט, וואָס איז פאַרפאָרן פאַרן האָטעל אין אַן אויטאָ, מיט אַ גרויסער וואַליזע און אַ קליין הינטל. דערדאָזיקער וועלטלעכער יונגערמאַן האָט דערציילט, אַז ער האָט אַליין מיט זיינע אייגענע הענט קאַסטרירט זיין פאָקסטעריער, כּדי ער זאָל זיך אויסלאַכן פון אַנדערן געשלעכט, פונקט אַזויווי זיי באַלעבאָס.

יוטאַ האָט אים גלייך פון ערשטן אויגנבליק אָן אַ נאָמען געגעבן „אַלציביאַדעס", דערפאַר וואָס אַלציביאַדעס האָט געהאַט אַ הונט מיט אַן אָפּגעהאַקטן וויידל, און אַליין איז ער געווען אַ פּעדעראַסט.

אַ גרופּע יונגע דאַמען און עלעגאַנטע יונגעלייט האָבן דיסקוטירט איבער דער פראַגע, וואָס עס איז בעסער: אַ געכטיק איי, אָדער אַ מאַרגנדיקע הון? אַז מ'האָט געפרעגט פּאָלן, ווי ס'איז זיין מיינונג וועגן דעם, האָט ער געענטפערט:

— איך בין אַ וועגעטעריאַנער.

די גרופּע האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. איינע אַ דאַמע, וואָס פון איר האָט זיך געטראָגן דער שאַרפער דופט פון לאַוואַנדאַ, האָט נישט אָפּגעלאָזט מיט אירע פראַגן:

— אַ וועגעטעריאַנער?

— ווי אַ קעלבל — האָט געענטפערט פּאָל.

— אַן אַנטיאַלקאָהאָליקער

— ווי אַ מוזולמענער.

— אומשולדיק?

— ווי די לבנה.

אַן אַנדערע אינטעלעקטועלע דאַמע, וואָס האָט אַוודאי נאָר־וואָס איבערגעלייענט אַ קינאָ־ראָמאַן, האָט אים געפרעגט:

— ווי איז אייער מיינונג וועגן פּלאַטאָנישער ליבע?

— די האָר אויף די פיס — האָט געענטפערט פּאָל — איז צום לייכטסטן צו באַזייטיקן דורך איינרייבן יעדן טאָג מיט פּאָמיקס.

די דאַמע האָט זיך נישט פאַרשטאַנען אויף זיין ענטפער, און, מיינענדיק, אַז פּאָל ענטפערט נישט אויף איר פראַגע, האָט געשטעלט די פראַגע אויף אַן אַנדערן אופן:

— צי גלייבט איר אין ריינער פריינטשאַפט צווישן אַ מאַן און אַ פרוי?

פּאָל האָט איר געראָטן, אַז זי זאָל זיך מיט דערדאָזיקער פראַגע ווענדן צו אַלציביאַדעסן.

ער האָט נישט געפילט קיין שטאַרקע סימפּאַטיע צו אַל־ציביאַדעסן. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז יענער סטאַרעט זיך צו געפעלן יועטאַן, און דאָס האָט ביי אים אַרויסגערופן אַן אַנטיפּאַטיע צו יענעם.

איינמאָל אַ נאָכמיטאָג, ווען פּאָל איז געזעסן אין גאָרטן ביי אַ גרעזל קאַווע, האָט די גאַנצע געזעלשאַפט, וואָס איז באַשטאַנען פון יונגע פרויען און מענער, זיך פאַרווײַלט מיט דערציילן זיך געפעפערטע אַנעקדאָטן. ביי אַ פּיקאַנטן וויץ, האָבן די מיידלעך זיך צעכיכעט און זיך איינע די אַנדערע עפּעס איינגערוימט אויפן אויער. די מוטערס, וואָס זענען גע־זעסן אין אַ לאַנגער שורה אויף אַ באַנק, האָבן געשמועסט וועגן די דינסטן, וועגן קאָנסערווירן שוואָמען און וועגן אַנדערע צניעותדיקע טעמעס, דערביי איז יעדע איינע פון זיי געווען זיכער ביי זיך, אַז איר אומשולדיק טעכטערל איז דערצויגן געוואָרן אויפן אַלטן, גוטן שטייגער.

אַלציביאַדעס האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער געזעלשאַפט, פירנדיק אונטערן אָרעם אַ מיידל, וואָס איז טאַקע דערצויגן געוואָרן אויפן אַלטן, גוטן שטייגער, און זיך דערנענטערט צו פּאָטן מיט אַ ביטע:

— איר קענט דאָך אַזויפיל מעשהלעך, דערציילט זשע עפּעס!

און דאָס מיידל האָט צוגעגעבן:

— ווי סימפּאַטיש וואָלט עס געווען פון אייער זייט, ווען איר וואָלט אונז וועלן דערציילן.

פּאָל האָט אַוועקגעלייגט דאָס בוך פון דער האַנט און געזאָגט, קוקנדיק פון דער זייט אויף אַלציביאַדעסן:

— איך קען איין געשיכטע...

די רעשט גרופּע האָט זיך דערנענטערט און אַרומגע־רינגלט דעם דערציילער.

— אין כינע — האָט פּאָל אָנגעהויבן זיין געשיכטע — וואוינט אַ בייזער גייסט, וואָס שלעפּט קוים די פיס, נאָר פאַר־דאָס פאַרמאָגט ער אַ שאַרפן מוח. ווען אים דערציילט אַנאַטאָל פראַנס. דערדאָזיקער גייסט שלייכט זיך אַריין ביינאַכט אין די שטובן, עפנט אויף ביי די שלאָפנדיקע די שאַרבנס, פּונקט ווי מ'עפנט אַ שאַכטל, נעמט פון אינעווייניק אַרויס דעם מוח — און פאַרמאַכט צוריק גאַנץ רואיק דעם שאַרבן. דאָס אַרומ־קריכן פון שטוב צו שטוב, כּדי צו פאַרטוישן די מוחות צווישן די מענטשן, איז ביים דאָזיקן גייסט דאָס גרעסטע פאַרגעניגן. פאַרטאָג, ווען דער קונדס קערט זיך אום אין זיין געבויט, וואַכט אויף דער מאַנדאַרין מיט די מחשבות פון אַ קורטיזאַנע, און דאָס יונגע מיידל מיט בּאַגערן פון אַ געניטן אָפּיום־ריי־כערער.

די פרויען האָבן זיך איבערגעקוקט, אַלציביאַדעס האָט געפרעגט מיט אַ שטאָך:

— צי דאַרפן מיר שוין איצט לאַכן?

פּאָל האָט אַ רגע געשוויגן, דערנאָך האָט ער געענט־פערט:

— יענער בייזער גייסט האָט געמאַכט אַ באַזוך אויך ביי אייך, יונגערמאַן, און האָט אייך אויפגעעפנט דעם שאַרבן. און ווייסט איר, וואָס פאַראַ שטיקל ער האָט אייך אָפּגעטון?

— ניין.

— ער האָט אין אייער שאַרבן איבערגעלאָזט דאָס, וואָס ער האָט דאָרט געפונען.

אַלציביאַדעס האָט זויער אַ שמייכל געטון און זיך דער־ווייטערט צוזאַמען מיט דער גאַנצער גרופּע.

— איך וואָלט אים געגעבן אַ לעקציע — האָט ער הויך אַ זאָג געטון, — נאָר כ'האָב עס נישט געוואָלט טון אין דער אָנוועזנהייט פון די פרויען.

— אַ מאָדנע בריאה — האָט אים אונטערגעהאָלפן איינע פון די פרויען, וואָס האָט געטראָגן אונטער די אָרעמס ווייסע האַלבקיילעכדיקע שווייסבלעטער.

פֿאָל האָט ביי זיך געטראַכט, אַז אויב עס שטאַרבט אַ ביסל לעטניקעס פֿון משוגענע שוואָמען, איז עס נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ נקמה פֿון דער נאַטור.

דער דיכטער האָט זיך מודה געווען פֿאַר יוטאַן, אַז ער האָט איר געווידמעט אַ ליד.

— ס'האָט מיך באַהערשט די מוזע...

יוטאַ האָט עס אויסגעהערט מיט אַ געוויסער צופֿרידנקייט. דער דיכטער איז געווען זיכער דערין, אַז ער שטייט העכער פֿון אַלציביאַדעסן אין מאָראַלישן זין, און דערפֿאַר טאַקע האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן מיט די מיידלעך אין די עטאַמינענע און מאַרקיזעטענע קליידלעך, נאָר האָט זיך באַמיט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די אויסדערוויילטע פֿון דער געזעלשאַפֿט. איינער פֿון דידאָזיקע אויסדערוויילטע איז געווען אַ פּראָפֿעסאָר פֿון פֿיזיק, וואָס האָט אויף אַזאַ אופֿן דערקלערט דאָס גראַוויטאַציע-געזעץ:

— ווען כ'זאָל אַ שטייגער שטיין ביים אָפֿענעם פֿענסטער, און וואָלט דורכן פֿענסטער אַרויסגעהאָנגען די שוויגער, און פּלוצלינג וואָלט איך זי אויפֿגעהערט צו האַלטן... ניין, דאָס איז נישט קיין גוטער משל, ווארום זי וואָלט זיכער נישט אַראָפּגעפֿאַלן.

זינט פֿינפֿאונצוואָנציק יאָר חזרט ער איבער דעמזעלבן משל, מיט דיזעלבע ווערטער, אַרויסרופֿנדיק אַ גיפֿטיק געלעכטערל ביי זיינע תּלמידים. אפֿילו צווישן די לעטניקעס האָבן זיך געפֿונען אייניקע, וואָס האָבן אַזויאַרום זיך באַקענט מיטן גראַוויטאַציע-געזעץ.

דער צווייטער אויסדערוויילטער איז געווען אַן אַלטער דאָקטאָר, וואָס צוליב זיין געפֿינען זיך שטענדיק צווישן מאַמעס, מומעס און קליינע קינדער האָט ער זיך צוגעוויינט צו צערטלען יעטוועדער זאַך.

— אויב ריצינאייל — פֿלעגט ער זאָגן — וועט נישט העלפֿן צום מאָגנדל, וועט מען דאַרפֿן מאַכן אַ קאַנעלע.

הגם ער איז געווען אַ פּראָפֿעסאָר, האָט ער זיך צוגעפּאַסט צום אָרט רעדן און צום גייסטיקן ניוואָ פֿון זיין סביבה,

ער האָט, למשל, געריפֿן אַ פּריזירער „פֿיגאַראָ", אַ דאָרף־רעזי־דענצשטאָט, די פּאָסט — עקספּרעס.

אין דער סביבה פֿון דערדאָזיקער טריומפֿירנדיקער מיטל־מעסיקייט איז אַלציביאַדעס געווען דערטרעגלעכער. ער האָט גערופֿן זיין הונט טובי. כּדי ער זאָל קענען ציטירן פֿון האַמ־לעטן, אויב ער וועט אים האָבן בחינם גערופֿן: „To be or not to be" (זיין אָדער נישט זיין).

יוטאַ האָט אָנגעהויבן מיט אים פֿירן אַ קליינעם פֿלירט, אָבער אַז זי האָט באַמערקט, אַז דערדאָזיקער יונגערמאַן הייבט אָן ווערן צופֿיל ענערגיש, האָט זי זיך מיט אים אָנגעהויבן באַגיין שטרענג:

— גייט, איר קענט זיך נישט האַלטן אָנשטענדיק.

— איך גיי — האָט ער געענטפֿערט, — וואָרום כ'האָב דאָ אייגנטלעך גאָרנישט צו דערוואַרטן.

נישטגעקוקט אויף דידאָזיקע ברוגזן, האָט יוטאַ דאָך מסכּים געווען, אַז אַלציביאַדעס זאָל זי מיטנעמען אויף אַ וואויל־טעטיקייטס־ספּעקטאַקל, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן דורך אַ גרופּע לעטניקעס.

יענעם אָוונט האָט זיך פּאָל געלייגט פֿרי שלאָפֿן. צוועלף אַ זייגער האָט אַלציביאַדעס אָפּגעפֿירט יוטאַן אין האָטעל אַריין. אַריינקומענדיק אין צימער אַריין, האָט זי אומגערן איבערגע־וועקט פּאָלן. וועלנדיק אים דערפֿאַר פֿאַרגיטיקן, האָט זי אויס־טועענדיק זיך, דערציילט אים דעם אינהאַלט פֿון דער פּיעסע:

— דאָס איז אַ לעבנסגעשיכטע פֿון אַן אומשולדיק, בלאָנד־האָריק מיידל, אַ טאָכטער פֿון אַ דעמיסיאָנירטן גענעראַל, וואָס קומט אַריין פֿון צייט צו צייט אין אָפֿיצירן־קורהויז, כּדי צו געפֿינען עפּעס אַ פּאַסיקן שידוך פֿאַר זיין טאָכטער. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער וואָלט גערן געהאַט, אַז זיין צוקונפֿטיקער איידעם זאָל זיין אַ גראַף אָדער אַ מאַרקיז. ענדלעך שטעלט ער זיך צופֿרידן מיט אַן אָפֿיציר פֿון אַן אומבאַקאַנטער אָפּשטאַמונג, אַ טיפּש און דערצו אַ בעל־גאווה. כּדי צו הייבן דעם ווערט פֿון זיין טעכטערל... דו הערסט?

— יאָ.

- כּדי צו הייבן דעם ווערט פֿון זיין טעכטערל, פֿאַר־

בעט ער דעם אָפיציר צו שפּילן אַ שאַך, און זאָגט אים צו, אַז אין פאַל, ווען ער וועט געווינען די פּאַרטיע, וועט ער אים געבן אַ פּרעמיע זיין בת־יחידה. דער אָפיציר נעמט אָן דעם געוועט, און כאָטש ער איז נישט קיין גליקכין, מאַכט ער איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, אַז ער זאָל פאַרשפּילן. אין עטלעכע צוגן פאַרלירט ער אַכט אָדער ניין פיגורן. אָבער די נאַרישע מויד שפּילט נאָך ערגער פון אים. און, כאָטש דער אָפיציר האָט שטאַרק חשק געהאַט צו פאַרשפּילן, געווינט ער דאָך די פּאַרטיע, און ווערט פאַרפליכטעט, אין הסכם מיטן אָפּמאַך, חתונה צו האָבן מיט זיין פּאַרטנערין... דו שלאָפסט?

— ניין.

— ביסט בייז אויף מיר, וואָס איך בין געגאַנגען מיט אַלציביאַדעסן אין טעאַטער אַריין?

— ניין.

יוטאַ האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט.

— — — — — — — — — — — — —

ווען מענטשן וואָלטן פאַלן אין דעם נישט דערמאָנט, וואָלט ער שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז ער איז אַמאָל גע־ווען אַ ריכטער. ער איז אַזוי געווען אַריינגעטון אין זיין אַר־טיזם, אַז ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט אויף די וועלט געקומען אין אַ געצעלט פון אַ וואַנדערצירק. אָבער או־מעטום, וואו ער האָט זיך געפונען, פלעגט אים שטענדיק עמע־צער חניפהדיק דערמאָנען די געשיכטע פון באַרימטן פּראָצעס, און, זייענדיק איבערצייגט, אַז ער פאַרשאַפט פאַלן אַ נחת־רוח, האָט ער אים גענומען דערקלערן זיין מיינונג וועגן ריכטער פון דער לינקער זייט און וועגן ריכטער פון דער רעכטער זייט. פאַלן איז די זאַך געווען זייער אומאָנגענעם.

אַ מערקווירדיקע זאַך: ס'איז גרינגער צו באַמערקן אין מענטש טיפשות און פלאַכקייט, איידער אינטעליגענץ און אמתע ווערטן, דיאָגענעס' פילאָזאָפישע שיטה איז אין אַלגעמיין זייער ווייניק באַקאַנט, אָבער אין דער געשיכטע איז אַריבער דער וויץ מיט דער לאַמטערן. דעם גענעראַל קאַמבראָן דערמאָנט מען נישט צוליב זיין העלדישקייט, נאָר צוליב זיין געמיינעם זעלנערישן אַרט רעדן. און ווען מען רעדט וועגן אַבעלאַרדאַ,

האָט מען מער אין זינען זיין אימפּאָטענץ, ווי זיין טעאָלאָגיע־און וואָס שייך פּאָטן, האָט ער זיך דערעיקרשט באַרימט גע־מאַכט מיט זיין באַליידיקן די ריכטער אין אַ מאָמענט פון אויפרעגונג.

פּאָל האָט אָפּגעגעבן פיל מי דערויף, צו פאַרפולקומען כסדר זיין קונסט, אויסצוגעפינען יעדעס מאָל עפּעס אַ נייעם „טריק", צו פאַרגרעסערן זיין רעפּערטואַר, צו שאַפן פאַר זיך נייע אַקטאָרישע מאַסקעס. ער האָט דערגענצט זיינע אילוזיאָ־ניסטישע אַרויסטריטן מיט טעלעפּאַטישע עקספּערימענטן, אָבער אָנשטאָט אויסצופילן זיי מיט פּראָפעסאָרישער, פּסיידאָ־וויסנ־שאַפטלעכער ערנסטקייט, פלעגט ער זיך באַווייזן אויף דער אַרענע אין אַ פראַק מיט אַ זשעטאָן פון אַ נישטעקזיסטירנדיקן אוניווערזיטעט פאַר ספּיריטיסטן. שטייענדיק אויף דער גרענעץ צווישןווירקלעכקייט און שפּאַס, צווישן פענאָמען און פּאַראָ־דיע, האָט ער נישט פאַרגעסן, אַז די וויסנשאַפט איז אַ צו היי־ליקע זאַך, מען זאָל זי לעכערלעך מאַכן אויף די ברעטער פון אַ מוזיק־האָל. דאָך איז ער געווען איבערצייגט, אַז יעדעס וויסן איז צו וואַקלדיק, מען זאָל עס אָנרופן מיטן נאָמען „וויסנשאַפט". דערפאַר האָט ער געהאַלטן דאָס פּובליקום אין אומבאַוואוסטזיין, צי די פּאַקירישע קונצן שטיצן זיך אויף אָפּטי־שע פאַרבלענדענישן, אָדער גאָר אויף אַנעסטעזיע (פאַרטעמפּט־קייט פון די חושים); צי די באַהאַלטענע זאַך ווערט אויסגע־פינען מיט דער הילף פון אַ געהיימען „זעקסטן חוש", אָדער גאָר אַ דאַנק דער געשיקטקייט פון אַ באַהאַלטענעם געהילף.

— יעדנפאַלס דאַרף מען אויסקלערן עפּעס אַ נייע קונץ — האָט אין אַ געוויסן טאָג אַ זאָג געטון זעליגמאַן צו פּאָטן, ווען זיי האָבן זיך געפונען אויפן דעק פון דער שיף, וואָס האָט זיי געפירט קיין טוניס.

— ס'איז ביי מיר אין קאָפּ געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק— האָט פּאָל זיך אָפּגערופן.

— לאָמיך הערן.

— אונזערע ספּעקטאַקלען דויערן אויף יעדן אָרט דורכ־שניטלעך אַן ערך צוויי וואָכן; העכטנס אַ חודש. דעם לעצטן אָוונט פאַר אונזער אַוועקפאָרן וועל איך דערקלערן דעם פּובלי־

קום, אין וואָס עס באַשטייען די טריקן פון שוואַרצקינסטלעריי, היפּנאָטיזם, גלידערפאַרשטאַרונג, ספּיריטיזם, און אויף וויפל ס'איז מעגלעך — אויך דעם מעכאַניזם פון טעלעפּאַטיע. כ'האָב דעם איינדרוק, אַז אַלע שיכטן פון פּובליקום וועלן זיין צופרידן פון די דאָזיקע דערקלערונגען: די, וואָס באַציִען זיך צו מיר ערנסט, די, וואָס באַציִען זיך צו מיר מיט אומצוטרוי, און די, וואָס האָבן נישט קיין פעסטע מיינונג. און אַז כ'וועל אין יענעם לעצטן אָוונט אויסגעפינען נאָך אַ מיטל, כדי צו דערוועקן אין זיי אַ ספק, וועט דאָס נישט זיין קיין אומגעלומפּערטע דעמאַסקירונג, נאָר אַ נייע קאָמפּליקאַציע.

זעליגמאַן האָט מיט אַ פינגער געגלעט די ברעמען. דאָס איז געווען זיין געוויינלעכע באַוועגונג אין מאָמענטן פון פאַרטראַכטקייט.

ענדלעך האָט ער אַ זאָג געטון:

— דאָס איז אַ געדאַנק. מיר וועלן פּרוּוון.

— — — — — — — — — — — —

און זיי האָבן געפּרוּווט.

אין טוניס האָט דערדאָזיקער „לעצטער אָוונט" געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג.

אין דער צייט פון דער פאָרשטעלונג האָט זיך איינער אויפגעשטעלט, איז אַרויס פון דער לאָזשע, מיט ברייטע טריט האָט ער זיך דערנענטערט צו דער אַרענע און אַ געשריי געטון פּאַטן גלייך אין פּנים אַריין:

— גענוג!

פּאַל האָט געוואָרפן אויף אים אַ קאַלטן, דורכדרינגלעכן בליק און געוואַרט אויף ווייטערע דערקלערונגען.

אין אַ דיאַלעקט, וואָס איז געווען אַ געמיש פון פראַנצייזיש, שפּאַניש און דייטש, האָט דערדאָזיקער מענטש דערציילט, אַז ער איז פּראָפעסאָר באַרטעלעמסקי, אַן אילוזיאָניסט, און אַלס אַזעלכער פּראָטעסטירט ער קעגן דעם אופן פון באַווייזן קונצן דורך פּאַל פּאָטן, ווייל מיט זייער דעמאַסקירונג מאַכט ער אַ סוף צום דאָזיקן פאַך.

— אָבער דאָס זענען גאָרנישט קיין קונצן — האָט פּאָל געענטפערט, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון אים זיין שאַרפן, קאַלטן

בליק. דער פּראָפעסאָר איז פאַרשטײַפט געוואָרן, איז געבליבן שטיין אָן באַוועגונג. דער פּאַרטיער האָט אים אונטערגערוקט אַ שטול. באַרטעלעמסקי האָט באַקומען אַ גלידערפאַרשטייפונג.

— טראָגט אים אַרײַן אין מײַן גאַרדעראָב — האָט פּאָל באַפוילן דער דינערשאַפט אונטער הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז זעליגמאַן צוגעקומען צו פּאָלן און אים געפרעגט:

— וואוהין פאָרן מיר איצט? כ'האָב צוויי אָפּפּערטן: איינע פון שפּאַניע, די צווייטע פון נאָרוועגיע.

פּאָל האָט ליב געהאַט דעם דרום, וואו די לײַדנשאַפטן זענען שטאַרקער, וואו אין יעדער שטוב הענגט אין אַ ווינקל אַ הייליק בילד, וואו אויף די באַלקאָנען בליען געראַניען און אין די האָר פון די מיידלעך — רויטע נעלקן. נאָר יוטאַ האָט אויסגעדריקט איר ווונש:

— לאָמיר פאָרן אויף צפון! איך האָב ליב די לענדער, וואו די מענטשן פאַרשטיקן זייער געפילן, וואו אין די קאַפּעען זשעסטיקולירט נישט קיינער און וואו די פרויען טראָגן שיך מיט גומענע זויל. און וואָס עס איז דאָס וויכטיקסטע — וואו די מענטשן שוויצן נישט.

אויפן אַנדערן טאָג זענען זיי אָפּגעפאָרן קיין אָסלאָ.

זיי זענען פאַרבײַגעפאָרן פּאַריז, און פּאָל האָט דאָרט באַזוכט זײַן בלינדן פרײַנט שמואל לעווי, וואָס האָט נאָך אַלץ געוואוינט אין דער אומעטיקער און פינסטערער דירה, וואָרום פאַר אים איז שטענדיק געווען טאָג. יעדן אָוונט פלעגט דער בלינדער גיין און דער סינאַגאָגע אַרײַן, הגם ער האָט נישט געגלייבט אין גאָט.

— איך האָב נישט קיין קינדער — פלעגט ער זאָגן — און נישט קיין פרײַנט; איך בין איינזאַם. און אַזוי ווי כ'זע גאָרנישט פאַר זיך, קוק איך זיך אום הינטער זיך און באַגער צו לעבן אין גײַסטיקן בונד מיט מײַנע אבות.

יוטאַ האָט זיך איצט אָוועקגעזעצט בײַם קערעווערעדל פון אַמעריקאַנישן אויטאָ און מיט אַ שווינדלדיקער שנעלקייט האָט זי הינטער זיך געלאָזן די צוויי צענדליק קילאָמעטער,

וואָס פירן קיין ווערסאַל. אינאָוונט איז זי אַוועק אין צירק און זיך אַוועקגעזעצט צווישן פּובליקום.

פאַל איז אויך אַוועק צו זיך אַהיים, האָט איבערגעלופּטערט די אומבאַוואוינטע צימערן. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרברענגען די נאַכט אין דער דירה, וואָס האָט אים נישט דערמאָנט קיין שום אומאָנגענעמע איבערלעבונג. ער איז לאַנג געשטאַנען ביים פענסטער. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די זומערנעכט פון זיין קינדהייט, ווען ער פלעגט ליב האָבן אַזוי צו שטיין און באַטראַכטן די גליווערעמלעך. דורך אַסאָציאַציע איז אים געקומען אויפן געדאַנק דאָס קליינע, געלהאָריקע מיידל פון האָוור, דעם כירורגס טעכטערל, וואָס פלעגט אויך שטיין ביינאַכט ביים פענסטער, אויסקוקנדיק אַן אַראָפּפאַלנדיקן שטערן.

ער האָט אין געדאַנק געשיקט אַ גרוס דעם אָרעמען יינגל פון בוידעמשטיבל און דער שיינער שכנטע פון פּאַרטער, וואָס האָט געוואַשן די פּאַדלאָגע אין גומענע הענטשקעס, אַזעלכע וואָס אַ כירורג טוט אָן בעת אַן אָפּעראַציע.

איצט האָט ער זיך אַליין געפרעגט, פאַרוואָס אייגנטלעך האָט ער באַשלאָסן צו פאַרברענגען אַליין די היינטיקע נאַכט. מעגלעך, כדי איבערצוצייגן זיך, צי ער קען איבערטראָגן איינזאַמקייט.

אויפצומאָרגנס האָבן זיי זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין.

אין נאָרוועגיע איז פאַל אויפגעטרעטן מיט גרויסן דערפאָלג אין משך פון גאַנצע ביינאַונצוואָנציק אָוונטן. אָבער פאַרדאָס אויפן דרייסיקסטן טאָג, ווען ער האָט געמאָלדן, אַז ער איז גרייט אויפצודעקן די געהיימנישן פון זיין פאַך, איז דאָס טעאַטער געווען כמעט ליידיק.

דעם נאָרוועגישן עולם איז לייכטער צוצוציען מיט אַ געהיימניש, איידער מיט אַן עקספּערימענט. דאָסדאָזיקע פאָלק איז מער געניייגט צו גלייבן אין דער לעגענדע, איידער אין געשיכטע, און האָט אַפילו ליבער אויגנפאַרבלענדעניש, ווי אויפקלערונג.

פאַל, דאַקעגן, מיט זיין דרום-טעמפּעראַמענט, וואָלט אַוועק-

געגעבן די גאַנצע סקאַנדינאַווישע מיטאָלאָגיע פאַר גאַריבאַלדיס אַ פּאָרטרעט, און די גאַנצע מאַגיע פון די כאַלדעישע פּריסטער פאַר אַ באַשיידענע כעמישע רעאַקציע אינם פּרוווערל פון אַ פּאַר־מאַצעווט.

— — — — — — — — — — — — —

— וואָס אייגנטלעך וויל ער? — האָט געפרעגט פּאָל, ווען יוטאַ האָט אים דערלאַנגט אַ בריוו.

זי האָט אָנגעהויבן לייענען און פּאַרטייטשן:

— „געערטער הער...״

— גיב מיר איבער בקיצור.

— אָט דער בריוו — האָט יוטאַ אים דערקלערט — איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון אַ באַוואוסטער בערלינער פירמע, וואָס לייגט אונז בײדע פאָר צוצוטרעטן צום פּראָדוצירן אַ פילם. זיי האָבן זיך דאָרט דערוואוסט, אַז אין דריי טעג אַרום וועלן מיר זיין אין בערלין. מ׳וועט דאַרפן גלייך צוטרעטן צו דער אַרבעט און פאַרענדיקן די אויפנאַמען פאַרן פילם העכסטנס אין אַ חודש אַרום, וואָרום זייער „סטאַר״ פּאַסקאַל פאָרט אין זעקס וואָכן אַרום קיין אַמעריקע. דער סצענאַר איז געוואָרן אָנגעשריבן ספּעציעל פאַר אונז. די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ צירק. די הויפּטראָלן: אַ רייטערין, אַ קלאָון און אַ גוואַרדיע־אָפיציר, וועלכן ס׳וועט שפּילן פּאַסקאַל. ווילסטו אָננעמען דעם־דאָזיקן פאָרשלאַג?

— און דו?

— איך האָב בדעה איינצוגיין אויף אים.

און זי האָט גלייך אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער און אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַם קיין בערלין.

מיט דריי טעג שפּעטער איז פּאָל אַרויסגעטרעטן אין אַ בערלינער וואַריעטע. דעמזעלבן אָוונט האָט ער אונטערגע־שריבן אַן אָפּמאַך, און צומאָרגנס האָט מען אין אַטעליע פון דער פילם־געזעלשאַפט אָנגעהויבן מאַכן די פּאָרברייטונגען צו אַ קלאַנגפילם אונטערן טיטל „דער קלאָון״.

ווען יוטאַ האָט זיך צום ערשטן מאָל אַרויפגעזעצט אויפן פערד און אָנגעהויבן אַרומרייטן אויף דער קינסטלעכער אַרענע,

האָבן זיך איר טרערן געשטעלט אין די אויגן. ס׳האָבן אין איר דערוואַכט די זכרונות פון אירע קינדעריאָרן.

דאָס ליכט פון די יופּיטערן שטעכט אַזוי אין די אויגן — האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר איר פּאַרטנער, דעם „סטאַר” פּאַסקאַל, וואָס לויטן כאַראַקטער פון זיין ראָל איז ער געווען אָנגעטון אין אַן עלעגאַנטן מונדיר פון די אַמאָליקע פּרייסישע גרענאַדירן.

מיט אַ גאַלאַנטן, אַלטפרענקישן זשעסט האָט איר פּאַסקאַל דערלאַנגט אַ טיכעלע.

יוטאַ האָט זיך שטאָלץ געגעבן אַ גלייך-אויס אויפן בול-גאַרישן, מיט איידלשטיינער באַזעצטן זאָטל, וואָס זי האָט גע-האַט באַקומען אַלס מתנה פונם טערק אין סטאַמבול.

דאָס פילמען האָט זיך אָנגעהויבן אין דער העלפט פון חודש נאָוועמבער, און אין אַ חודש אַרום איז דער פילם שוין געווען פאַרטיק. דער רעש און די ליכט-פאַרפלייצונג אין דער אַטע-יע האָבן יוטאַן און פּאָלן מיד געמאַכט; באַזונדערס האָט פּאָל געאַרבעט מיט גרויסער אָנשטרענגונג, ווייל נאָכן ענדיקן די אויפנאַמען, האָט ער נאָך געמוזט אַרויסטרעטן אין וואַריעטע, אַ צעטומלטער פון די געשרייען פון די מעגאַפאָנען, פאַרבלענדט פון די קינסטלעכע זונען. אָבער יוטאַ האָט נאָך געהאַט צייט און חשק צו נעמען לעקציעס פון ריטמישער גימנאַסטיק און צו באַזוכן די קאָסמעטישע אַנשטאַלטן.

יוטאַ איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג שענער און יונגער.

אַזוי, צום ווייניקסטן, איז געווען איבערצייגט אין דעם אַקטיאָר פּאַסקאַל.

— איר זענט די אינטערעסאַנטסטע פרוי, וואָס איך האָב ווען-ס׳איז באַגעגנט אין אייראָפּע.

און באַלד האָט ער געפרעגט:

— האָט איר ליב אייער מאַן?

— ער איז נישט מיין מאַן.

— אין אייניקע וואָכן אַרום זעץ איך זיך אויף אין ברעמען אויף אַ שיף. זענט איר שוין אַמאָל געווען אין אַמע-ריקע?

— כ׳בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אין אמעריקע.

דער אַקטיאָר האָט זי אָנגעקוקט לאַנג און מיט אַנטציקונג, און זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, ווי ער וואָלט זיך אָנגעהויבן לערנען אַ נייע ראָל. ער האָט שטיל געזאָגט:

— כ׳וואָלט וועלן מיטנעמען מיט זיך קיין אַמעריקאַ אַ ליבן אָנדענק פון אייך. איר געפעלט מיר.

יוטאַ האָט נישט אָוועקגענומען איר בליק פון זיינעם, נאָר האָט שטיל געשאָקלט מיט איר בלאָנד קעפּל אויף ניין.

קאַפּיטל 8

איינמאָל אין אַ דעצעמבער-אָוונט, ווען די נאַטור האָט זיך שוין אָנגעהויבן יום-טובדיק אויספּוצן צו די ווייַנאַכטן, האָט יוטאַ אויסגעזען אומעטיקער, ווי געוויינלעך. די בלענדנ-דיקע יופּיטער-רעפלעקטאָרן אין דער אַטעליע האָבן זי שטאַרק פאַרמאַטערט, אירע קאַרקבּרעכערישע קונצן אויפן פערד האָבן זי אָנגעפּילט מיט אַ מרה-שחורה. זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים; פאַרטון אין אירע רעיונות, האָט זי אייַנגעריבן איר צעגליטע הויט מיט עטלעכע טראָפּנס יאַסמין-פּערפום. פאָר האָט שטום אויף איר געקוקט. זי האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך געפו-נען אין אַן אַנדערער וועלט. ענדלעך האָט זי זיך אָפּגערופן:

— כ'האָב נישט קיין חשק צו רעדן. אַ ביסל צוליב דעם, וואָס כ'בין פאַרמאַטערט, און אַ ביסל צוליב דעם, וואָס מיר האָבן כמעט נישט איינער דעם אַנדערן וואָס צו זאָגן. מירביידע רעדן אויף איין לשון, מיר באַנוצן זיך מיט גלייַכע אויסדריקן און מיט דיזעלבע פאַרגלייַכן; מיר פילן און טראַכטן אויף איינ-אונדעמזעלבן אופן. נאָך איידער דו זאָגסט מיר עפּעס, ווייס איך שוין, וואָס דו ווילסט זאָגן, און מייַן ענטפער ווייזט זיך מיר אויס איבעריק, ווייל כ'בין איבערצייגט דערין, אַז אויך דו ווייסט פאָרויס, וואָס איך וועל דיר זאָגן. נאָך צוויי יאָר לעבן צוזאַמען דערפירט דער קעגנזייטיקער געדאַנקענאויסטויש צו אַזאַ צושטאַנד פון גלייַכגעוויכט, וואָס רופט זיך...

— ... האַרמאָניע.

— ניין, מאָנאָטאָניע. איך פיל, אַז כ'מוז זיך מיט דיר צעשיידן.

פּאָלס געזיכט האָט אויסגעדריקט שטאַרקע פאַרוואונדערונג:

— ווילסט זיך צעשיידן? איך זע נישט דערפאַר קיין שום שטערונג, מיין קינד! כ'בין גרייט צו באַגלייטן דיך צו דער טיר און צו געזעגענען זיך מיט דיר, נישט פאַרקלאַפּנדיק די טיר.

יוטאַ האָט געוואָרפן אויף אים אַ שאַרפן בליק און ווייטער גערעדט:

— מ'זאָגט, אַז ווען מ'שפּאַנט איין אַ צירק־פערד אין אַ וואָגן, הייבט עס ווידער אָן צו טאַנצן, ווי נאָר ער דערהערט אַ מאַרש פון אַן אָרקעסטער. אויך איך ווייז זיך מיר אַליין אויס, ווי אָט אַזאַ פערד. שוין צוויי יאָר, ווי איך פאַרנאַכלעסיק דעם צירק. נעבן דיר האָב איך פאַרלוירן מיין אייגענעם איך. האָסט דערשטיקט מיינע פעיקייטן, דערפאַר וואָס דו ביסט שטאַרקער פון מיר. ווען אַן אַלטער און אַ קינד שלאָפן אין איין צימער, ווערט דאָס קינד פאַרצעטערט, און דער אַלטער ווערט אָנגעזאַפּט מיט יוגנטפרישקייט.

פּאָל האָט זיך באַמיט צו שפּאַסן:

— כ'האָב וועגן דעם נישט געוואוסט. פאַרוואָס האָט קיינער נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז מ'זאָל אויסנוצן דידאַזיקע באַטורדערשיינונג? מ'קען דאָך אויף אַזאַ אופן דערפירן דערצו, אַז שפּעט זיך אַנטוויקלענדיקע קינדער זאָלן גיכער אָנהייבן וואַקסן, און אַלטע לייט זאָלן אָנהייבן זיך פאַריונגערן. ביי אַ ראַציאָנעלער פאַרטיילונג פון בשותּפותדיקע געלעגערס וואָלט...

יוטאַ האָט נישט קיין שמייכל געטון; זי האָט פאַרגעזעצט:

— איך מוז צוריק באַקומען מיין אייגענעם איך, וואָס איך האָב פאַרלוירן אין דאָזיקן אַנאָנימען אַרומשלעפּן זיך פון טעאַטער צו טעאַטער אין שאָטן פון דיין רום. און וואָס וועט זיין, אַז כ'וועל אַוועקגיין? אַז כ'וועל דיך פאַרלאָזן?

פּאָל האָט געענטפערט גלייכגילטיק:

— די ערד וועט זיך זיכער צוליב דעם נישט אויפהערן צו דרייען אַרום איר אַקס.

— ווערסט דערפון גאָרנישט ליידן?

פּאָל האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט:

— ניין. נישט איינמאָל האָב איך מיר געשטעלט די פראַגע, צי איך ליב דיך נאָך.

— דאָס איז נאָכנישט קיין באַווייז.

— פאַר מיר איז עס דווקא אַ באַווייז. ווען עס הייבט זיך איינעם אָן דאַכטן, אַז ער ווערט גלייכגילטיק צו זיין געליבטע, דאַרף ער זיך דעמאָלט שטעלן די פראַגע: וואָס וואָלט איך געפילט, ווען זי שטאַרבט? אָדער, וואָס עס איז נאָך ערגער, ווען זי וואָלט מיך פאַרלאָזט? אָדער, וואָס עס איז נאָך פיל ערגער, ווען זי וואָלט מיך פאַרראַטן? און איך האָב מיר געענטפערט: כ׳וואָלט אַ שמייכל געטון

— ביסט זיכער אין דעם?

— יאָ — האָט ער געזאָגט, מער צו זיך, ווי צו יוטאַן. — ליבע איז אַ האַלוצינאַציע, וואָס שטיצט זיך אויף קענגזייטיקער סוגעסטיע, אָבער כּדי דידאָזיקע דערשיינונג זאָל זיך האַלטן, טאָר זי דורך קיין שום זאַך נישט געשטערט ווערן. וויבאַלד צווישן אַ מאַן און אַ פרוי אַנטשטייט אַ געוויסע דיפערענצירונג פון די לעבנסקרעפטן, וועלכע שאַפט די ליבע, איז שוין גענוג די מינדסטע שטערונג, זי זאָל צוריק פאַרשווינדן. ליבע באַשטייט פון אַ סך קליינע, אומבאַמערקבאַרע עלעמענטן, וואָס ציטערן־אויף און פאַרפליסן, ווי לייכטע, שוימיקע פּאַ־ריעס. אָט די קליינע, אומבאַמערקבאַרע עלעמענטן זענען דאָס די קליינע נאַרישקייטן, וואָס מ׳טוט, מ׳רעדט און מ׳טראַכט, די גראָטעסקע צערטלעכקייטן, וואָס מיט זיי באַשענקען זיך קעגנזייטיק די פאַרליבטע, דער וואַרעמער זשעסט, וואָס עס מאַכט די פרוי, בעת זי גלייכט אויס דעם קראַוואַט פון מאַן, אָדער די וואַרעמע באַוועגונג, וואָס עס מאַכט דער מאַן, בעת ער קניט אַנידער, כּדי צו קושן ס׳פּיסל פון דער געליבטער פרוי. די קאָנדענסאַטאָרן, וואָס רעגולירן דעם דורכפלוס פון דידאָזיקע שטראָמען, זענען אומגעהייער דעליקאַט. ס׳איז גענוג

די קלענסטע ענדערונג, אַז עס זאָל גלייך עפּעס קאַליע ווערן סיי אין איבערשיקונגסאַפּאַראַט, סיי אין אויפנעמאַפּאַראַט. פּונקט ווי ביים אויסשטעלן אַ פּיראַמידע פון גלעזלעך, איז געגנוג דער מינדסטער אָפּנייג — נישט מער, ווי אויף איין אָטעם — אַז די פּיראַמידע זאָל זיך אינגאַנצן צעפאַלן. דע־מאָלט ווערן די באַצויבערנדיקע, ליבלעכע נאַרישקייטן פלוצלינג פאַרוואַנדלט אין עקלהאַפטיקע, אומגעלומפּערטע אידיאָטיזמען, די צערטלעכע ווערטער ווייזן זיך אויס לעכערלעך און קינ־דיש. פון מעמע ווערט צוריק מאַדעליין, פון דזשופּי ווערט צוריק דזשוזעפּע, דער מאַן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גולם, וואָס קען זיך אַפילו נישט דעם קראַוואַט רעכט אויסבינדן, דאָס קליינע מיידעלע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פרוי פון דער ווירקלעכקייט, און די זיסע פיסלעך, די קליינע באַצויבערנדיקע פיסלעך, ווערן צוריק געוויינלעכע, אַלטעגלעכע פיס. אינם קאָנפליקט צווישן דער ליבע און דער געוויינהייט, איז די לי־בע תמיד דער באַזיגטער צד. קערפּערלעכע איבערזעטיקונג איז דער גרעסטער פיינט פון ליבע. דער אונטערשיד פון די לעבנס־קרעפטן הערט־אויף — און אויף זיין אָרט קומט דער קעגנזיי־טיקער אויסגלייך.

— און צו וואָס פאַרוואָס אויספיר האָט דיך דערפירט דיין עלעקטראָטעכנישע פּסיכאָלאָגיע?

— אויב דו ווילסט — צום אויספיר, אַז עס וואָלט זייער גלייך געווען זיך צוצעשיידן אויף אַ געוויסע צייט.

— אויף אַ געוויסע צייט? ניין, מיין טייערער! כ'דאַנק דיר דערפאַר! — האָט יוטאַ ענערגיש געענטפערט.—מיין ליבע דאַרף נישט האָבן קיין אורלויב. אויב צעשיידן זיך—איז אויף אייביק.

— מיר קענען דאָך בלייבן פריינט.

— אַפילו דאָס אויך נישט. ווען אַ פרוי, וואָס פאַרלאָזט דיך, זאָגט דיר: מיר ליבן זיך שוין נישט מער, אָבער לאָמיר בלייבן פריינט, באַטייט דאָס נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַן אומגעלומפּערטער אויסרייד, צו דערהאַלטן אויף ווייטער די פריערדיקע באַציאונגען. אויב מיר וועלן זיך צעשיידן, וועלן מיר זיך צעשיידן אויף אייביק. איבעריקנס, האַלט שוין אינ־

דעראמתן אונזער ליבעביים סוף, נאָכדעם ווי זי האָט שוין אדורכגעמאַכט אַלע פאַזן: אַנטשטייאונג, צעבליִאונג, אָראַפּני-דערונג, און לסוף — דערשעפּונג. מיר קענען זיך פאַנאַנדער-גיין אָן באַדויערונג. זעלטן נאָר טרעפט זיך אַזאַ שלימותדיקע ליבע, ווי אונזערע.

פּאָל האָט נישט אָפּגעענטפערט. דער זייגער האָט גע-וויזן האַלב ניין. אין דערזעלבער רגע האָט דער פּאָרטיער געמאָלדן, אַז דער אויטאָ וואַרט פאַרן טויער.

— — — — — — — — — — — — —

ווען פּאָל האָט זיך אין האַלבער נאַכט נאָך דער פאָר-שטעלונג אומגעקערט אין האָטעל אַריין, האָט ער דערזען, אַז יוטאַס ביידע וואַליזן זענען שוין פאַרפּאַקט. האָט ער דערפילט אַ ביסל שרעק.

— דו האָסט נישט פאַרלוירן קיין צייט — האָט ער צו איר געזאָגט.

— איך פאָר אַוועק מאָרגן אינדערפרי — האָט זי אים געענטפערט.

— וואָלסט נאָך געקענט אַ ביסל צוּוואַרטן.

— כ'האָב נישט נייטיק אָפּצולייגן.

דער קעלנער האָט אָנגעקלאַפּט און געפרעגט פּאָלן, צי ער וועט עסן אָוונטברויט. ווי שטענדיק, אין נומער? פּאָל האָט אָנגעוויזן מיטן פּאַפּיראָס אויף אַ צוויי-דריי שפּייזן אין דער שפּייזקאַרטע, נישט אַרויסרעדנדיק דערביי קיין וואָרט.

דער קעלנער האָט אַוועקגעלייגט די קאַרטע פאַר יוטאַן. זיצנדיק איבערגעבויגן איבער אַ הוטשאַכטל, האָט זי זיך אָפּ-גערופן, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ:

— איך פאַרלאַנג דיזעלבע שפּייז, וואָס דער הער.

ווען זיי זענען געבליבן אַליין, האָט פּאָל אָנגעהויבן:

— הער מיך אויס, יוטאַ. מיר געהערן נישט צו יענעם מין פאַרליבטע, וואָס צעשיידן זיך מיט טרערן, דראָונגען און קללות. דער סוף פון אונזער ליבע מוז געהאַלטן ווערן אין דעמזעלבן סטיל, וואָס איר אָנהייב. כ'וואָלט פון דיר געבעטן אַ טובה.

יוטאַ האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט און זיך צוגעדעקט איבער די קני מיט אַ בערנפעל:

— רעד.

— דיר איז דאָך באַוואוסט — האָט ער אָנגעהויבן — אַז מיין גאַנץ לעבן האָב איך זיך אָפּגעגעבן איין ליידנשאַפט: צו דערפאָרשן דעם אמת, אַלציינס, אַ רעלאַטיוון, אָדער אַן אַבסאָלוטן. איך האָב נאָר איין באַגער: צו וויסן. יעדעס מאָל, ווען כ'האָב באַגעגנט אַן אינטעליגענטן מעדיקער, אַן אינטעליגענטן אַרכיטעקט, אָדער גאָר אַן אינטעליגענטן מאַטראָז, האָב איך זיך געצווּמען אויספרעגן וועגן מעדיצין, אַרכיטעקטור, שיפערייַ. און דאָס קליינע ביסל וויסן, וואָס איך באַזיץ, איז, ווי איך בין איבערצייגט, נישט קיין געפּעלשטע, ווייל איך האָב עס געשעפּט ביים קוואַל. אָבער מחוץ דעמדאָזיקן שמאָלן קרייז, שפּרייט זיך אויס אַ טיפער תהום, וואָס כ'וואָלט גערן געוואָלט אויספּילן: דאָס איז דאָס פּראָבלעם פון ליבע. איך וויים גאָרנישט וועגן ליבע. כ'בין זייער ווייניק באַקאַנט מיטן מהות פון דער פרוי. קנאה, אומטרייַשאַפט, פאַרראַט — דאָס זענען פאַר מיר בלויז פוסטע ווערטער, וואָס איך חזר איבער, ווייל אַזוי טוט די גאַנצע וועלט. זעט אויס, אַז אַנדערע מענער באַנוגענען זיך מיט דעם ביסל, וואָס זיי ווייסן, ווי זיי דאַכט זיך, וועגן דער פרוי. פאַר זיי איז אַ פרוי דאָס, וואָס זיי שטעלן זיך פאָר אין דער פאַנטאַזיע. איך אָבער וויל גערן וויסן, וואָס זי איז אַזוינס אין דער ווירקלעכקייט. היינט, ביים סוף פון אונזער ליבע, פאַרהאַלט איך זיך, ווי אַ פיזיאָלאָג, וואָס ווערט פאַרצערט פונם באַגער אויסצופרעגן אַ נישטלאַנג פאַרשטאָרבענעם וועגן פיזיש-כעמישן פּראָצעס פון שטאַרבן. איך וויל פון דיר זיך דערוויסן עפּעס נייעס וועגן ליבע.

כדי אויסצופאָרשן דעם נייגיר פון פובליקום און גלייכצייטיק אים צו באַפרידיקן, האָב איך אויסגעטראַכט דאָס אָרגאַנזירן אַ „לעצטן אָוונט". נאָך ניינאונצוואָנציק אָוונטן פון אילוזיע האָב איך באַשטימט אַ דרייסיקסטן אָוונט, אַן אָוונט פון דיסאילוזיע. אין איינעם לענדער האָט זיך דערדאָזיקער עקספּערימענט איינגעגעבן, אין אַנדערע לענדער איז ער אַדורכגעפאַלן. אין די לענדער פון צפון פאַרלאַנגט קיינער נישט קיין

אויפקלערונגען; אין שוועדן, שאָטלאַנד, דייטשלאַנד, אין די לענדער פון שטענדיקן נעפּל, — זענען אין לעצטן אָוונט די טעאַטערן געווען כּמעט ליידיק. אין איטאַליע, דאָקעגן, אין די לענדער, וואָס זענען פאַרפלייצט מיט זון, זענען אויפן לעצטן אָוונט פאַרקויפט געוואָרן אַלע בילעטן ביז איינער. ליכט, דאָס איז דער פיינט פון מיטן, מיסטעריעזן, לעגענדן. די זון פאַר־טרייבט די געשפּענסטער. און איך, טייער קינד, פאַרמאָג אין זיך דעם טעמפּעראַמענט פון דרום: איך וויל וויסן; איך וויל ביז אין דער טיפסטער טיפעניש באַגרייפן דעם סוד פון ליבע. און דעמדאָזיקן סוד וועט מיר קיינער בעסער נישט אַנטפּלעקן, איידער דו. אין משך פון צוויי יאָר האָסטו אויפגעהאַלטן אין מיר די אילוזיע פון ליבע און איבערגעגעבנהייט. דיין טורנע אין מיין האַרץ איז געווען אַן אומאויפהערלעכער טריאומף־מאַרש, רעדנדיק מיטן לשון פון די אַפישן. היינט איז דער „לעצטער אָוונט" פון דיין טורנע. דער דרייסיקסטער אָוונט. קלער מיך אויף וועגן דעם כאַראַקטער פון דיינע קונצן.

יוטאַ האָט אַרויפגעצויגן דעם בערנפּעל ביז איבערן האַלדז און זיך פאַרדעקט דאָס געזיכט.

פּאָל האָט נאָך צוגעגעבן:

— דאַרפסט נעמען אין אַכט, אַז מיר האָבן זיך נישט באַקענט אין אַ דאַנסינג, אויך נישט אין טראַמוואַי, נאָר אין אוניווערזיטעט.

יוטאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פאַרדייגנדיק אַ פּוס אויף אַ פּוס:

—איך זאָל מיט דיר רעדן וועגן ליבע? וואָס קען איך דיר זאָגן? מיר זענען דאָך ווי די שטויבעלעך, וואָס ווערן געטראָגן אינדערלופטן, אָן אַן אייגענעם ווילן, אָן אַ ציל, אָנ־שטויסנדיק זיך איינער אָן אַנדערן. ווען מיר פאַלן אַרויף איינער אויפן צווייטן, פאַרהאַלטן מיר זיך, גיסן מיר זיך צו־נויף, אָדער גייען זיך פאַנאַנדער, היטן מיר זיך קעגנזייטיק פון שלעכטס, אָדער פאַרניכטן זיך קעגנזייטיק. אַלץ איז אַ רגע, אַ צופאַל, אַ פאַרגענגלעכקייט. ווען מיר רעדן וועגן ליבע, מיי־נען מיר עפּעס אַ באַשטימטע ליבעסגעשיכטע, וואָס האָט נישט קיין שום באַדייטונג אין אוניווערז. די ליבעס־אַפּערעס פון די

מענער, זייערע גאָרנישט באַדייטנדיקע טראַגעדיעס; די פרויען, וואָס פארראַטן, גייען אַוועק און קומען ווידער צוריק; די מיידלעך, וואָס שטאַרבן מיט אַ צעבראָכן האַרץ, — דאָס אַלץ אינטערעסירט מיך נישט אויף אַ האָר. אָפּנאַרעריי, אומאַנטשלאָסנהייט, קליינע געמיינהייטן. אומטריישאַפט, אומפּרוכטבאַרע פּאָרלעך און די פּרוכט פון דער ליבע, — דאָס אַלץ גיסט זיך צונויף האַרמאָניש אין וועלטאַל. אַ בליענדיקע שטויבעלע, וואָס קלעבט זיך צו צום פיסעלע פון דער בין, און ווערט אַזויאַרום געבראַכט צו באַפרוכטיקן דעם קנאָספּ פון אַ צווייטער בלום, האָט פּונקט דיזעלבע באַדייטונג, וואָס די ליבע פון אַרמאַנדאָ דיוואַל און די קאַמעליענדאַמע. די באַפרוכטיקונג, וואָס ווערט אויסגעפירט אָדער נישט, די עלטערן, וואָס קריגן זיך אָדער לעבן צווישן זיך בשלום, דער מאַן, וואָס פירט אַ לינקע ליבע, דער ווייַ פון ווינט, צי ער איז לייכט — און דערפאַר גינסטיק פאַר דער באַפרוכטיקונג פון געוויקס, אָדער ער איז צו שטאַרק — און ווערט אַ שטערונג צו דער באַפרוכטיקונג, — אָט דאָס אַלץ איז נישט מער, ווי אַ בלויזער צופאַל. ס׳לעבן איז אַ קאָרטנשפּילער, וואָס האַלט אין איין טאַסירן די קאָרטן. און אויך איך האָב זיך אויסגעלערנט דידאָזיקע שפּיל: איך טאַסיר די קאָרטן.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?

— ווען אַ שפּיל הייבט אָן צו ווערן לאַנגווייליק, איז דערויף פאַראַן אַן עצה, אָדער אַוועקזעצן זיך אויף אַן אַנדער אָרט, אָדער מאַכן אַ הפסקה אויף אַ האַלבער שעה, אָדער לענגער מישן די קאָרטן, כדי די שפּיל זאָל ווערן אינטערעסאַנטער. איך האָב צוויי יאָר זיך געלאַנגווייליקט אין צירק. ס׳לעבן איז געוואָרן צו מאָנאָטאָן. שטענדיק דיזעלבע שפּיל. דעמאָלט בין איך געוואָרן דיין געליבטע.

— האָסטו מיך געליבט?

— מעגלעך, אַז נישט.

— צי האָסטו פאַר מיינעטוועגן אַוועקגעוואָרפן דעם צירק?

— פאַר דיינעטוועגן? אַזוי רעדסטו דיר איין,

יוטאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט און צוגעגאַנגען

אידישער צענטער
ביבליאטעק

צום פענסטער. אויף די פייכטע שויבן האָט זיך צעצויגן אַ ציי־כענונג פון אייז, וואָס האָט אויסגעזען, ווי ברייטפּאַנדער־געצווייגט פאַרנקרויט. זי האָט אַרויפגעהויכט אויף דער שויב און פאַרווישט מיט איר טיכעלע.

— מיר רעדן וועגן ליבע — האָט זי געזאָגט, אַרויסקוקנ־דיק אין דרויסן — און אַנדערע ליבן זיך דורך דער צייט. קום אַהער, וועסטו זען די פאַרליבטע פּאָרלעך, וואָס שפּאַצירן בײנאַכט פעסט צוגעטוליעט צו זיך. און די אַלע פּאָרלעך זענען נישט מער, ווי יענע בלומענשטויבעלעך, וואָס ווערן געטראָגן מיטן ווינד. ס'איז נישטאָ קיין מער מיאוסע זאַך, ווי פירן אַ געשפּרעך וועגן ליבע.

פּאָל פּאָט האָט זיך אָפּגערופן:

— אויב דו ביסט מסכּים מיר צו דערקלערן דידאָזיקע טיפע מיסטעריע, רעד זשע שוין אַלץ ביזן סוף. אַלזוי זאָגסטו, אַז נישט פאַר מיינעטוועגן האָסטו אַוועקגעוואָרפן דעם צירק?

— איך האָב דיך נאָר געזאָגט אין דעם גלייבן.

פּאָל האָט נישט געענטפערט. יוטאַ איז אַזוי ווייטער געשטאַנען מיטן פּנים געווענדט צו דער גאַס, ווי אַ קליין איינגעקשנט קינד, וואָס וויל אַפילו נישט אָפּלייקענען דעם פאָרוואורף וועגן עקשנות. פּלוצלינג האָט זי זיך געגעבן אַ דריי־אויס און געפרעגט:

— פּאָל, וויפל האָבן מיר זיך געקענט איידער איך האָב פאַרלאָזט דעם צירק?

— דריי חדשים.

— און פאַרוואָס בין איך גלייך נישט אַרויסגעטרעטן פון צירק?

— ווייל...

— וועסט עס נישט דערקלערן. איך וועל דיר זאָגן. איין איינציקע זאַך האָט מיך פאַרהאַלטן אין פּאַריז: מיין הונט ברויניגג. ווען ער איז געפּגרט, האָט זיך מיר מיין גאַרדע־ראָב אויסגעוויזן קאַלט, מיין וואוינונג — וויסט. אין מיין גע־בורטסטאָג האָבן די קאָלעגן געגעבן מיין הונט אַ בוקעט פיילכן פאַר מיינעטוועגן. ער האָט אים מיר דערלאַנגט אין זיינע גרויסע, ווייסע ציין, און אין יענעם מאָמענט האָט זיך מיר

אויסגעוויזן, אַז ער שמייכלט. פון גרויס פרייד, וואָס האָט אין אים אויפגעברויזט, האָט ער איינמאָל אַרויסגעשלעפּט פון שאַנק אַלע מיינע זאָקן און האָט זיי צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטוב. דעמזעלבן טאָג אין אָוונט האָט ער אויף מיר אַ קוק געטון מיט גרויסע, פאַרוואונדערטע אויגן, האָט זיך אינגאַנצן געוואָרפן אין פיבער, און ביינאַכט האָט ער אָנגעהויבן צו גוססן. דע-מאָלט האָב איך באַשלאָסן אַרויסצופאָרן מיט דיר. אָבער נישט די ליבע האָט מיך צו דיר געפירט.

— און וואָס ווייטער?

— וואָס ווייטער? צי איך האָב דיך געליבט? אָך, פריינט מיינער, ווען די ליבע ענדיקט זיך, לאָזט זי נאָך זיך נישט איבער קיין שפור; די ליבע לאָזט נישט איבער נאָך זיך קיין דיאַגראַמען. מעגלעך, אַז כ׳האָב דיך געליבט, אָבער זיכער איז בלויז דאָס, אַז כ׳האָב דיך פאַרראַטן.

פאָל האָט אינסטינקטיוו אַ ציטער געטון.

— האָסט מיך פאַרראַטן?

— אָפטמאָל.

— פאַרוואָס?

— ס׳איז נישט לייכט צוגעבן דערויף אַן ענטפער, ווי שטענדיק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן די פּשוטסטע פאַקטן. ס׳איז גרינגער צו דערקלערן לאָרענצס טעאָריע, ווי צו דערקלערן פאַרוואָס צוויי מאָל צוויי איז פיר. איך קען דיר זאָגן, וויאַזוי און ווען כ׳האָב דיך פאַרראַטן, אָבער איך קען דיר נישט זאָגן, פאַרוואָס. און קיין שום פרוי וועט עס דיר נישט דער-קלערן. אין דעם לעצטן אָוונט פון דיינע טורנעען פלעגסטו דערקלערן דעם פּובליקום, אויף וואָסער אופן דו פירסט אויס די מאַגנעטישע צוזאַמענגען, וואָס דו פילסט, ווען מען פאַרבינדט דיר די אויגן, ווען דו באַרירסט דעם פּולס פון דער סוגעסטיאָנירטער פּערזאָן, ווען דו טראַכסט אינטענסיוו און גיסט איבער טעלעפּאַטיש דיינע פאַרלאַנגען עמעצן פון פּובליקום. דו קענסט אָבער נישט דערקלערן דאָס רעטעניש פון סוגעסטיע, דאָס רעטעניש פון קאַטאַלעפּסיע (פאַרשטאַרט-קייט), און פאַרוואָס דער עקספּערימענטאַלער אָביעקט ווענדט זיך שטענדיק אויף צפון-זייט. די אומדערקלערבאַרע דערשיי-

נוגגען רופסטו אָן חיהשער מאַגנעטיזם, וויטאַלע עלעקטריציטעט, נערוונסקראַפט, מאגנעטישער פלויד, און מיט דידאַקטיקע באַגריפן, וואָס קיינער פאַרשטייט נישט זייער באַדייטונג, האָסטו צופרידנגעשטעלט דיין פובליקום. אַ פרוי קען דיר דערקלערן דעם אופן און אָרט פונם פאַרראַט, דעם מעכאַניזם פון געמאַכטע טרערן, דעם תענוג פון אומטריישאַפט און דעם שווינדער פון גענאַרעריי, אָבער אויף דעם פשוטן „פאַרוואָס" וועט זי נישט זיין אימשטאַנד דיר צו ענטפערן. זי וואָלט דיר געקענט אָפּענטפערן מיט דיזעלבע פוסטע פראַזן, וואָס מיט זיי ביסטו מכבד דיין נאַיוו פובליקום, — נאַיוו, ווייל עס באַשטייט אין דער מערהייט פון מענער.

דו ווילסט וויסן די מאָטיוון פון פאַרראַט? אַ פרוי הייבט פריער אָן צו פאַרראַטן, און ערשט דערנאָך געפינט זי אויס די מאָטיוון פאַר איר פאַרראַט. אָבער על פי רוב דערגייט זי צו אַ פילאָזאָפישן אַבסורד, צו אַ פסיכאָלאָגישן קאָנפליקט פון פאָלגן, וואָס האָבן נישט קיין סיבה. ווען מען כאַפּט זי ביים באַגיין דעם פעלער, פאַרטיידיקט זי זיך דערמיט, אַז זי האָט אָנגעהויבן פאַרראַטן, ווייל דער מאַן האָט זיך דערדינט דערצו. דאָס איז אַ שקר! ווען פרויען וואָלטן פאַרראַטן בלויז צוליב דעם, וואָס איר, מענער, זענט עס ווערט, וואָלטן זיי פאַרראַטן אָדער שטענדיק, אָדער קיינמאָל נישט. פונדעסטוועגן פאַרראַטן זיי נאָר דעמאָלט, ווען זיי האָבן דערצו אַ געלעגנהייט. און ווידער, איז דאָך דאָס אַ גרויסער אומזין צו רעדן וועגן רעכט אָדער אומרעכט ביי ליבע.

דער קעלנער האָט אַריינגעטראָגן אַ געדעקט טישל און איז גלייך אַרויס פון צימער.

— ווען האָסטו מיך פאַרראַטן? און מיט וועמען?

יוטאַ האָט מיטן פאַפּיראָס געמאַכט אַן אומבאַשטימטער באַוועגונג.

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן? כ'פאַרשטיי נישט אַזאַ סאַדיזם.

פאָל האָט זיך געמאַכט גלייכגילטיק, באַלד דערויף האָט זי אָנגעהויבן ווייטער רעדן:

— ווען כ'בין געווען אַ קינד, בין איך געוואָרן שטאַרק גע־

רירט, קוקנדיק אויף מיין זיידנס אַפּטייקל. ס'זענען דאָרט געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ רייע פלעשלעך מיט גיפטיקע שטאָפן: קליינע עטיקעטן מיט פאַרשידענע נעמען, געהיימניספולע, ווי, אַ שטייגער, אַטראָפּין, מאַגישע, ווי, אַ שטייגער, סטראָפאַנטי, קריגערישע און אַזיאַטישע, ווי, אַ שטייגער, קאַלאָמעל. זיי האָבן צוגעצויגן מיין פאַנטאַזיע מיט אַן אומבאַזיגבאַרער קראַפט, וועגן יעדן איינעם פון דידאָזיקע ווייסע פּולווערס, וועגן יעדן מין זאַלץ האָב איך געוואָלט זיך דערוויסן עפּעס גענויערס. מיין זיידע, מורא האָבנדיק, אַז איך זאָל נישט אָפּטון עפּעס אַ געפערלעך שפּיצל, האָט מיך געהאַלטן פונדערווייטנס פון אָט די מאַגישע פלעשלעך און האָט מיר דערקלערט, אין וואָס עס באַשטייט די ווירקונג פון די גיפטיקע סובסטאַנצן, האָט מיר דערציילט וועגן געוויקסן, וואָס פון זיי ווערט אַרויסגעצויגן דער גיפט, וועגן לענדער, וואו דידאָזיקע צמחים וואַקסן. איינעם פון אָט די גיפטן האָט ער אַליין געבראַכט פון וויטן מזרח. דאָס איז געווען אַ העלער, קליינער קריסטאַל, וואָס האָט געהייסן צימבאַאַם און געשטאַמט פון יאַוואַ. ווען מען רירט אים אָן, דרינגט ער אַריין אין דער הויט, און ער פאַרסמט נישט מיטאַמאָל נאָר פּאַמעלעך, אַרויסרופנדיק אַ פיבער, נאָך מער: כמעט אַן אומהיילבאַרן שיגעון. אָט דאָס שענקעלע מיט גיפטן האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון אויף אייביק.

— קענסט רעדן אָן פורכט, יוטאַ. מיר וועט זיך דאַכטן, אַז דו עפנסט ס'טירל פון דיין שענקל מיט די גיפטן. ווי הייסט יענער סם, וואָס רופט אַרויס משוגעת?

— ער הייסט צימבאַאַם.

— זאָג מיר: מיט וועמען האָסטו מיך פאַררעטן?

— מיט וועמען איך האָב דיך פאַרראַטן, דו מיינסט, אַז דערדאָזיקער פּרט איז וויכטיק? ער וואָלט אפשר וויכטיק געווען, ווען איך וואָלט אויסגעקליבן. אָבער דער פאַל איז קיינמאָל נישט געווען. פרויען קלייבן נישט אויס. פאַרראַט איז נישט אָפּהענגיק פון שכל, פון איבערצייגונג, נאָר פון צופאַל. ס'זענען נישטאָ קיין דירעקטע סיבות פאַר אומטריישאַפט.

העכסטנס זענען דאָ פון פּאָרויס באַשטימטע מעגלעכקייטן. דאָס זוכן דאָ אומשטענדן גיט נישט קיין שום רעזולטאַט.

פּאָל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס רעדט גאָר אַן אַנדערע פרוי אין געשטאַלט פון יוטאַן.

— ביסטו, הייסט עס — האָט ער ענדלעך אַרויסגערעדט — דיזעלבע, וואָס אַלע.

— אָדער ס'איז מיין שולד, וואָס איך בין פּונקט דיזעלבע, וואָס אַנדערע, אָדער דיין שולד, וואָס דו האָסט גערעכנט, אַז איך בין אַנדערש פון אַלע.

און באַלד האָט זי צוגעגעבן:

— איר האָט זיך געשאַפן אַ קאָנוועַנציאָנעלע פאָרשטעלונג וועגן דער פרוי. ווען די פרוי אַנטפּלעקט זיך אַזויווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט, ווערט איר פּונקט אַזוי איבערגעראַשט, ווי ביים באַטראַכטן די מאַפּע פון הימל, ווען מ'ווערט געוואָר, אַז די שטערן זענען גאָרנישט קיין פינפשפיציקע, סימעטרישע פיגורן פון בלייפאַפּיר פון די שאָפּקעס, אָדער ווי ביים באַטראַכטן אַן אַנאַטאָמישן אַטלאַס, און ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס האַרץ זעט אויס אַ ביסל אַנדערש, ווי אויף אַ קאָרט פון פּאָקער. גלייב מיר, מיין פריינט, אַז דעם פּעלער באַגייט דער מאַן, וואָס רעדט זיך איין, אַז די פרוי מוז זיין, ווי ער וויל, זי זאָל זיין.

די פרוי איז פון דער נאַטור אומגעטריי, פאַלש, וואַקלדיק און פּאָליאַנדריש. דער מאַן וויל דווקא, אַז זי זאָל זיין אויפריכטיק, באַשטענדיק און געטריי בלויז איינעם. ער באַטראַכט זיין פאָדערונג מיט אַן איינצלנעם פּאַל. אָבער אויסנאַמען באַשטעטיקן נאָר טעותים. דיכטער, פילאָזאָפן, ליטעראַטן און אַנאַלפאַבעטן האָבן געפּרעדיקט, באַקאַנטגעמאַכט, געשריבן און געשטאַמלט וועגן דעם, אַז די פרוי איז אומטריי, פּאַרפּירעריש, וואַקלדיק. דער קעניג האָט וועגן דעם אויסגעקריצט אַן אַפּאָריזם מיטן דימענט פון זיין רינג אויף דער שויב, דער מוזיקער האָט דאָס איבערגעחזרט אין דער מעלאָדראַמע, די פאָלקסלידלעך האָבן פאַר אַ טעמע נאָר דער פרויס אומטרייהייט; מ'רעדט וועגן דעם אויף לאַטיין, אויף טערקיש, אויף כינעזיש און אויף סאַנסקריט. נייַנציק פּראָצענט פון דער מענ-

לעכער ענערגיע ווערט אויסגענוצט אויף אָפּצונעמען אַ פרוי ביי עמעצן, אָדער אויף צו שטערן, אַז עמעצער זאָל נישט אָפּנעמען די דערוואָרבענע פרוי. די סטאַטיסטיק פון די זעלבסט-מאָרדן באַווייזט, אַז אויף הונדערט מענער נעמען זיך דאָס לעבן פינף יצוליב נעוראַסטעניע, צען צוליב נויט, דריי צוליב פאַרשידענע סיבות, און צוויי־און־אַכציק צוליב אומגליקלעכער ליבע. די קאַפּיטאַלע ווערק פון דער בעלעטריסטיק און די געמיינע קאַוואַלערישע אַנעקדאָטן האָבן איין טעמע: אומגע-טריישאַפט. אַז די פרוי פאַרראַט, פון דעם ווייסט יעדער מאַן, און ער חזרט דאָס איבער פאַר יעדן.

פאָל האָט נערוועז אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבערן שטערן:

— האָסטו מיך, הייסט עס, גענאַרט.

— גענאַרעריי — האָט געענטפערט יוטאַ — איז פונקט אַזאַ פאַרטיידיקונגסמיטל, ווי קעגנגיפט.

יוטאַס קאַלטבלוטיקייט האָט כסדר פאַרשטאַרקט אין פאָלן די אומרואיקייט. ער האָט אין געדאַנק געזוכט עפּעס אַ געלונגען וואָרט, וואָס ער זאָל איר קענען זאָגן; און ווי אַלעמאָל אין אַזאַ פאַל, האָט ער אויך דאָסמאָל געזאָגט אַ נאַרישקייט:

— צום גליק, זענען נישט אַלע פרויען, ווי דו.

— נישט אַלע זענען, ווי איך—האָט זי אָפּגעענטפערט, — אָבער געוויס ווייסטו דאָך, אַז קוים הייבט מען אָן רעדן וועגן דער פרוי אין אַלגעמיין, האָט קיינער נישט אין זינען די דורכשניטלעכע, געטרייע קליינבירגערין, וואָס פאַרנעמט זיך מיט קאָכן, וואַשן און האָדעווען קינדער מיט גלייכן פלייס און אָן אַ ברעקל פאַנטאַזיע.

ווען מ׳קלאָגט אָן אין געריכט אַ שרייבער, וואָס איז באַגאַנגען דעם חטא פון ווען ער אַרויסזאָגן זיין מיינונג אין דער פראַגע, און מ׳וואַרפט אים פאָר, אַז ער איז אַ מיזאַנטראָפּ, אַ מענטשנפיינט, — וואָלט דאָך געוויס געוועזן אָן אומזין אויס-צורופן: „אָבער הערן געשוואוירענע, אייערע ווייבער זענען באָרנישט אַזעלכע, ווי דערדאָזיקער מנוול מאָלט זיי!”

יעדער ווייסט, אַז אַ ווייב איז דורכויס עפּעס אַנדערש. און אויך דער שרייבער האָט נישט געמיינט אָט די ווייבער,

ווען ער האָט געשריבן וועגן דער פרוי. ער האָט געהאַט אין זינען די געליבטע, די ליידנשאַפטלעכע, באַצויבערנדיקע געליבטע, וואָס פאַר איר איז די ליבע דער איינציקער זין פון איר יוגנט.

יוטאַ האָט גערעדט אַזוי רואיק, פונקט ווי זי וואָלט געהאַלטן אַ פאָרלעזונג אויף אַ פאַר איר גלייכגילטיקע טעמע. נאָך אַ רגע אָפּרוען זיך, האָט זי ווידער אָנגעהויבן רעדן אין איר פּראָפעסאָרישן טאָן:

— פרויען ווערן צעטיילט אויף צוויי קאַטעגאָריעס, פונקט ווי אויף עסשוואָמען און אויף גיפטיקע שוואָמען, און אויב איך נעם אָן דידאַקטיק צעטיילונג, איז עס כדי צו אַנאַליזירן קודם־כל די „גיפטיקע״ פרויען, ד. ה. אַזעלכע פרויען, וואָס קענען די קונסט פון ליבע. אָבער דאָס אַנאַליזירן די פרוי פון ליבע איז פונקט אַזוי נישטאיבערצייגנדיק, ווי יעדער טראַקטאַט וועגן דער פרוי בכלל. די פילאָזאָפישע דילעטאַנטן, די קענער פון מענטשלעכן האַרץ, וועלכע אורטיילן וועגן דער פרוי אין אַלגעמיינע פראַזן, דערמאָנען מיך אין יענעם כעמיקער, וואָס האָט אָנגענומען צו מאַכן אַן אַנאַליז פון מילך, וואָס געפינט זיך אין הונדערט באַזונדערע פרווורעלעך, און ער האָט אַלץ צוזאַמענגעגאָסן אין איין כּלי און אַדורכגעפירט איין אַלגעמיינע אַנאַליז. יעטוועדע פרוי רעפּרעזענטירט אַ געוויסן טיפּ, וואָס האָט גאָרנישט קיין געמיינזאַמעס׳ מיט אַן אַנדערן טיפּ, נאָך מער: דיזעלבע פרוי איז אין די פאַרשידענע מאָמענטן פון לעבן נישט די אייגענע. מיט אַנדערע ווערטער: אַ פרוי קען זיך איבערגעבן צען טויזנט מענער, און נאָר איינעם אָפּזאָגן דערין בלויז צוליב אַ קאַפּריז. פאַר דיר וועט זי זיין אַן אומבאַזיגבאַרע פרוי, און כאָטש זי האָט זיך ביזאיצט אָפּגעגעבן פאַר אַ קאָמפּלימענט, אָדער גאָר פאַר פינף פראַנק, צי גאָר פאַר אַ גלעזל סאָדעוואַסער, — מעגסטו אויסנוצן דיין גאַנצע ענערגיע, דיין גאַנצע קונסט, דיין גאַנץ פאַרמעגן, אַפילו דיין גאַנץ לעבן, — און דיין געוואונשטן ציל וועסטו נישט דערגרייכן. אַ פרוי קען גלייכצייטיק ליבן עטלעכע מענער: איינעם דערפאַר, ווייל ער רעדט צו איר האַרץ, אַן אַנדערן, ווייל ער רעדט צו איר גייסט, אַן אַנדערן ווייל ער באַצויבערט

אירע חושים, אַן אַנדערן, ווייל ער חנפהט זי. די באַהויפּטונג וועגן דער איינזייטיקייט פון פּרויענטעמפּעראַמענט איז אַן אומ־פּאַרצייַכבער פעלער. מיין טייערער פּאָל, איה, מענער, מיינט דאָך, אַז די געדאַנקען פון דער פרוי גייען נאָר אין איין ריכטונג, ד. ה., אַז זיי זענען געווענדט נאָר צו איינ. אַ פינפ־אונצוואַנציקיאָריקער בחור טראַכט זיך: „זי וועט דאָך מיך נישט פאַרראַטן מיט אַ באַיאָרטן, פערציקיאָריקן פאַרשוין". אַ זעכציקיאָריקער אַלטיטשקער זאָגט זיך: „זי וועט דאָך נישט אַנטלויפן מיט אַן אַכצניאָריקן שנעק, און זי וועט מיך אויף אוודאי נישט פאַרראַטן מיט אַ דרייסיקיאָריקן שלעפּער". אָבער אינדערעמתן פאַרראַט די פרוי אַלעמען.

— און דו, מיט וועמען האָסטו מיך פאַרראַטן?

— אין אונזער ראָמאַן זענען מיינע אומטריישאַפטן נישט געווען קיין באַזונדער קאַפּיטל. זיי זענען געווען בלויז קליינע עפּיזאָדן.

— מיט וועמען האָסטו מיך פאַרראַטן?

— מיט אַלציביאַדעסן.

— מיט אַלציביאַדעסן? מיט אָט דעם פון דער זומער־וואוינונג?

— יאָ. כ'האָב אים געטראָפן אין שטאָט. ער איז געווען אַליין. כ'האָב אים געפרעגט, וואו געפינט זיך איצט זיין טובי. האָט ער מיר געזאָגט, אַז טובי האָט געהאַט אַ שלעכטן סוף.— אונטער אַן אויטאָ?—האָב איך געפרעגט. — ניין, אין אויטאָ — האָט ער געענטפערט. און האָט מיר דערציילט, אַז זיין גע־ליבטע איז אַנטלאָפן מיטן אויטאָ צוזאַמען מיט אַן אַנדערן, און האָט מיט זיך מיטגענומען דעם הונט.

— האָסטו אָנגעהויבן ליבן?

— יאָ, כ'האָב אָנגעהויבן ליבן. דערנאָך בין איך מיט אים אַוועק אין זיין וואוינונג. זיין צימער איז פול מיט פויר־האַנגען אין קישעלעך, איז אינגאַנצן אויסגעבעט ווייך, ווי דאָס קעמערל פון אַן עפיקפּטיקער.

— און מיט וועמען נאָך?

— און נאָך האָב איך דיך פאַרראַטן מיטן דיכטער.

— מיטן דיכטער?

— מיט דעם, וואָס האָט אָנגעשריבן „זייפנבלאָזן". ער האָט געשאַפן אַ גרויסע פּאָעמע לכּבוד מיינע אָרעמס. די לעצ־טע פיר פערזן פון דאָזיקן געדיכט האָבן זיך מיר איינגע־קריצט אין זכּרון, האָבן מיך פאַרפאָלגט, מיך דערפירט צו פאַרצווייפלונג. נישטווילנדיק האָב איך זיי כּמעט אומאויפהער־לעך געחזרט:

„ס'ווערן פאַרהילט
די אָרעמס
מיט אַ דורכזיכטיקן שאַל
פון סמירנע".

— איך האָב זיך נישט געקענט באַפרייען פונם אָפּקלאַנג פון דידאָזיקע לעצטע פיר פערזן, וואָס דריי פון זיי זענען זייער קורץ, און איינער זייער לאַנג. כ'האָב מיטן דאָזיקן דיכ־טער זיך איינגעריסן, וויפל כ'האָב נאָר געקענט; כ'האָב אים געזאָגט, אַז ער דערוועקט אין מיר אַן עקל. כ'האָב אים גע־ראָטן, אַז איידער זיך צו שפּילן אין „זייפנבלאָזן", זאָל ער בעסער אָפּטער באַנוצן זייף צו זיין האַלדז. כ'האָב גערעכנט, אַז ער וועט אָנהייבן וויינען, אָדער ער וועט מיר ענטפערן אויף אַן אומאַנשטענדיקן אופן. אָבער ער האָט מיר געענטפערט: „נאָר ברודיקע ברואים דאַרפן זיך וואַשן. איך בין ריין, און האָב נישט נייטיק דאָס וואַשן".

— דאָס איז אַן אויסגעדראָשענער ענטפער.

— פאַר מיר איז ער געווען ניי.

— האָסט געלאַכט?

— יאָ. דער אומזין פון דאָזיקן אומגעריכטן ענטפער האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ געלעכטער.

— גוט. און ווער איז געקומען נאָך אים.

— דערנאָך האָב איך דיך פאַרראַטן מיט איינעם, וואָס דו קענסט אים נישט, כ'האָב געהאַט אויף אים גרויס רחמנות. ער איז געווען קראַנק, אָרעם און אומגליקלעך. און דערנאָך... האָב איך דיך פאַרראַטן מיט אַן אַנדערן, וואָס איז געווען גע־זונט, רייך און ענטוזיאַסטיש. ווידעראַמאָל — מיט אַ מענטש, וואָס האָט מיך דריי חדשים פאַרמאַטערט מיט זיינע ליבעס־

דערקלערונגען. איך האָב אים נאָכגעגעבן, כדי איך זאָל שוין מער נישט הערן וועגן זיין ליבע און ליידנשאַפט. אַן אַנדערשמאָל ווידער — מיט אַ גרענאַדיר־קאַפּיטאַן אין רוים, אין האָטעל עקסצעלסיאָר.

— אָבער ער האָט דאָך צו דיר אַפילו נישט געגריסט!

— טאַקע דערפאַר. זיין גלייכגילטיקייט צו מיר האָט מיך גערייצט. איך האָב זיך אים אָפּגעגעבן בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נישט באַמיט צו ציען אויף זיך מיין אויפמערקזאַמקייט. אין אָנהייב פון אונזער צוזאַמענלעבן האָסטו מיך געהיטן, ווייל דו ביסט געווען צו מיר אייפערזיכטיק. דעמאָלט בין איך דיר געוואָרן אומגעטריי, ווייל דיין אומצוטרוי, האָט מיך באַליידיקט. דערנאָך האָט ביי דיר באַקומען אַן איבערגעוויכט אַ בלינדער צוטרוי צו מיין געטריישאַפט, פונקט ווי דו וואָלסט אויף איר געהאַט אומצווייפלהאַפטע רעכט. האָסט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דיינע פריינט, האָסט מיך געלאָזט אַליין מיט דיינע באַקאַנטע: אָט די זיכערקייט דיינע האָט מיך פשוט באַליידיקט. האָב איך דיך פאַרראַטן טאַקע צו להכעיס דיין צוטרוי. ווען אַ מענטש הערט אויף צו באַמערקן, אַז די פרוי קען וועקן גלוסטונג צו זיך, רעכנט ער, אַז אויך אַנדערע האָבן דאָס אויפגעהערט צו באַמערקן. אָבער ער האָט גראָד אַ טעות. די געשיכטע פון ליבע איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די געשיכטע פון די קעגנזייטיקע פעלערס. אין דער פעכטעריי, אין שאָכשפּיל און אין דער ליבע געווינט דער, וואָס איז זיך צומווייניקסטן טועה.

— און דו האָסט מיך אינדערעמתן געקענט אַזוי לייכטזיניק פאַרראַטן?

— מען פאַרראַט שטענדיק לייכטזיניק, מיין פריינט. אין די פּסיכאָלאָגישע ראָמאַנען פון דער צייט, ווען די פרויען האָבן געטראָגן גאָרסעטן און די דועלן זענען פאָרגעקומען אויף פּיסטאָלעטן, האָבן די פרויען נישט געקענט זיך באַשליסן צו זינדיקן אויף גאַנצע דרייהונדערט און פופציק זייטן, און האָבן אָפּגעלייגט דעמדאָזיקן שריט אַזש ביזן צווייטן טייל. אין דער ווירקלעכקייט זעט אָבער דערדאָזיקער ענין אויס אַ ביסל אַנדערש. דער פאַרראַט גערדויערט נישט לענגער, ווי, למשל,

דאָס טוישן די גומעס אויף די רעדער פון אַן אויטאָ. איינמאָל האָב איך דיך פאַרראַטן אין דיין גאַרדעראָב, ווען דו ביסט געווען אויף דער אַרענע.

— אָבער מיין לענגסטער נומער האָט דאָך נישט מער געדויערט, ווי דרייפערטל שעה!

— דאָס איז גענוג אויף אָנצורעדן צו זינדיקן...

פאָל האָט זיך נערוועז געשפילט מיטן צינדמאַשינקעלע. ענדלעך האָט ער זיך אָפגערופן:

— און דערדאָזיקער דיכטער האָט ביי דיר נישט אַרויסגערופן דעם מינדסטן עקל?

— יעדער געפיל אַנטהאַלט אין זיך דעם עמבריאָן פון אַ פונקט-קעגנגעזעצטן געפיל. כעמיש ריינע געפילן זענען גאָרנישט פאַראַן. אין דער פאַראַכטונג, וואָס עס פילט אַ צניעותדיקע קליינבירגערין צו אַ פאָפולערער שאַנסאָנעטין, איז דאָ אַ געמיש פון קנאה און נייגיר. אין דעם צביעותדיקן צאָרן פון אַ בתולה: „ער האָט מיך פאַרטשעפעט, דער חוצפהניק!” ליגט באַהאַלטן דער קערן פון מיידלשער גאווה.

— און וואָס ווייטער?

— וועגן וואָס?

— רעכן ווייטער אויס.

— אַמאָל האָב איך דיך ווידער פאַרראַטן מיט עפעס אַן אידיאָט, וואָס איז מיר נאָכגעקראָכן אויף דער גאַס. בין איך אַריין אין אַ פערפומעריע קויפן פודער, ער נאָך מיר, פאָדערנדיק זייף. האָב איך זיך אָפגעשטעלט פאַר אַן אויסשטעלונגס-פענסטער, כדי צו באַקוקן אַ פאָר הענטשקעס, האָט ער זיך אויך אָפגעשטעלט און באַקוקט קראַוואַטן. בין איך אַריין אין אַ קאַוויאַרניע, האָט ער זיך געזעצט ביי אַ שכנותדיקן טישל. איך האָב צוועקגעשטעלט די טיי און בין אַרויס, האָט ער איבערגעלאָזט די ליאָדעס און איז אַרויס נאָך מיר. ענדלעך האָט ער ריזיקירט און איז צוגעגאַנגען צו מיר. ער האָט געזאָגט, אַז איך אינטערעסיר אים זייער און געפרעגט, צי וועל איך אים דערלויבן מיך אָפצופירן, דערביי האָט ער אַ זאָג געטון, אַז ס'איז אַ פרעכטיק וועטער.

— שוין איינמאָל אַ באַגאַבטער מענטש!

— אַ טאַקטיק פון אַ שוטה. אָבער דידאַזיקע טאַקטיק ווערט באַלוינט מיט נצחון. איר, אינטעלעקטואַליסטן, האַלט נישט פון מאַכן באַקאַנטשאַפט אויף אַזאַ אופן. דו וואָלסט קיינמאָל נישט צוגעגאַנגען אויף דער גאַס צו אַ פרוי, מורא האָבנדיק צו מאַכן זיך לעכערלעך אין אירע אויגן. האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן, אַז די פרוי וועט דיך האַלטן פאַר אַ באַגרענעצטן, און פיל מער דאַרפסטו נישט מיינען, אַז יעדע פרוי פאָדערט, מ'זאָל איר כסדר פאַרערן אויף אַן אינטעליגענטישן אופן. צו־מערסטן בין איך אויף דיר בייז דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך אַרומגערינגלט מיט מוח-מענטשן, שטענדיק פאַרנומענע מיט שפּאַלטן אַ האָר אויף טיילן, מיטן זוכן די אומענדלעכע טי־פעניש אין יעדן פּראָבלעם און דעם אמת, דעם נאַקעטן, ריי־נעם אמת. איך בין אַ טאָכטער פון אַ שטריקטענצערין. און קודם-כל בין איך אַליין יוטאַ שומאַן, אַן אַקראָבאַטין-רייטערין. אויף איר האָסטו קיינמאָל קיין אַכט נישט געלייגט. האָסט גאָרנישט געטון אין נאָמען פון מיין איינגעבוירענער פשטות, מיינע אינסטינקטיווע ליידנשאַפטן, האָסט אין מיר געזוכט נאָר גייסט. אָך, ווען דו זאָלסט וויסן, מיין טייערער, ווי אויסגע־צייכנט עס דערפרישט, ווען נאָך צוויי חדשים דערהויבענע געשפּרעכן וועגן דער נשמה, דערהערט מען פלוצלינג אויף דער גאַס די פרימיטיווע ווערטער פון עפּעס אַ שוטה: „וועט איר דערלויבן, איך זאָל אייך אָפּפירן?"

— ווי אָפט האָסטו זיך אים אָפּגעגעבן?

— איך פיר נישט קיין בוכהאַלטעריע. איין מאָל, אָדער צוויי מאָל, צי גאָר דריי מאָל. כ'געדענק שוין נישט. ער האָט געהייסן ראָסי (רויט) אָדער ביאַנשי (ווייס). אָדער גאָר אַ נאָ־מען פון אַן אַנדער קאָליר. אַהאַ, כ'האָב זיך דערמאָנט! ער האָט געהייסן שמידט. איך האָב אים דעם נאָמען איבערגעזאַנ־דערשט אויפן ענגלישן „סמיטס". איך האָב זיך אים געמוזט אָפּגעבן, ווייל אין מיין „ספר החיים" איז געווען אָנגעשריבן, אַז אַזוי וועט עס געשען.

— איז עס אַלזוי נאָר דער שיקזאַל? — האָט פּאָל סאַר־קאַסטיש געפרעגט.

יאָ, דער שיקזאַל — האָט יוטאַ אויפריכטיק געענט־

פערט. — איר, מענער, גלייבט נישט דעריז. און פרויען גלייבן איר האָלט, אַז יעדער מענטש שמידט-אויס זיין אייגענעם גורל, אָבער אינדערמתן פרווט איר אַפילו נישט צו נעמען דעם האַמער אין דער האַנט אַריין. דער מענטשלעכער באַשלוס איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס אָפּגעבן זיך אַ רעכענונג וועגן דער נאָענטסטער צוקונפט. ווען דו קוקסט אַ דורך אַ פּאָרפלאַן און קלייבסט דיר אויס אַ שנעלצוג 9,50 אַנשטאָט אַ בליצשנעל-צוג 11,10, דעצידירסטו דערמיט נאָכנישט, אָבער דו ווערסט געוואָר, מיט וועלכן צוג דו וועסט פאָרן. ווען הער שמידט, אָדער מיסטער סמיטס, גיט מיר צו וויסן: איך וואוין אויף „אוועני דע אַקאַסיאַס" און דערוואַרט אייך מאָרגן פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג, דעמאָלט דעצידיר איך וועגן גאָרנישט. מ'האָט מיר באַקאַנט געמאַכט וועגן עפּעס, וואָס איך האָב דערפון נישט געוואוסט, נעמלעך, דעם נאָמען און אַדרעס פון מיין מאָרגנדיקן געזיבטן.

— און ווי וואָלט עס געהייסן, ווען דו גייסט נישט אַהין?

— וואָלט עס געהייסן, אַז מאָרגן וועל איך זיך לאַנגווייליקן, פּונקט אַזוי ווי היינט.

פּאָל האָט נישט איבעריק געלייגט קיין אַכט אויף אירע אַרגומענטן. דערעיקרשט איז ער געווען געקרענקט פונם אופן ווי זי פלעגט אויסקלייבן די העלדן פאַר אירע אַוואַנטורעס.

— קיין אידיאָטן האָבן דיר נישט געפעלט: אַ שטייגער אַלציביאַדעס.

— כ'האָב געוואוסט, אַז ער איז אַן אידיאָט, און ער האָט מיר אויף קיין פאַל נישט געגעבן די געלעגנהייט דערויף, אַז כ'זאָל ענדערן מיין דאָזיקע מיינונג וועגן אים. אָבער איר, אינטעליגענטע מענער, האָט אַ גרויסן טעות, ווען איר מיינט, אַז אין ליבע האָט איר מער דערפאָלג, ווי די אומגעבילדעטע. נאַפּאָלעאָן האָט געשיקט פון עגיפּטן פאַר זיין ווייב שיפן, וואָס זענען געווען אָנגעלאָדן מיט די טייערסטע קונסטווערק, כדי צו געבן געגוס איר שטאַרק אַנטוויקלטן גייסט, און זי האָט דערווייל אין לאַנד אים פאַררעטן מיט אַ דורכשניטלעכן מענטש. סאָקראַטעס, פּלאַטאָ, טורענע, לאַראָשפוקאָ, ראַסין, מאָליער, לאַפּאָנטען זענען געווען איבערצייגט, אַז זיי זענען

פאַרזיכערט פאַר אַ פאַרראַט, וואָרום ס'געפינט זיך נישט קיין מאַן, וואָס זאָל זיך קענען גלייכן צו זייער גייסט. אינדערעמתן אָבער האָבן זייערע ווייבער געהאַט אַ גאָר גרויסן רעזערוו פון גאַנץ פּראָסטע מענער, זוכנדיק ביי זיי אַ פאַרפלאַכונג פון דער גענישאַליטעט־אַטמאָספער, יענעם פאַרטויבנדיקן גאַז, וואָס שטערט דער אינטימקייט פון דער אַלקאָווע. טיפּשות, דאָס איז אַ חסד, אַ מתנה פון גאָט. אינטעליגענט קען מען ווערן, נאַריש איז מען פון געבוירן. דעם אינטעליגענטן מענטש פּייניקן ספיקות, אומרו, רעפלעקסן. די שטערונגען פּאַראַליזירן אים, די אומזיכערקייט ווענן די פאָלגן מאַכט אים אַפּאַטיש, די מורא, טאָמער וועט ער נישט דערגרייכן דעם ציל, באַגרענעצט זיין ווילנסקראַפט. דער נאַר, להיפך, זעט נישט קיין שום שטערונגען, מעסט נישט אויס די דיסטאַנסן, גיט זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג פון דער סכנות, זיינע אויסרעכענונגען זענען נישט קאָמפּליצירט; ער וואַרפט זיך צום געיעג אָן גריבלענישן, — און ער דערגרייכט דעם ציל! דער אינטעליגענטער מענטש האַלט, אַז זיינע אייגענע פעיקייטן זענען נישט גענוג. דערפאַר הייבט ער אָן איבערשאַצן זיינע מעגלעכקייטן: אָדער ער נעמט זיי אונטערשאַצן, אָדער גאָר איבערשאַצן, וואָס עס דערפירט בלויז צו אַ מאַניער און געקינסטלטקייט.

— נו, און דאָס זענען שוין אַלע?

זי האָט קאַלט געענטפערט:

— כ'האָב נישט אויסגערעכנט בלויז איינעם: דיין בלינדן פריינט.

פאָל האָט אַ וואָרף געטון אויפן טיש דאָס צינדמאַשינקעלע, וואָס דערמיט האָט ער זיך די גאַנצע צייט געשפּילט. און שווייגנדיק אויפגעשטאַנען. ווען ער איז געבליבן שטיין פאַר יוטאַן, האָט ער אַריינגעטון די הענט אין די קעשענעס און צוזאַמענגעדריקט די פויסטן. זי האָט אויפגעהויבן צו אים איר בלאַס, פאַרענדערט געזיכט מיט אַן אַרויסרופנדיקן אויסדרוק. נאָר פאָל האָט גענומען פון טיש אַ פרוכט און גענומען געלאַסן אָפּשיילן.

יוטאַ האָט נישט רעזיגנירט; זי האָט געפּרוווט נאָך אַ מיטל אים צו פּראָוואָצירן.

— און איצט — האָט זי זיך אָנגערופן, — זעץ מיך צוריק אַ נאַקעטע אויף אַן אייזל, מיטן פּנים צום ווידל, און פיר מיך איבער דער שטאָט.

פּאָל האָט געענטפערט:

— דו ביסט אַזוי פאַרשייט, אַז אַזאַ מין באַווייזן זיך אין דער עפנטלעכקייט וואָלט דיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

ער האָט מער נישט גערעדט קיין איין וואָרט. ער האָט אָנגעטון דעם פוטער און דעם הוט און איז אַרויס.

ער האָט געבלאָנקעט איבער די בערלינער גאַסן איז אַריין אין אַ שענק, האָט אַדורכגעקוקט די אילוסטרירטע זשור־נאַלן. ענדלעך האָט ער באַשטעלט עפּעס צו עסן.

— מיר גיבן דאָ נישט אַרויס קיין שום הייסע שפּייז — האָט אים דערקלערט דער קעלנער, — נאָר אין דערבייאיקן זאַל, דאָ קען מען בלויז טרינקען.

— טאָ גיט מיר עפּעס צו טרינקען.

פּאָל איז נאָך אַ ווײַלע געזעסן, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, טראַכטנדיק:

— איך ווייס, אַז מיר איז געטון געוואָרן אַ גרויס אומ־רעכט. איך גיי איצט אַהיים, און כ׳רעכן, אַז כ׳וועל איר אַלץ מוחל זיין.

ער האָט זיך אומגעקערט אין האָטעל אַריין. יוטאַ איז שוין דאָרט נישט געווען.

עס איז נאָך איר נישט געבליבן קיין שפּור, אַחוץ אַ לייכטער ריח פון יאַסמין.

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן.

זוכנדיק אין שאַנק אַ טיכעלע, האָט ער געפונען אַ קעס־טעלע פון סאַנדאַלהאָלץ, וואָס יוטאַ האָט, ווי ס׳ווייזט אויס, פאַר־געסן. ער האָט דאָס קעסטעלע געעפנט. ס׳איז דערין געלעגן אַ פאָרטריקנט בינטל בייכן און ברויניגס מוילקאָרב. דאָס זע־נען געווען די לעצטע בלומען, וואָס ברוינינג האָט איר גע־ברענגט אין פּיסק איינמאָל אין אַ פרימאָרגן.

קאַפּיטל 9

כ׳בעט אייך, פאַרשט מיך נישט, האַר זעליגמאַן — האָט פּאָל געבעטן. — נעמט בלויז אין אַכט, אַז כ׳וועל נישט אַרויסטרעטן נישט היינט און נישט מאָרגן, לאָזט מיך אויסרוען. איך ווייס אייער אַדרעס און די נומערן פון אייערע פיר טעלעפאָנען, וויבאַלד איך וועל נאָר קענען אַרבעטן, וועל איך צוויסן טון.

זעליגמאַן איז געווען נישט בלויז אַ גרויסער אויסנוצער, נאָר אויך אַ גוטער פּסיכאָלאָג. אָן צו רעדן מער אַ וואָרט, האָט ער אונטערגעשריבן אַ טשעק, האָט באַשטעלט פאַר פּאָלן אַן אָרט אין שלאָפוואַגאָן, האָט אים אָנגעגרייט פּאַפּיראָסן אויפן וועג און זיך מיט אים פריינטלעך געזעגנט, דריקנדיק אים וואַרעם די האַנט.

אָנקומענדיק קיין פּאַריז, איז פּאָל אַוועק זוכן יוטאַן אין „ווינטער-צירק".

ער האָט זי דאָרט נישט געפונען.

אויפן אַנדערן טאָג איז ער ווידער אַהינגעקומען: קיינער האָט זי נישט געזען, ער האָט זיך וועגן איר געפרעגט די דינער פון צירק, די אַרטיסטן — ס׳האָט זי קיינער נישט געזען, אַרויסגייענדיק, האָט ער אָנגעטראָפן דעם דירעקטאָר פון אָרקעסטער, וועלכער האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן קלאָגן אויפן אייגענעם גורל:

— איך, וואָס כ'בין באַשאַפן געוואָרן צו ריינער מוזיק, צו אמתער קונסט, מוז דיריגירן מיט אַ צירק-אָרקעסטער, פֿאַר־פֿאַמעלכערן אָדער פֿאַרשנעלערן דעם טאַקט פֿון וואַלס לויטן טעמפּאָ פֿון די פֿערדישע פֿיס, און מוז אָפּהאַקן אין דעם מאָ־מענט, ווען דער אַקראָבאַט שפּרינגט אַראָפּ פֿון טראַפּעז, און בלאָזן אין טרומייט, ווען דער כינעזער לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטריק, וואָס איז פֿאַרצויגן אין דער קווער. און ווען מ'גיט נאָך אַ טראַכט, אַז איך האָב קאָמפּאָנירט אַן אָפּערע „די באַרט־לאָמייאוס-נאַכט”, וואָס איך קען אינערגעץ נישט אויפֿפֿירן...

— אָבער וואו איז יוטאַ, יוטאַ שומאַן?

דער דירעקטאָר פֿון אָרקעסטער האָט אויך נישט גע־וואוסט, וואו ס'געפֿינט זיך יוטאַ שומאַן.

שוין צוויי נעכט, ווי פּאָל האָט נישט צוגעטון קיין אויג. די איינשלעפֿרונגסמיטלען האָבן אים איינגעוויגט אין אַ דע־נערווירנדיקן האַלבדרימל, אין אַ וואַכנדיקן דרימל, בעת וועלכן ער האָט געהערט דאָס גיכע קלאַפּן פֿון זיין אייגן האַרץ. פֿאַר־טאָג האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט און אַרויס אין גאַס אַריין. די ליידיקע, פֿאַרשלאָפֿענע גאַסן האָבן זיך געצויגן אין אַן אומ־ענדלעכער פּערספּעקטיוו. פּלוצלינג איז אים געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז יוטאַ האָט אפֿשר אָנגעשריבן צו אים אַ בריוו. האָט ער גיך זיך אומגעקערט אַהיים, כּדי אָפּצוּוואַרטן דעם בריוונטרעגער. ס'איז אָבער נישט אָנגעקומען קיין שום ידיעה פֿון איר. און אפֿשר אַ טעלעגראַם?...

ביי דער וואַנט זענען געשטאַנען די נישטגעעפֿנטע וואַ־ליזן. די האָטעל-עטיקעטן האָבן אים דערמאָנט אין דער נישט־וויטער פֿאַרגאַנגענהייט: האָטעל „אָאַזאַ” אין אַלזשיר, וואו ער האָט איר אָפּגעשפּילט די ערשטע אייפֿערזוכט־סצענע, וואָס אויף איר האָט יוטאַ געענטפֿערט מיטן אַפֿאָריזם: „אייפֿערזיכט איז אַ געפֿיל פֿון די ליידיקגייערס”. האָטעל „פּעראַ” אין קאָנס־טאַנטינאָפּאָל: ווידער אַ קליינע אייפֿערזוכט-סצענע צוליבן זאָטל, די מתּנה פֿון טערקישן אָפֿיציר. האָטעל „באַראָמע”; פּופּצן טעג פֿון אומגעשטערטער ליבע; „האָטעל פֿון די פּיראַמידן” אין קאַיראָ.

„האָטעל פֿון די פּיראַמידן”!

יוטא האָט געזאָגט... (אָ, ער געדענקט דאָס אויסגעצייכנט!)
יוטא האָט געזאָגט, ווען זיי זענען געגאַנגען אַראָפּ פון די טרעפּ — זי איז דעמאָלט געווען אָנגעטון אין אַ ראָזע קליידל — צום עסזאַל, וואו ס'האָבן הויך געגרוישט די ווענטילאַטאָרן:

— די ליבע, וואָס דויערט צו לאַנג, דאַרף מען היילן, ווי אַ כראָנישע קראַנקהייט, וואו מען דאַרף קינסטלעך צוויילן דעם קריזיס...

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן? — האָט ער איר דעמאָלט געפרעגט.

— דעם קריזיס קען מען אַרויסרופן מיט דער הילף פון אַ זיכער מיטל: אייפערזוכט!

אייפערזוכט!

— הייסט עס — איז פּאַל געקומען צום אויספיר, — אַז איר גאַנצער ווידוי איז געווען נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ מאַנעוור!

און פון דאָזיקן געדאַנק איז אים אַ ביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן.

אָבער די גענויע פּרטים, דער פעסטער טאָן, דער וואָרשיינלעכער אופן פונם דערציילן... —

די פּרישע ספיקות האָבן אים צעשטערט די שטימונג פון באַרואיקונג.

האָטעל „אַסטאָריאַ” אין מאַרסעל, האָטעל „בריסטאָל” אין מאָנאַקאָ. די יאַכט און דער אַנקער, רויטע לאָמפּן, גרינע לאָמפּן: האָטעל „פּלאַצאַ” אין רוים, פאַר דער קאַפּיטאָלישער וואָלפין: האָטעל „וועזוף”...

אין נעאַפּאָל האָט ער אַמאָל געזאָגט:

— דו ביסט אַ פרוי און אַ קינד צוגלייך. אַמאָל ווענד איך זיך צום קינד, און די דערוואַקסענע פרוי ענטפערט מיר מיט ווירדע: „איצט בין איך דאָ; ס'קינד איז אַוועק אין שול אַריין”. אַן אַנדערשמאָל גיי איך אויף אַ באַזוך צו דער פרוי, און מיר אַנטקעגן לויפט אַרויס אַ פריילעך, זאָרגלאָז קינד און רופט אויס: „די פרוי איז נישטאָ, נאָר דערפאַר בין איך דאָ”. און מאַכט מיר אַ חנדל...

יוטא האָט אויף דעם געענטפערט·

— אין דעם טאָג, ווען די פרוי וועט דיר אויפהערן צו געפעלן, וועט זיך דיר דאָס קינד אויסוויזן העסלעך. און פאַר יענעם טאָג האָב איך מורא.

פאָל האָט געטראַכט:

„כ'האָב מורא" — האָט זי געזאָגט, הייסט עס דאָך, אַז זי האָט מיך געליבט. האָט זי דאָך דעמאָלט געזאָגט ליגן, ווען זי האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זי האָט מיך קיינמאָל נישט געליבט.

האָטעל „טערמינוס"...

די האָטעל-פּאָרטיערן גיבן זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג דערפון, אַז דערמיט וואָס זיי קלעבן אָן די קאָלירטע קוויטלעך אויף די וואַליזן, באַצייכענען זיי די עטאַפּן פון עמעצנס פאַרפלאָנטערטע איבערלעבונגען.

האָטעל „פלאָרידאַ", מאַדריד. ער האָט זיך דערמאָנט אַ געוויסן דיאַלאָג:

— כ'קען נישט ליידן די פרויען, וואָס מוזן יעדעס מאָל, ווען זיי געפינען זיך אין וועג, ענדערן די שלעסער פון זייערע וואַליזן, ווארום זיי פאַרלירן כסדר די שליסלען.

— איך האָב נאָך קיינמאָל נישט פאַרלוירן קיין שליסל — האָט יוטאַ געענטפערט, — ווארום כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט גענוצט קיין שום נאַרישקייט. אַפילו ווען כ'בין נאָך אַ קינד געווען.

קומט דאָך אויס, אַז ס'איז נישט צו גלייבן אין דעם, אַז אַזאַ אומוויכטיקע סיבה, ווי ברויינינגס טויט, זאָל האָבן גורם געווען צו יוטאַס באַשלוס וועגן אַוועקפאָרן צוזאַמען מיט אים; גיכער איז אָנצונעמען, אַז די ליבע האָט איר באַוואוויגן צום דאָזיקן שריט.

די דערינערונג פון זייער צוזאַמענלעבן האָט אויפגעוואַכט אין אים, נישט וויכטיקע קליינינקייטן און וועזנטלעכע פאַסירונגען, בישטווילנדיק אַרויסגעזאָגטע ווערטער און וואַגיקע מיינונגען, ערנסטע דיסקוסיעס און דעליקאַטע נישטדערזאָגטקייטן.

ווידער האָט ער געזען יוטאַן, ווי זי ליגט אין אַ ליגשטול אויפן דעק פון דער שיף; ווידער האָט ער זי געזען

אויף די גאַסן פון אַלטן פּאַריז, ווי זי ווייזט אים די אייזערנע שטאַכעטן, וואָס אויף זיי האָט אָנגעשפּאַרט אירע ווייסע הענט מאַדאַם דיבאַרי ווידער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר זיינע אויגן די פּאַנאָראַמע פון די מאָלערישע גאַסן אין אַלזשיר, וועלכע ער האָט אַדורכגעמאָסטן האַנט ביי האַנט מיט דער געליבטער, וואָס האָט באַגערט איינדריקן. מ'האָט זיי געוואָרנט, אַז ס'איז אַ געפאַר אַריינצולאָזן זיך אין לאַבירינט פון דידאָזיקע געסלעך, איבערהויפּט אין דער געזעלשאַפט פון אַ פרוי, אָדער ביינאַכט. אָבער יוטאַ האָט זיך איינגעעקשנט, אַז זי וויל דווקא אַדורכוואַנדערן דידאָזיקע געסלעך ביינאַכט און אומקערן זיך פאַרטאָג. אַראַבער זענען געלעגן אויף מאַטן פאַר אַ מאַורישער קאַוויאַרניע, פּראָסטיטוטקעס, אָנגעטאָן אין זיידענע קליידער פון אַ ראָזן קאָליר, האָבן פויל פאַרבעטן צו „אַנדאַלוזישע טענץ, אַראַבישע טענץ". פלעקן פון הענע-קאָליר און פלעקן פון אינדיגאָ-קאָליר אויף די טרעפּ פון די באַזאַרן, וואָס פון זיי טראָגט זיך אַ ריח פון בענזאָעס. באַלאָדענע אייזלען האָבן געשפּאַנט אויפן וועג; און דאָס אַלץ איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ ריח, וואָס בלייבט שטענדיק אין זכרון, אַ וואַרעמער ריח פון פיש, מעלאָנען און יאַסמין.

פּאָל איז אַראָפּגעגאַנגען צום פּאָרטיער, כּדי געוואויר צו ווערן, צי ס'איז שוין אָנגעקומען די צווייטע פּאָסט. ער איז ווידער אַרויס אינדרויסן און אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן אָן שום אַ ציל. דער גערויש פון די שפּאַצירנדיקע מאַסן און די אויסגעשרייען פון די הענדלער האָבן אויף אַ רגע פאַריאָגט זיינע טרויעריקע געדאַנקען. ער איז פאַרקראָכן אַזש אויפן בערגל פון דער קירך „סאַקרע-קער" און האָט זיך אַנטציקט מיט דער ברייטער פּאַנאָראַמע פון פּאַריז, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט ביי זיינע פיס. דער „מזרח-וואָקזאַל", דער „צפון-וואָקזאַל", דער „אָרלעאַן-וואָקזאַל", דער „אינוואַלידן-וואָקזאַל", דער „ליאָן-וואָקזאַל", דער „מאָנפּאַרנאַס-וואָקזאַל": אַזוי פיל וואָקזאַלן! און וויפל בית-עולמס! איבער אַ טייל בית-הקברותן קורסירן טראַמוואַיען; אין שכנות פון אַ טייל בית-הקברותן געפינען זיך נאַכטלאָקאַלן, וואו ס'שפּילט אַ זשאַזבאַנד. ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ גערטנדל. אַ קינד האָט זיך גע-

שפילט מיט אַ בערגעלע זאַמד. אָן אַלטער האָט זיך געוואָרעמט אויף דער זון. ער האָט איבערגעליינט אָן אויפשריפט אויפן מאָנומענט פון שעוואַליע דע לאַ באַר: „געקעפּט געוואָרן אין עלטער פון ניינצן יאָר, ווייל ער האָט נישט באַגריסט אַ פּראָצעסיע". צופוסנס פון געקעפּטן איז געלעגן אַ בוך: „פילאָזאָפיש ווערטערבוך".

ווער ווייסט עפּעס וועגן יוטאַן?

יוטאַ האָט געזאָגט אַזוי:

— די אייפערזוכט באַזיצט די קראַפט פון אויפוועקן און פאַרשטאַרקן אויסגייענדיקע געפילן.

די דערינערונג וועגן דידאָזיקע ווערטער האָט אין אים געשטאַרקט די האָפענונג, אַז דער כלומרשטער ווידוי פון יוטאַן איז געווען נישט מער, ווי אַ טאַקטישער מאַנעוור פון איר זייט, כדי אויפצומונטערן די אָפּשטאַרבנדיקע ליבע.

די אָפּשטאַרבנדיקע ליבע! ערשט איצט האָט ער דערפילט, ווי שטאַרק דידאָזיקע ליבע האָט געגליט אין זיין האַרצן. ער האָט איצט באַגריפן, אַז די נאַרישע פויליקייט, וואָס איז געוואָרן אַרויסגערופן אין אים דורך דער זיכערקייט פון באַזיצן, האָט אים גלייכצייטיק דערפירט צו דער פעסטשטעלונג פונם פאַקט, אַז יוטאַ האָט אים אויפגעהערט צו זיין טייער. זייענדיג איבערצייגט, אַז זיין געליבטע וועט אים קיינמאָל נישט פאַרראַטן, האָט ער וועגן אָט דער מעגלעכקייט געטראַכט אָן מורא.

ווידער זענען אים געקומען אויפן זכרון די פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן אַלציביאַדעסן, וועגן דיכטער, וועגן אומבאַקאַנטן, וועגן בלינדן שמואל לעווי.

זי האָט זיך איבערגעגעבן זיין בעסטן פריינט, זי האָט געוואָלט צוזעשטערן די ריינסטע פריינטשאַפט. נאָר פאַר אים איינעם וואָלט ער געקענט אויסגיסן זיין ביטער האַרץ. אָבער וויאַזוי וועט ער אים קענען דאָס דערציילן?...

פּאָל האָט איצט מער קיינעם נישט געקענט אין פּאַריז. אָבער פּאַריז האָט אים געקענט. האַלב פּאַריז האָט אַפּלאָדירט זיינע אויפטריטן. אָבער ווער וואָלט איצט דערלאַנגט אים אַ מיטפיהלנדיקע האַנט, איצט, אין מאָמענט פון אַן אומגליק? ער

האָט נישט געהאַט פאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן. און פאַר שמואלן נאָך ווייניקער, ווי פאַר עמעצן אַנדערש...

נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין רעכענונג דערפון, איז ער געגאַנגען אין דער ריכטונג צו דער גאַס, וואו ס'האָט געוואוינט שמואל לעווי.

— — — — — — — — — — — —

דער בלינדער האָט אים אויפגענומען זייער האַרציק. ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט פּאָלס ברויזנדיקע רייד, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגערופן:

— דידאָזיקע ליבע איז פאַר דיר געווען, ווי אַ הערבסט-ווינט: זי האָט אָפּגעבראָכן די פאַרטריקנטע צווייגן און אַוועק-געקערט די פאַרוועלקטע בלעטער. זי האָט דיר איבערגעלאָזט דאָס, וואָס איז אין דיר דאָס קערנדיקסטע: דיין אינטעליגענץ.

— דו פאַבריצירסט קינסטלעכע משלים — האָט אים פּאָל קאַלט איבערגעריסן, — פּונקט ווי דו וואָלסט דיר נישט אָפּ-געגעבן קיין רעכענונג פון מיין פאַרצווייפלונג.

— דאָס וועט פאַרביי.

— כ'ווייס — האָט פּאָל געענטפערט: — דער אַרט ליידן איז, ווי הייסע, שוואַרצע קאַווע, וואָס איז אויסגעגאָסן גע-וואָרן אויף עמעצנס הויזן: זיי לאָזן נישט איבער קיין פלעק.

— זעט אויס, אַז דו פאַבריצירסט גאָר משלים.

דאָס איז געווען בלויז דער פאָרשפּיל צום קריג. אין פּאָלן האָט געגליט דער באַגער געוואָר צו ווערן אַנדערע זאַכן:

— איז עס אמת, אַז זי האָט זיך דיר אָפּגעגעבן?

— ווער?

— זי.

— ווער איז עס די זי?

— יוטאַ.

דער בלינדער האָט אַלץ נישט פאַרשטאַנען.

— וואָס רעדסטו?

פּאָל האָט אים דערציילט וואָרט ביי וואָרט יוטאַס ווידוי מיט אַלע פּרטים און נעמען. צום סוף האָט ער אָנגעכאַפּט דעם בלינדנס האַנט און געזאָגט מיט געבעט אין קול:

— דערצייל מיר דעם גאַנצן אמת.

דער בלינדער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, און זיין קול האָט זיך נישט געמערקט די מינדסטע אויפרעגונג:

— קינד וואָס דו ביסט! ווען כ׳וועל דיר זאָגן, אַז כ׳האָב זי געזען נאָר איין מאָל אין לעבן, נעמלעך, אויפן בית-עולם מאָנמאַרטר, אין דיין אָנוועזנהייט, קענסטו דאָך מיר נישט גלייבן. דעריבער וועל איך דיר זאָגן עפּעס מער איבערצייגנדיקעס: גיב אַ קוק אויף מיר! זעסט אָט דאָס אומגעראַזירטע פּנים? אָט די נישטמאָדישע קליידער, די שלעכט געשטייפטע מאַנזשעטן, די ביליקע ספּינקעס און דעם פּאַרטיקן קראַוואַט? און די דירה? זעט דען אַזוי אויס אַ „גאַרסאָניער״? צי רעכנסטו, אַז מיינע הענט, וואָס זוכן אַ טרייסט אין לייענען פילאָזאָפישע ווערק מיט דער הילף פון בולטע אותיות, וועלן אָן מורא אָנרירן אַזאַ טייערע און באַאומרואיקנדיקע זאַך, ווי אַ פרויענקערפּער? איך האָב זיך געשאַפן אַן אידעאַלע און רואיקע וועלט; ווי קענסטו אַלזוי טראַכטן, אַז איך קען ביי זיך באַשליסן צו דערנעענטערן זיך צו אַ פרויענהאַרץ, וואָס עס וואָלט באַטייט אַן אומפאַרגלייכלעכער פאַקט פון צעשטערן דאָס גלעזערנע הויז, וואָס אין אים האָב איך זיך באַזעצט? דאָס וואָלט געווען אַן אייגנווילּיקע דערנעענטערונג צום ראַנד פון תהום.

כ׳האָב דיר שוין געהאַט דערציילט, אַז יעטוועדן אָוונט גיי איך אין סינאַגאָגע אַריין און פאַרטיף זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל די קעגנוואַרט איז פאַר מיר נישט געניגנד. כ׳גיי נישט דאָרט אַהין, כדי צו דאַווענען. איך האַלט, אַז דאָס, וואָס קומט פאָר אויף דער ערד, איז מיטן ווילן און וויסן פון גאָט, נאָר איך גלייב נישט, אַז די באַשטימטע נוסחאות, וואָס מענטשן רופן דאָס אָן תפילות, זאָלן אים איבערצייגן וועגן דער נויטווענדיקייט צו דערווייטערן שלעכטס, אָדער צו מילדערן יסורים, און כ׳האַלט אויך נישט, אַז אים איז נייטיק מיין מיינונג וועגן דער פאַרגיטיקונג פון עמעצנס אַן עולה, אָדער גאָר צו פאַרענדיקן אַ מלחמה. איך גיי אין סינאַגאָגע אַריין, כדי צו געפינען זיך דאָרט אין דער סביבה פון מיינע אָבות, ווייבאַלד ס׳איז מיר נישט באַשערט געווען צו געפינען זיך צווישן מיינע קינדער, און ווייבאַלד איך בין נישט פעיק אָנצוקניפּן אַ מיינונגס-אויסטויש מיט מיינע בני-הדור.

כדי זיך צו פאַרהיטן קעגן סקלעראָז פון גייסט, וואָס קומט ווי אַ רעזולטאַט פון גלויבן, האָב איך אויף די עלאַסטישקייט פון די אַרטעריעס דורך לייענען ביכער איבער פיזיק, אַסטראָנאָמיע און נאַטורוויסנשאַפט. אויך דידאַקטיקע ביכער דערפירן מיך צו אמונה, אָבער מיט אַנדערע וועגן. אין גלויבן פירן מיך נישט אַריין נישט די נביאים, נישט די אַפּאָסטאָלן, נישט די קירכנפאָטער אָדער די טעאָלאָגן; איך גיי נישט אַריין דורכן הויפּטאייַנגאַנג, נאָר גנבע זיך אַריין דורך דער קיך-טיר, מיט אַ קירצערן וועג: מיטן וועג פון דער וויסנשאַפט. פרוי, איבערלעבעניש, דערדאָזיקער קליינער כעמישער עקספּערימענט, וואָס רופט זיך ליבע, אינטערעסירן מיך נישט אויף אַ האָר, וואָרום וויבאַלד ס'פעלט מיר דאָס טאָגליכט פאַר מיינע אויגן, פעלט מיר ממילא די אָנרעגונג פון דרויסן. מיט פופצן יאָר צוריק, ווען כ'בין נאָכנישט געווען בלינד און ס'האָבן מיר נישט געפעלט די מעגלעכקייטן פאַר ליבע-אַוואַנטורעס, האָט מיר אַמאָל געזאָגט איינע אַן אינטעליגענטע, אָבער קאַלטע פרוי אַזאַ דעפיניציע: „L'amour c'est salir pour rien"*).

אָבער ווען אַפילו מיטן לעצטן פלאַם פון מיין נאָכנישט אינגאַנצן פאַרלאָשענער יוגנט וואָלט זיך אין מיר אָנגעצונדן אַ גלוסטונג צו דיין געליבטע, — גלייב מיר, אַז כ'וואָלט זיך אַליין געקענט צוימען. אָ, ניין; נישט צוליב מיין געטריישאַפט צו דיר. האָלט מיך נישט פאַר אַזאַ גרויסמוטיקן! איך ווייס, אַז די ליידנשאַפט ברעכט דורך אָט די סענטימענטאַלע שטערונגען; אָבער איך וואָלט קיינמאָל נישט זיך אַנטשלאָסן דערויף, צו פאַרליבן זיך אין אַ פרוי, וואָס געהערט צו אַן אַנדערן. ס'איז אויף דער וועלט נישטאָ נאָך אַזאַ טרויעריקע זאַך, ווי דער געדאַנק, אַז זי איז גלייך פון אַן אַנדערס אָרעמס אַריינגעפאַלן אין מיינע אָרעמס...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, פאָל האָט נישט איבערגעריסן די שטילקייט. דער בלינדער האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן:

— צווישן מיר און דיין געליבטע איז גאָרנישט פאָרגעקומען. אַפילו נישט אין געדאַנק. גיב מיר די האַנט. איך

*) ליבע איז אַ געמיינער, נישטיקער ענין.

שווער דיר אויף דעם, וואָס איך זאָג דיר דאָ, ביי מיין ערנ־וואָרט.

— דו ביסט אַן אָרנטלעכער מענטש.

— כ׳בין בלינד.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אָנלען פון פּאָטעל, פאַר־וואַרפנדיק דעם קאָפּ אויף הינטן. פּאָל האָט געשוויגן. ס׳האָט זיך נאָר געהערט דער טיק־טאַק פון זייגער.

שמואל לעווי האָט ווייטער גערעדט, פאַרבלייבנדיק אַזוי אין דערדאָזיקער פּאָזע:

— איך ווייס, אַז דו קוקסט אין דאָזיקן מאָמענט אויף מיר. דו באַמיסט זיך אַרויסצולייענען פון מיינע אויסגעלאָשע־נע אויגן, צי כ׳האָב דיר דעם אמת געזאָגט. אָך, מיין אָרע־מער פריינט! איך האָב אויסגעלאָשן דאָס ליכט פון מיינע אויגן, דערפאַר וואָס כ׳האָב דעם אמת נישט געזען, אָדער האָב אים נישט געקענט דערזען, טאָ ווי זשע קענסטו מיינען, אַז כ׳וויל איצט מיט מיינע אויסגעלאָשענע אויגן באַהאַלטן פון דיר אַזאַ נעבעכדיקן אמת?

— — — — — — — — — — — —

פּאָל האָט זיך אומגעקערט אַהיים, כדי געוואָר צו ווערן, צי ס׳איז נישט אָנגעקומען אַ בריוו פון יוטאַן.

ער האָט געטראָפן יוטאַן אַליין.

זי איז געגאַנגען אַראָפּ פון די טרעפּ אין דעם מאָמענט, ווען פּאָל איז אַרויפגעגאַנגען. אין אים האָט אַ וואָך־אויף גע־טון אַ ווילן אַריינצוכאַפּן זי אין זיינע אָרעמס, ווי אַ דערטרונ־קענע, כדי זי אַרויסצוטראָגן אויפן ברעג. ער האָט פון גע־רירטקייט אויפגעציטערט.

זיי זענען געשטאַנען איינער קעגן צווייטן אויג אויף אויג. נאָר אין דעמזעלבן מאָמענט איז אין אים פאָרגעקומען אַ דערשיינונג פון מאָראַלישער וואַקלדיקייט, וואָס קומט אַזוי אָפּט פאָר ביי געליבטע, ווען איין צד באַגערט, און דער צווייטער שטויסט אָפּ, ווען איין צד אַנטלויפט, און דער צווייטער יאָגט נאָך, ווען איין צד בלייבט שטיין, און דער צווייטער דערנענטערט זיך, ווען איין צד קערט זיך אָפּ, און דער צווייטער איילט נאָך. פּאָל וואָלט אַוועקגעגעבן

אַ האַלב לעבן, אַז יוטאַ זאָל זיך אומקערן, און די צווייטע העלפט — אַז יענע פאַרראַטן זאָלן קיינמאָל נישט האָבן פאַר־געקומען. ער איז שוין געווען זיכער, אַז יוטאַ האָט אים נישט פאַרראַטן מיט זיין בלינדן פריינט. און אַט שטייט יוטאַ פאַר אים און וויל זיך צו אים צוריקקערן.

— איך האָב געוואָלט איבערטאַסירן די קאָרטן — האָט זיך יוטאַ אָפּגערופן, ווען זיי זענען אַריין אין צימער: — די שפּיל איז געוואָרן צו איינטאָניק. כ׳וועל דיר אָפן זאָגן: לאָמיר ווידער אָנהייבן די שפּיל אויפסניי.

פּאָל האָט געענטפערט בלויז אַט די ווערטער:

— כ׳ליב דיך נישט מער.

ער האָט דאָס געזאָגט צוליב אַן אינערלעכן באַגער צו דערנידעריקן יוטאַן. ער האָט שוין איצט געוואוסט, אַז זי איז אים נישט געווען אומטריי, אָבער ער האָט זי געוואָלט באַ־שטראָפן, פּונקט ווי דאָס וואָלט טאַקע פּאַסירט.

— גלייבסטו, אַז איך קען דיך פאַרלאָזן? — האָט זי רואיק געפרעגט.

— איך גלייב.

— און איך גלייב נישט דערין, וואָס דו האָסט איצט געזאָגט.

זי האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ בליישטיפט און אָנגע־שריבן אייניקע ווערטער אויפן ראַנד פון אַ צייטונג.

— אַט האָסטו: קענסט צו מיר שרייבן אויפן דאָזיקן אַדרעס.

און גלייך האָט זי צוגעגעבן:

— וועסט דערלויבן, אַז כ׳זאָל דיר עפּעס איבערלאָזן אַן אָנדענק?

און זי האָט אַרויסגענומען פון זעלבן טאַש אַ שמאָל גלעזערן רערל און עס שטאַרק אַ זעץ געטון אָן דער וואַנט. אַ שטאַרקער ריח פון יאַסמין האָט אָנגעפילט דאָס צימער, איז אַריינגעדרונגען אין ביכערשאַנק און זיך אַריינגעזאַפּט צווישן די ביכער.

פּאָל האָט געשוויגן. אַפילו אין דעם מאָמענט, ווען יוטאַ האָט זיך פאַמעלעך דערנענטערט צו דער טיר, ווי אָפּהאַלטנדיק זיך פון

צו מאַכן דעם לעצטן שריט, ווי אין דערוואַרטונג, אַז ער וועט זי נישט לאָזן אָנדריקן די קליאַמקע. זי איז אַרויס, איבער־צייגט, אַז פּאָל וועט זי צוריקרופן. אָבער ער האָט געוואַרט, אַז זי זאָל זיך אַליין אומקערן. דער עכאָ פון אירע טריט אויף די טרעפּ איז געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. יוטאַ האָט געוואַרט אויפן רוף: „יוטאַ, קער זיך אום!" — און פּאָלן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יוטאַ וועט זיך אומקערן אַ פאַרוויינטע און וועט ביי אים בעטן, ער זאָל איר מוחל זיין.

נאָר יוטאַ האָט זיך נישט אומגעקערט.

פּאָל איז אַרויסגעלאָפן אויפן באַלקאָן, וועלנדיק זי צו־ריקרופן פון דער גאַס. נאָר אין זעלבן מאָמענט האָט זי זיך אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָ.

ער איז צוריק אַריין אין צימער. דער יאַסמין פון דער גאַנצער וועלט האָט דאָ פאַרשפּרייט זיין דופט און אויף אים אָנגעוואָרפן אַ טויטאַנגסט.

פּאָל האָט איבערגעלייענט די ווערטער, וואָס יוטאַ האָט אָנגעשריבן אויפן ראַנד פון דער צייטונג:

„יוטאַ פּאַסקאַל, גראַנד־האָטעל, ברעמען".

פּאַסקאַל!

פּאַסקאַל: דער יונגער, שיינער אַקטיאָר. דער פּרייסישער גרענאַדיר.

פּאָל איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון די צוויי ווערטער: יוטאַ פּאַסקאַל.

— — — — — — — — — — — —

מיט אַ פערטל שעה שפּעטער האָט ער זיך געלאָזט אַרויס־גיין אין גאַס אַריין. פונם פאַרשיכורנדיקן ריח פון יאַסמין האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ, ווי פון וויין. פון די טרעפּ האָט ער זיך אומגעקערט, כדי אויפצועפענען ס'פענסטער אין צימער. אָבער ער האָט עס באַלד צוריק פאַרמאַכט, כדי ס'זאָל גאָרנישט אויסוועפן פון דאָזיקן פאַרשאָלטענעם און כישופדיקן דופט.

ער האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן פון פּאַריז אָן אַ ציל, אָן אַ געדאַנק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר די וויטרינעס, וואָס האָבן אים נישט אינטערעסירט, האָט איבערגעלייענט רע־

קלאַמעס, נישט פאַרשטייענדיק פון דעם אַ וואָרט. פלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן צו לויפן צווישן די דורכגייער, פונקט ווי ס'וואָלט אים עמעצער געיאָגט. ער איז אַריין אין גאַראַזש, איז איינגעשטיגן אין אויטאָ, האָט זיך געלאָזט פאָרן גיך, ווי אַ ווינט, איבערן שאָסיי, ביז צו די אומפּאַרביקע, פויערישע הייזלעך, האָט זיך האַסטיק אומגעקערט און ווידער זיך געפונען אין פּאַריז.

יוטאַס העגט זענען געווען אַמאָל אָנגעשפּאַרט אויפן דאָ-זיקן קערעוועדל... ער איז אַוועק אַהיים, כדי געוואָר צו ווערן, צי איז עמעצער דערוויילע ביי אים נישט געווען. יוטאַס העגט האָבן זיך צוגערירט צו אָט דער באַריערע, האָבן אָנ-געדריקט אָט דאָס גלעקל...

ס'איז קיין שום טעלעגראַם נישט געווען און קיינער האָט זיך אויף אים נישט געפרעגט.

„פּאַסקאַל!... יוטאַ פּאַסקאַל. גראַנד-האָטעל, ברעמען". — וואָס עפּעס ברעמען?

די קנאה וועגן איר פאַרגאַנגענהייט האָט זיך איז אים פאַראייניקט מיט דער קנאה וועגן איר קעגנוואַרט.

ער האָט געטראַכט:

„איז, הייסט עס, אַזוי... פּאַסקאַל איז נישט געווען איר גע-ליבטער. זי האָט זיך דאָך פאַר מיר מודה געווען אין אַלעם. צו וואָס האָט זי געדאַרפט באַהאַלטן פאַר מיר איר באַציאונג צו פּאַסקאַלן? עפּעס פּונקט אים? און אפשר איז דאָס אַלץ געווען נישט אמת? ס'איז נאָר אמת געווען דאָס, וואָס זי האָט פאַר מיר פאַרהוילן?

ער איז אַריין אין אַ קליינע קאַווייאַרניע. האָט געהייסן דערלאַנגען שטאַרקן מאָקאַ און פּאַפּיר מיט טינט.

ער האָט פאַרשריבן פיר גאַנצע זייטן, דערנאָך נאָך פיר; האָט דעם קעלנער געהייסן דערלאַנגען נאָך אַ בייגעלע פּאַפּיר. האָט דעם בריוו פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„... אויב מיין רו האָט פאַר דיר כאָטש דעם מינדסטן ווערט, בעט איך דיך: שרייב מיר! שרייב מיר: צי איז דאָס אמת, אַז דו האָסט מיך פאַרראַטן? צי איז דער ווידוי פון יענער נאַכט אין בערלין אמת, אָדער אויסגעטראַכט?"

ער איז אַוועק אויפן וואָקזאַל, כדי אַליין אַרייַנצוּוואַרפן דעם בריוו אין פּאָסטוואַגאָן.

ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט אים דער פּאָרטיער געמאָלדן, אַז ווען ער איז געווען אין גאַס, איז געקומען צו אים עפּעס אַ פרוי.

— אַ פרוי, צי אַ דאַמע?

— אַ דאַמע, דאַכט זיך מיר.

— ווי האָט זי אויסגעזען?

— כ'האָב זיך צו איר נישט צוגעקוקט.

— אַ יונגע?

— אפשר פון אַ יאָר דרייסיק.

— דרייסיק צי פינפאונדרייסיק?

— מעגלעך גאָר, אַז פינפאונצוואָנציק.

— זי איז געווען אַ בלאָנדע?

— כ'ווייס דאָרט, קען זיין אַ בלאָנדע.

— אויף וואָסער שפּראַך האָט זי גערעדט, און וואָס האָט זי געזאָגט?

אויף פראַנצייזיש. זי האָט זיך געפרעגט, ווען איר וועט אַהיימקומען.

— זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט נאָך אַהער קומען?

— זי האָט גאָרנישט געזאָגט.

— איז זי שוין געווען דאָ אַמאָל?

— דאָ דרייען זיך אַסך מענטשן. איך קען זיי נישט אַלעמען.

— ווי איז זי געווען אָנגעטון?

— זי האָט געטראָגן אַ פּאַלטאָ.

— אַ פּאַלטאָ, צי אַ פוטער?

— דאַכט זיך מיר, אַ פוטער.

— האָט זי נישט איבערגעלאָזט איר וויזיטקאַרטע?

— זי האָט גאָרנישט איבערגעלאָזט.

— דאָס האָט געמוזט זיין נאָר זי אַליין — האָט פּאָל געטראַכט, — קיין אַנדערער וואָלט דאָך מיך נישט געזוכט דאָ, וואָרום איך בין דאָך שוין אַזאַ צייט נישט געווען אין פּאַריז. זאָל עס זיין מיין שוועסטער? מיין שוועסטער ווייסט

אַפילו נישט, אַז איך געפין זיך אין פּאַריז; און צווייטנס, זי וואָלט נישט געקומען, נישט שיקנדיק מיר פריער אַ בריוו.

ער איז געבליבן שטיין פאַרן הויז. פון די מאַגאַזינען זענען אַרויסגעגאַנגען מיידלעך. דאָס איז געווען מיטוואָך. דער געדאַנק, אַז יוטאַ האָט אים ווידעראַמאָל געזוכט, האָט אים אָנגע-פילט מיט גליק. ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט צו די שלאַנקע, נעטע מיידלעך, וואָס פאַרשפּרייטן איבער די פּאַריזער גאַסן זייער פרישקייט און לעבנספרייד. וואָסערע ליבע באַשעפעניש! ווען זיי האָבן פינפאונדרייסיק פראַנק קויפן זיי זיך אַ פּאָר זיידענע זאָקן. און אויב עס בלייבט זיי נאָך איבער פינף פראַנק, איז איידער צו גיין עסן אַ מיטאָג, גייען זיי בעסער אַוועק אין אַ דאַנסינג אַ ביסל טאַנצן.

אַ האַלבע שעה האָט פּאָל געוואַרט פאַרן טויער. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַריינגעזעצט אין אויטאָ, נאָר ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט אַלץ געוואַרט, מיט ביידע הענט אויפן קערעווערעדל, וואָס יוטאַס הענט האָבן געפלעגט האַלטן.

— איר איילט זיך נישט, אמת? — האָט אים צוגעוואָרפן איינע פון די דורכגייענדיקע מיידלעך.

— ניין — האָט פּאָל געענטפערט.

— ווילט איר מיך צופירן צום מאַגאַזין?

און אַ נעט פּיסל האָט זיך אַריינגעגליטשט אין אויטאָ אַריין.

— וואָסער פּרעכטיקן אויטאָ איר האָט — האָט זיך אַנט-ציקט די פריילן, זעענדיק די מיט לעדער אויסגעבעטע בענקלעך.

פּאָל האָט אַ דריק געטון דעם טאָרמאַז.

— ווען מיר זיך אַ ביסל דורכפאָרן? — האָט ער גע-פרעגט. — וואו געפינט זיך אייער מאַגאַזין און ווען מוזט איר דאָרט זיין?

דאָס מיידל האָט אים אויף אַלץ גענוי געענטפערט. זי טאָר זיך נישט פאַרשפּעטיקן. נאָר סוף וואָך וועט זי האָבן אַ פרייען נאָכמיטאָג. זי האָט ליב די מאַלפּעלעך אין „זשאַר-דען דע פלאַנטס", אַנאַנאַס אין קאָניאַק און שמאַראַגדן. אַז

זי קומט אַהיים נאָך צוועלף אַזייגער ביינאַכט, בייזערט זיך זייער אויף איר די מוטער, טיילמאָל גיט זי איר אַפּילו אַ שטויס, נאָר מ׳קען שטענדיק געפינען אַן אויסרייד, אַז מ׳איז געווען ביי אַ חברטע. פאָלס אויטאָ איז אַזאַ אָנגענעמער, נאָר איר געפעלט בעסער „ראָלס-ראָיס". די „היספּאַנאָ-סואיז"ן זענען אויך נישט מיאוס. פאַנטאָפּעלעך אויף גומענע אָבצאַסן וואָלטן זייער באַקוועם געווען, נאָר דער פוס דערוואַרעמט זיך אין זיי צו שטאַרק. ווען זי וואָלט געהאַט אַ קליין טעכטערל, וואָלט זי עס אָנגערופן העלאָיזאַ. אָפּיצירן זענען סימפּאַטיש, ווייל ס׳פּילט זיך פון זיי אַ ריח פון לעדער. זי וואָלט שרעקלעך געוואָלט זען די נייע רעווי אין „פאָלי-בערזשערע".

ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן מאַגאַזין, האָט זי שטיל אַ זאָג געטון, אַרויסשטייגנדיק פון אויטאָ:

— צום ווידערזען! — זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט. — כ׳גיי יעדן טאָג אַוועק פון דער אַרבעט זעקס אַ זייגער אינאָוונט.

— — — — — — — — — — — —

שמואל לעווי האָט מספּים געווען אויף פאָלס פאָרשלאַג צו מאַכן אינאיינעם אַ שפּאַציר מיטן אויטאָ. צוערשט זענען זיי אַוועק צו פאָלס וואוינונג. קיין שום ידיעה וועגן יוטאַ איז נישט אָנגעקומען.

— כ׳פּיל דיין ווייטיק — האָט דער בלינדער געפּרווט אים צו טרייסטן, ווען דער אויטאָ האָט פאַרקערעוועט אויפן שאָסיי, וואָס פירט קיין ווערסאַל. — מאַרק לעפּידוס איז געשטאָרבן פון ליבע צו זיין פרוי אַפּולעאַ, וועלכע האָט אים אָפּגעשטויסן.

— אויב דו מיינסט, אַז מיך גייען אָן מאַרק לעפּידוס׳ פּריוואַטע ענינים — האָט זיך אָפּגערופן פאָל, אָנדריקנדיק ס׳הענטל אויף דער צווייטער שנעלקייט, — האָסטו אַ גרויסן טעות. ווייסט, וואָס פאַראַ פּלאַן ס׳איז ביי מיר געבוירן געוואָרן? כ׳וועל חתונה האָבן. אַ נאָרמאַלער מצב וועט ענדערן די פיזיאָגנאָמיע פון מיין לעבן, און כ׳גלייב, אַז אין אָט די באַדינגונגען וועל איך לייכטער פאַרגעסן אָן יוטאַן.

דער בלינדער האָט געשמייכלט:

— ז'י זאָגסט עס דערפֿאַר, ווייל דו ביסט זיכער, אַז זי וועט צו דיר זיך אומקערן. ביסט איצט אויך אַרויס פון שטוב, כדי נישט צו וואַרטן אויף איר. דו ווילסט, אַז זי זאָל דיך זוכן און נישט קענען דיך געפינען. ווילסט זי זען ביי דיינע פיס.

— ניין. כ'וויל נאָר אָן איר פאַרגעסן. כ'וויל זי אויפהערן צו ליבן.

— כ'גלייב דיר. אָבער דאָס חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער איז נישט קיין רפואה דערצו. חתונה האָבן מיט איינער, כדי צו פאַרגעסן אָן אַ צווייטער? אָבער, מענטש איינער, מיט וועמען ווילסטו חתונה האָבן? מיט אַ זעקל מעל? מיט אַ גראַמאָפאָן? מוזט דאָך חתונה האָבן מיט אַ פרוי. אויב דו וועסט זי ליבן, וועט עס דיר פאַרשאַפן פונקט אַזוי פיל ווייטיק, ווי דיין לעצטע ליבע. וועסטו זי ווידער נישט ליבן, וועסטו זיך פאַרליבן אין אַ דריטער, וואָס וועט דיך ווייטער פייניקן. און וועסט זיך אַפילו נישט קענען אונטערגעבן די פייניקונגען מיט אַ ריין געוויסן, וואָרום אינדערהיים וועט אויף דיר וואַרטן דיין פרוי.

פאָל האָט מיט אַ שטייפן בליק געקוקט אויפן שוואַרצן אַספאַלט און געטראַכט, וויפל אַ זייגער וואָלט יוטאַ געקענט דערהאַלטן זיין בריוו, ווען זי וואָלט זיך געפונען אין ברעמען. אָבער יוטאַ איז דאָך זיכער אין פּאַריז. יוטאַ האָט זיך דאָך אויף אים נאָכגעפרעגט. דעם פּאָרטיערס תשובות האָבן נישט געקענט איבערלאָזן קיין ספק דערין. וועט אַלזוי דער נאַרישער בריוו, וואָס אין אים דערפרעגט ער זיך ביי איר, צי ס'איז געווען אמת אין איר מודה זיין זיך פאַר אים, גאָרנישט אָנקומען צו איר אין דער האַנט אַריין.

אָבער פאָל האָט אַ טעות געהאַט.

אויפן צווייטן טאָג האָט ער דערהאַלטן פון ברעמען אַ טעלעגראַם, וואָס איז געווען אַ בפירושער ענטפער אויף זיין פראַגע:

„אַלץ איז אמת".

— — — — — — — — — — — —

דער ריח פון יאַסמין האָט אָנגעפילט אויך די שכנותדי־קע שטובן.

מיט איר אינטעליגענטער פאַררעטערישקייט, האָט יוטאַ געוואוסט, אַז כדי אָוועקצורייבן די רו ביי אַ מאַן, דאַרף מען אים באַרוישן מיט דער אַטמאָספער פון אַ פרויענקערפּער.

אויפן טיש איז געלעגן דער טעלעגראַם פון יוטאַ: „אַלץ איז אמת".

פּאָל האָט גענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר און אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו צו יוטאַן. ער האָט אין דעם בריוו דערקלערט, אַז איר מודה זיין זיך אין כסדרדיקע פאַרראַטן ווייזט זיך אים אויס, ווי אויסגעטראַכט און ווי אַ געשיקטער מאַנעוור, און ביים סוף פון בריוו בעט ער זי, אַז זי זאָל צו אים צוריק־קערן.

און ווידער האָט ער אָוועקגעטראָגן דעם בריוו אויפן וואָקזאַל.

אויף צוריקוועגס איז ער פאַרבייגעגאַנגען דעם מאַגאַזין, וואו ס'האָט געאַרבעט דאָס מיידל, וואָס ער האָט געהאַט אָפּ־געפירט מיט זיין אויטאָ צו דער אַרבעט. אין רעסטאָראַן איז ער אויסערלעך געוואָרן אַ ביסל מונטערער. אין טעאַטער פּאָלי־בערזשערע האָט ער נישט אַרויסגעוויזן זיין גלייכגילטיקייט צו דער פאָרשטעלונג. דאָס מיידל האָט, אומקערנדיק זיך אַהיים, דאָסמאָל נישט געדאַרפט אויסטראַכטן אַ תירוץ פאַר דער מוטער, וואָרום ס'איז ערשט געווען צוועלף אַ זייגער. צום ערשטן מאָל טרעפט זיך איר, אַז אַ מאַן זאָל זי אָפּפירן אַהיים, נישט פּרווונדיק איר אַפילו אַ קוש טון. אָבער נאָך אַ מער מערקווירדיקע זאַך איז פאָרגעקומען אויפן אַנדערן טאָג: אַ שליח האָט איר געבראַכט אַ פּעקעלע פון אַ יובילער פון סען־האָנאָרע גאַס. אין פּעקעלע האָט זיך געפונען אַ שמאַראַגד.

דאָס מיידל, וואָס האָט ליב געהאַט שמאַראַגדן, מאַלפּע־לעך און אַנאַנאַס אין קאָניאַק, האָט יעדן טאָג ביים אַרויסגיין פון מאַגאַזין אָפּגעוואַרט פּאָלן. נאָר זי האָט געוואַרט אומזיסט.

פּאָל האָט געשיקט דער שכנטע פון פּאַרטער, וואָס פלעגט וואַשן די פּאָדלאָגע אין גומענע הענטשקעס, אַ בינטל שיינע רויזן. אייגנע פון זייבע פּאַרעריגנס, וואָס האָט אים צוגע־

שיקט אַ ליבע־בריוו, האָט ער געשיקט אַ מתּנה אַ פוטער. אָבער ער האָט דערפאַר נישט געפּאָדערט קיין קוש. יעדן טאָג פלעגט ער פאַרברענגען אין עלעגאַנטע רעסטאָראַנען מיט פאַרשידענע פרויען.

איינמאָל האָט אים אַ יונגע דאַמע מיט נאַיווע אויגן, דערמאָנענדיק זיך, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ ריכטער, גע־שטעלט אַ יורידישע פראַגע:

— ווען ס'קומט דער טערמין צו צאָלן אַ וועקסל, וואָס דאַרף מען טון, כּדי נישט צו דערלאָזן צו אַ פּראָטעסט?

— מ'דאַרף באַצאָלן.

— און אַז מ'קען נישט?

— דאַרף מען מיר שיקן ס'וועקסל.

די דאַמע האָט שוין דאָס וועקסל צום פּראָטעסט נישט דערלאָזט.

נישטגעקוקט אויף דעם אַלעם, האָט פּאָל ביי יעדן מאָל אַדורכגיין די גאַס אָדער די זאַלן פון אַ רעסטאָראַן, אָדער אין טעאַטער, זיך אינסטינקטיוו אומקוקן, צי גע־פינט זיך יוטאַ נישט דאָ ערגעץ. ס'איז געווען העכסט וואונ־דערלעך, אַז זי האָט זיך אומגעקערט קיין פּאַריז, וואָרום אויפן צווייטן בריוו האָט ער נישט באַקומען קיין ענטפער.

— אין משך פון אַ חודש האָסטו אויסגעגעבן הונדערט טויזנט פראַנק אויף פרויען, וואָס דו קענסט זיי נישט כּמעט, וואָס זענען נישט געווען אַפילו דיינע צייטווייליקע געליבטע. דאָס איז דאָך אַ משוגעת! — האָט אים זיין בלינדער פריינט פאָרגעוואָרפן.

— האָסט אַ טעות — האָט אים פּאָל געענטפערט: — ס'איז גאָרנישט קיין משוגעת אויסצוגעבן אין איין אָוונט דעם גאַנצן חודשדיקן פאַרדינסט אויף אַ פרוי און נישט צו באַקומען דער־פאַר אַפילו אַ קוש. גיב נאָר אַ טראַכט, וויפל די פרויען טוען פאַר אונז, מענער! גיב נאָר אַ טראַכט וועגן זייער כּישופדיקן רייץ, וועגן די ריחות פון פּערפומען, וואָס זיי פאַרשפּרייטן אַרום זיך, וועגן דער זיסער שטים, וואָס זיי לאָזן אַריינטריפן אין אונזער האַרץ, וועגן די פּליידן, וואָס שטראַלן אַרויס פון זיי, וועגן דעם אומאויפהערלעכן זוכן נייע רייץ־מיטלען פאַרן

מאַן. דאָס, וואָס זיי טראַכטן אויס, כּדי מיר געפֿעלן צו ווערן, איז נישט בלויז פֿאַר מיין פּריוואַטן פֿאַרגעניגן, נאָר לכּבוד אַלע מענער. דערפֿאַר איז, לויט מיין מיינונג, אַ יושר, אַז יעדער מאַן דאַרף, ווי ווייט ער קען, נעמען אַן אָנטייל אין די הוצאות פֿון די פּרוּוּען. אַ גאַנצע שעה דויערט ביי זיי ראָס צוגרייטן זיך מיט גייסטיקער אָנשטרענגונג צו אַזאַ פּשוטער זאַך, ווי דאָס אַרויסגיין אויף דער גאַס, נאָכמער, ווי דאָס אַריינוואַרפֿן אַ בריוו אין פּאָסטקאַסטל. אויף יעדער צייט פֿון טאָג איז ביי זיי אויסגערעכנט אַן אַנדער קלייד. יעדע פֿינף מינוט קאָנטראָלירן זיי זייער אויסערלעך אויסזען אין שפּיגל...

שמואל לעווי האָט אים איבערגעהאַקט:

— אַנטשולדיק, ווען רעכנסטו צו באַנייען דיינע גאַסט-ראָלן?

— — — — — — — — — — — — — —

אין די ערשטע טעג פֿון מערץ האָבן זיך באַוויזן פּלאַ-קאַטן. וואָס האָבן רעקלאַמירט אַ נייעם פֿילם אין בערלין. דער-דאָזיקער פֿילם האָט געטראָגן דעם טיטל: „דער פּרייסישער גרענאַדיר". מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן, וואָס שטעלן פֿאָר אַן אָפֿיציר, אַן אַקראָבאַטין און אַ קלאָון. אין אַ וואָך אַרום — אַפֿישן מיט די בילדער פֿון פּאַסקאַל, יוטאַ שומאַן און פּאַל פּאַט.

— האָסט זיך שוין אויסגעהיילט? — האָט געפֿרעגט דער בלינדער פּריינט, — אָדער געדענקסטו נאָך אָן דערדאָזיקער פּרוּוו?

— נעמענדיק די זאַך קליניש — בין איך אויסגעהיילט. ס'זענען אָבער פֿאַרבליבן פֿאַרצויגענע וואונדן, וואָס אין מאָ-מענטן פֿון אָפּשוואַכונג עפֿענען זיי זיך צוריק אויף.

— די קוראַציע האָט דיך טייער געקאָסט?

— מיין גאַנץ פֿאַרמעגן. נעכטן האָב איך פֿאַרקויפֿט דעם אויטאָ. מאָרגן גיב איך איבער די וואוינונג צוזאַמען מיטן מעבל מיין שוועסטער, וועלכע ציט זיך אַריבער אויף שטענ-דיק קיין פּאַריז.

פּאַל האָט זיך אָבער נישט אויסגעהיילט. אין משך פֿון

די צוויי חדשים האָט ער זיך באמת צו דערנענטערן צו פרויען פון פאַרשידענע טיפּן און קלאַסן, נאָר כּדי צו פאַר־געסן אָן יוטאַן.

אָבער די בלאָנדע, סובטעלע פריילן שומאַן, יענע שומאַן פון דער פאַרגאַנגענער גוטער צייט, אַזאַ פלינקע, ווי דאָס פייגעלע, וואָס פלעגט קומען צו פליען, כּדי צו פּיקן ברויט פון זיין האַנט, — די קלוגע יוטאַ שומאַן האָט זיך נישט גע־לאָזט אויסמעקן פון זיין זכרון.

ער וואָלט זיך נאָך געקענט פאַרליבן נאָר אין איין פרוי: אין דער שכנטע פון פּאַרטער. אָבער אויף וואָסער אופן קען ער זי נעמען? ער איז דאָך שוין איצט אָרעם.

איינמאָל אַן אָוונט האָט ער אָנגעטראָפן אינדרויסן זיין שכנטע פון פּאַרטער און זיך מיט איר אָפּגעשטעלט רעדן. זי האָט אים דערציילט וועגן איר באַשיידענער דירה, וועגן דער באַלעבאַטישקייט און געשמועסט אַביסל אויך וועגן ליבע. זי האָט נישט געקענט באַגרייפן פאַלס צוריקגעהאַלטנקייט.ביים סוף פון געשפּרעך האָט זי אים געזאָגט:

— קומט מאָרגן אַ זייגער פינף אויף רי טאַנאַיס 18. דאָרט הענגט אַ שילדל: „דעקציעס פון ענגליש". איר וועט זיך פרעגן צו מיס קעטי. מיר וועלן קענען רואיק שמועסן. אַדיע.

איר שטים האָט אַ ביסל דערמאָנט אָן יוטאַס שטים, און אירע אויגן האָט געפינקלט דיזעלבע פעסטע אַנטשלאָסנהייט.

— אָט אַזאַ פרוי וואָלט איך געקענט ליבן — האָט ער געטראַכט. — אפשר געפעל איך איר אויך. — אָבער זי האָט דאָך אַ מאַן. שמואל לעווי איז דאָך גערעכט! זי וועט מיר אַוודאי דערציילן, אַז זי איז דערוויטערט פון איר מאַן...

ער איז שוין געווען אינמיטן וועג צו רי טאַנאַיס. פּלוצ־לינג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זיך שוין צוויי טעג נישט אָפּגעראַזירט.

האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים.

— הער פאַט! — האָט אים דער פּאָרטיער נאָכגערופן אויף די טרעפּ אַרויף — די דאַמע, וואָס איז שוין געהאַט אַמאָל דאָ געווען...

— נו, וואָס?

— איז היינט ווידער געקומען.
— וואָס האָט זי געזאָגט?
— אַז זי וועט קומען אַרום פיר אַ זייגער.
פּאָל האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע. זי איז געווען ליידיק... ער האָט געפרעגט דעם פּאָרטיער:
— ווי שפּעט איז איצט?
— פופצן מינוט צו פיר.
ער האָט נאָר-וואָס פּאַרענדיקט זיך צו ראַזירן, ווען מ׳האָט אָנגעקלונגען ביי דער טיר. האָט ער געעפנט.
דאָס איז נישט געווען יוטאַ שומאַן.
— איר דערקענט מיך נישט?
פּאָל האָט געטון אַ טריט אויפצוריק. אַ רגע האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט שוין דידאָזיקע פרוי אַמאָל געזען, נאָר ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען, וואו ער האָט זי געזען.
— איך בין מאַריע לאַנסאָן.

קאַפּיטל 10

פּאָלס בריוו איז איבערגעגעבן געוואָרן יוטאַן פּונקט אין דערזעלבער רגע, ווען פּאַסקאַל, גרייט צום אַוועקפּאָרן, האָט רעגולירט די רעכענונגען אין גראַנד־האָטעל אין ברעמען. די וואַליזן האָבן זיך שוין געפונען אויף דער שיף פון צימערינג קאָליר, וואו דער צפון־דייטשישער לאָיד האָט רעזערווירט די צוויי בעסטע קאַבינעס פאַרן באַרימטן אַרטיסט און זיין פרוי.

יוטאַ האָט צוזאַמענגעלייגט דעם בריוו אין פירן, און, נישט עפענענדיק אים, האָט זי אים אַריינגעלייגט אין דער קעשענע פון איר מאַנטל.

דער בריוו האָט זיך ווידער געפונען אין אירע הענט דעמאָלט, ווען פונדערווייטנס האָט זיך שוין געזען די יבשה פון אַמעריקע.

ווען באַלדעם, ווי יוטאַ האָט פאַרברענגט אַ חודש אין אַמעריקע, האָט די באַדינערן פון האָטעל „פּענסילוואַניאַ" אין אַ געוויסן טאָג צוגערוימט די גאַרדעראָב פון דער מאַדאַם, האָט זי דעם בריוו געפונען אויף דער פּאָדלאָגע.

יוטאַ האָט געוואַרט אויף פּאַסקאַלן, ליגנדיק אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּע און עסנדיק וויינטרויבן, קאַליפאָרניער פירזיכן און באַנאַנעס פון אַ קריסטאָלענער וואַזע. זי האָט שנעל אַדורכגעקוקט דעם בריוו, האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט דעם לעצטן זאַץ, וואָס אין אים האָט זיך גערעדט וועגן דער

פיינלעכער פראַגע, וואָס איז געווען אויסגעדריקט אין די־זעלבע ווערטער, ווי איר טעלעגראַפישער ענטפער פון ברעמען: „אַלץ איז אמת".

יוטאַ האָט דער באַדינערין געהייסן דערלאַנגען אַ טע־לעגראַפישן בלאַנקעט, ווי אויך טינט און פעדער.

אין עטלעכע שעה אַרום איז דער טעלעגראַם שוין גע־ווען אין פּאַריז.

פּאָל האָט נישט געהאַט גענוג מוט אויפצועפענען דעם טעלעגראַם אין דער אָנוועזנהייט פון מאַריע לאַנסאָן.

— מיט וואָס קען איך אייך דינען? — האָט ער זי גע־פרעגט.

— כ'בין געקומען אייך דאַנקען. מיט צוויי חדשים צו־ריק בין איך אַרויס פון תפיסה, און מיין ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז איך דאַרף גיין צו אייך, כדי צו זאָגן אייך מיין דאַנק.

פּאָל האָט זיך לייכט פאַרנייגט. ווי האָט ער געגאַרט צו עפענען אין דער רגע דעם טעלעגראַם, וואָס ליגט ביי אים אויפן טיש, אָבער ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט פאַלן אין חשדות...

כדי ער זאָל ווי צומגיכסטן פון איר פּטור ווערן, האָט ער אָנגעהויבן רעדן אימפּעטיק, נערוועז:

— נו, און איצט? איר דאַרפט הילף? אַ רעוויזיע פון פּראָצעס? אַ רעהאַביליטאַציע? לײדער, קען איך פאַר אייך גאָר־נישט טון, אַפילו מאַטעריעליש אויך נישט.

— אָבער מיר פעלט גאָרנישט — האָט זי געענטפערט — כ'האָב, אַ דאַנק גאָט, גענוג מיטלען צום לעבן.

פּאָל האָט פאַרוואונדערט אויפגעצויגן די ברעמען.

— וואָס הייסט? האָט איר ז'ען נישט אויסגעגעבן ס'גאַנצע געלט אויף מעבל פאַר אייער געליבטן?

— ניין, הער ריכטער.

פּאָל האָט נישט פאַרשטאַנען.

— אויפן פּראָצעס האָט איר דאָך...

— ווייל, הער ריכטער, מיין אַדוואָקאַט האָט מיר געעצהט,

אַז כ'זאָל אויף אַלץ ענטפערן: ניין. כ'ווייס נישט. כ'בין אומ־שולדיק. אַז כ'זאָל זיך מאַכן תמעיוואַטע.

— איר האָט זייער גוט געטון, וואָס איר האָט אַלץ אָפּגעלייקנט, וואָרום ס'איז דאָך טאַקע אַזוי געשען...

— ניין, הער ריכטער — האָט די פויערטע רואיק גע־ענטפערט: — אין געריכט האָב איך געטענהט, אַז אַלץ איז געקויפט געוואָרן פאַר מיין געלט, נאָר אינדעראמתן האָט מיין געליבטער דאָס אַלץ געקויפט פאַר זיין געלט...

— ער איז דאָך געווען אַן אָרעמער!

— ס'הייבט זיך גאָרנישט אָן... ער האָט געהאַט זיין אייגנס הונדערטטויזנט פראַנק!

פאָל האָט פאַרדעקט זיין פּנים מיט די הענט און איי־ניקע סעקונדן געשטאַנען שווייגנדיק. ער האָט אַזוי קלאָר גע־דענקט דעם פּראָצעס פון דערדאָזיקער פרוי, ווי ער וואָלט ערשט נישטלאַנג אַדורכגעקוקט די אַקטן...

— דאָס האָט ער אײַנגעקויפט דאָס מעבל אין דער דירה אַריין — האָט ווייטער גערעדט מאַריע לאַנסאָן, — און ווען ס'איז געקומען פאַר מיר אַ שלעכטע צייט, האָב איך גענומען און פאַרקויפט דאָס אַלץ.

פאָל האָט זיך געזען אין באַראַטונגסצימער, וואו די ביידע ריכטער האָבן זיך באַמיט אים איבערצוצייגן, אַז די חשבונות אויף אַלע זאַכן זענען דאָך אויסגעשטעלט אויפן נאָ־מען פון געליבטן.

— און דאָס גאָלדענע זייגערל האָט ער גאָר באַקומען פון זיידן — האָט ווייטער זיך מודה געווען די פרוי. — וואָס שמעקט עס דאָ אין צימער? עפּעס בלומען. יאַסמין, צי וואָס?

פאָל איז שווייגנדיק צוגעגאַנגען צום פענסטער און עס געעפנט. ער האָט געשפּאַנט אייניקע מאָל אַהין און צוריק איבערן צימער פאַרזונקען אין געדאַנקען.

— צו וואָס זענט איר אייגנטלעך געקומען מיר דערציילן דאָס אַלץ? ס'האָט אייך עמעצער געפרעגט?

— וואָס איז דען? — האָט זי געפרעגט איבערגעשראָקן: — כ'האָב שלעכט געטון?

— אַוודאי — שלעכט!

— כ'וועל אייך דערציילן דעם גאַנצן אמת. דער גלח האָט מיר אין תפיסה געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דורך מיר זענט איר געוואָרן אַ רואינירטער מענטש, אַז איר דאַרט, ווי הייסט עס, טאַנצט אין צירק, צי וואָס דאָרט... און אַז אייער געוויסן, הייסט עס...

— גענוג שוין! גייט אייך פונדאַנען! — האָט פאָל אויס־געשריגן אין העכסטער אויפרעגונג.

די פרוי האָט זיך אויפגעשטעלט, און, זיפצנדיק שווער, האָט זי זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער טיר. פאָל איז געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן פנים צום פענסטער, האַלטנדיק די צוזאַמענגעדריקטע פויסטן אין די קעשענעס.

אויפן טיש איז געלעגן דער נישט געעפנטער טעלעגראַם.

פאָל האָט זיך צום טעלעגראַם נישט צוגערירט. יוטאַ, דער צירק, די נסיעות איבער דער וועלט, דער רום, די בערלינער אַפישן, גייסטיקער איבערברוך, ליבעס־באַנקראָט, דער ריח פון יאַסמין, זיין אייגענע רייכקייט און אָרעמקייט, — צו דעם אַלעם האָט גורס געווען אַ כיטרע פויערטע, וואָס איר ווינקל־אַדוואָקאַט האָט איר געהייסן אַלץ אָפּלייקענען און זיך מאַכן תמעוואַטע!...

ווי שטענדיק אין אַ שווערער מינוט, האָט ער אויך איצט אַ טראַכט געטון וועגן זוכן טרייסט ביי זיין בלינדן פריינט.

שמואל לעווי האָט אים אויפגענומען האַרציק, ווי תמיד. ער האָט געוואוסט אויסצוגעפינען פאַר אים די פאַסיקע טרייסט־ווערטער און אים צוגעבן מוט; ער האָט געוואוסט צו באַ־גרינדן זיינע אויספירונגען מיט לאָגישע אַרגומענטן און ס'האָט זיך אים טיילווייז איינגעגעבן אומצוקערן פאַלן די מאָראַלישע גלייכגעוויכט.

ווען זיי האָבן זיך געזעגנט, האָט פאָל געפרעגט:

— און וואָס וועל איך אָנטון, ווען כ'וועל גיין מיט אַ וויזיט צום מיניסטער?

— וואָס דו וועסט אָנטון? זיכער נישט קיין ווייסע זיי־דענע הויזן מיט זילבערנע פּליטערלעך!

— פאַרוואָס נישט? כ'האָב געטראָגן אַ טאָגע אין צירק,

פאַרוואָס זאָל איך נישט טראָגן אַ פּאַציאַנטישן פּראַק אין קאַבי-נעט פון יוסטיץ-מיניסטער?

דאָס יוסטיץ-מיניסטעריום געפינט זיך אין עלעגאַנטסטן פונקט פון עלעגאַנטסטן פּאַריזער פּלאַץ, אויף פּלאַץ וואַנדאָם. אַ גראָער בנין, פול מיט שטרענגער סימעטריע, און דערביי עפּעס אַזוי אינטים, אַז אַריינגייענדיק, הייבט מען אינסטינקטיוו אָן צו רעדן שטילער, אַזויווי אין אַ סאַלאָן.

דער וואַרטזאַל איז פול געווען מיט אינטערעסאַנטן. פּאָל איז אויפגענומען געוואָרן אויסער דער ריי. מ'האָט אים אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן, קליינעם זאַל.

דער מיניסטער האָט אים אויסגעהערט זייער אויפמערקזאַם.

פּאָל האָט דערציילט די געשיכטע פון מאַריע לאַנסאַנס פּראָצעס. דער מיניסטער האָט זיך קוים געקענט דערמאָנען. פּאָל האָט אים אין קורצע שטריכן איבערגעגעבן די געשיכטע פון סקאַנדאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין שייכות מיטן דאָזיקן פּראָצעס. דער מיניסטער האָט שוין גוט געדענקט. דערנאָך האָט ער גערעדט וועגן זיין אייגן לעבן. דער מיניסטער האָט געשמייכלט. דערנאָך האָט ער דערציילט וועגן מאַריע לאַנסאַנס וויזיט ביי אים. זיין עקסעלענץ האָט אַפילו נישט קיין פינטל געטון מיטן אויג.

— נו, וואָס?...

— כ'בין געקומען איבערבעטן די פראַנצייזישע געריכטס-מאַכט.

דער מיניסטער האָט געמאַכט אייניקע שאַבלאָנע באַמערקונגען, באַטאָנענדיק דערביי זייער שטאַרק די נייטיקייט פון דיסקרעציע אין דאָזיקן ענין. די צייט איז דער בעסטער רופא, דאָס שווייגן בעסערט אַלץ אויס.

— און אַ טומל — האָט ער צוגעגעבן גוטמוטיק — האָט איר אויך געמאַכט נישט קיין קליינעם. נישט ווייניק וואַסער האָט איר מאָנטנע געמאַכט אַרום אייער פּערזאָן...

דער מיניסטער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, ווען פּאָל האָט אים דערקלערט, אַז ער טרעט אַרויס פון צירק, פון וואַריעטע און פון קינאָ.

— וואָס הייסט? גאַנץ פּאַריז איז דאָך ממש אויסגעטאַ־פּעטירט מיט אַפּישן, וואָס פון זיי שרייט אַראָפּ אייער נאָמען?

— דער קינאָ גאָמאָן דעמאָנסטרירט אַ פילם, וואָס איך האָב אים געבומען אַן אָנטייל. דאָס ערשטע און צוגלייך דאָס לעצטע מאָל. כ'וויס נישט, וואָס ס'וועט מיט מיר מאָרגן גע־שען. כ'וואָלט וועלן זיין ווייט פונדאַנען און אָננעמען, למשל, דעם פּאָסטן פון אַ מאַשיניסט פון אַן אונטערערדישער באַן ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט. שטעלט זיך נאָר פאָר, עקסע־לענץ: פאָרן אונטער דער ערד מיטן פאַראַנטוואָרטלעכקייטס־געפיל פאַר מיליאָנען מענטשן, וועלכע איך קען נישט, און זען פאַר מיר נאָר די אומענדלעך לאַנגע רעלסן און דאָס רויטע ליכט; פאַרהאַלטן זיך אויף יעדער סטאַציע נישט מער, ווי אַ האַלבע מינוט — און יאָגן, יאָגן פאָרויס... אָדער...

— אָדער?

— אָדער כ'וואָלט גאָר געהאַט חשק צו פאַרנעמען אַ פּאָסטן אויף אַ שיף. די אומענדלעכקייט פון האָריזאָנט פאַר די אויגן... קיין איין שטויבעלע אין דער קלאָרער לופט... באַקאַנטשאַפטן, וואָס קענען נישט דויערן לענגער, ווי צוויי וואָכן... ס'איז דאָך וואונדערבאַר! אָדער...

— אָדער?

— פאַררוקן זיך אין אַ ווינקל. האָדעווען געוויקסן, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען. פאַרשטענדיקן זיך נאָר אויף עפּעס אַ פרימיטיווער שפּראַך, וואו ס'הערשן נישט קיין כללים פון מין און צייט.

דער מיניסטער האָט אים מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס.

— איר ווילט זיין אַ ריכטער?

— ווידער אַ ריכטער?

— ווידער? ניין. אָנהייבן אינגאַנצן אַ ניי לעבן ווי אַ ריכטער. כ'קען וועגן דאָזיקן ענין איבעררעדן מיטן קאָלאָניע־מיניסטער און פאַרזיכערן אייך דעם אַמט פון אַ פרידנסריכטער ביים ברעג פון טייך אובאַנגהי.

— קאַמערון?

— ניין קאָנגאָ.

— איך צייכן זיך נישט אויס אין געאָגראַפיע.

— דאָס מאַכט נישט אויס — האָט דער מיניסטער גע־שמייכלט, שטאָלץ אויף זיין בקיאות אין געאָגראַפיע. — די מיסע האָט געמיינט, אַז באַרצעלאָנאַ געפינט זיך אין אַנדאַ־לוזיע. די פּענסיע איז אַ באַדייטנדיקע, דער שטאַט שטעלט צו אייער דיספּאָזיציע אַ וואוינונג מיט באַדינונג, און ס׳ווערט אייך אויך גאַראַנטירט עמעריטור.

— אָבער איך האָב שוין גענוג די שפּיל אין ריכטער!

— און וואָס נאָך פאַרא מאָטיוון האַלטן אייך אָפּ דערפון?

— איך קען אויך נישט די פּראָצעדור און דעם שטראָף־קאָדעקס, וואָס פאַרפליכטן דאָרט.

דער מיניסטער האָט מיט דער האַנט געמאַכט אַ קרייז אינדערלופטן.

— דער שטראָף־קאָדעקס איז דאָרט גרינגער, ווי ערגעץ־אַנדערש, פּשוט צוליב דעם אַליין, וואָס דאָרט זענען די פאַר־ברעכענס ווייניקער דיפערענצירט. דער פאַרברעכערישער עלע־מענט פאַרמאָגט דאָרט נישט אַזאַ רייכע פאַנטאַזיע, ווי ביי אונז. די שפּיל אין דער מיינונג פון עקספּערטן און די פּסי־כיאַטרישע קונצן זענען דאָרט אומבאַקאַנט. גייסטיקע קראַנק־הייט, פאַרברעכערישע נייגונגען, וואָס גייען איבער בירושה, פאַרקלענערטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, דאָס באַגיין אַ טאַט אונ־טער אַ דרוק, — אָט דאָס אַלץ ווערט דאָרט אינגאַנצן נישט פּראַקטיצירט. ס׳איז דאָרט אפילו נישטאָ קיין אייגנטלעכער קאָדעקס: ס׳הערשט דאָרט בלויז דער מנהג. ס׳איז גענוג זיך בלויז צו אינפאָרמירן וועגן דעם. איידער איר וועט אַהינפאָרן אין יענעם לאַנד אַריין, פרעגט זיך פריער נאָך ביי מיסיאָנערן, אינזשעניערן, וואָס האָבן דאָרט געבויט באַנען, דאָקטוירים פון אינסטיטוט צו באַקעמפן די דזשומע. דאָרט ציען זיך נישט פּראָצעסן עטלעכע דורות, ווי ביי אונז. די פאַרוויקלט־סטע פּראָצעסן דויערן דאָרט העכסטנס אַ האַלבן טאָג. כדי צו ווערן דאָרט אַ ריכטער, איז נייטיק בלויז איין זאַך: אַ געזונטן פאַרשטאַנד. באַטראַכט אייך דעמדאָזיקן ענין, איידער כ׳וועל איבעררעדן מיטן מיניסטער.

פאַל איז אַרויס פון מיניסטערס קאַבינעט, איז פאַרביי־

געגאַנגען די רייע אינטערעסאַנטן, רעדנדיק צו זיך בלויז צוויי ווערטער, וואָס האָבן אין אים דערוועקט אַ געפיל פון אַ גע-וואַלטיקער פרייד, כמעט פון ענטוזיאַזם:

— ... אַ געזונטן — — פאַרשטאַנד...

ער איז אַרויסגעקומען אויף פּלאַץווינדאָם. אויטאָס מיט שיינע פרויען האָבן אַרומגעקרייזט דעם האַלבקיילעכדיקן פּלאַץ פאַרן האָטעל ריץ, האָבן פאַרקערעוועט אין דער ריכטונג צו די קאַסטיליאָן אָדער אין דער פּרעכטיקער רי דע לאַ פּעי.

— אַ געזונטן פאַרשטאַנד... ווי געפערלעך מוז זיין אַט דער געזונטער פאַרשטאַנד פאַר דער געזעלשאַפט, וויבאַלד מען טאָר זיך דאָ מיט אים נישט באַנוצן, וויבאַלד ס'איז נייטיק אים אַרויסצופירן צו! די ווילדע מענטשן, ערגעץ אין אַ העק, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען דער געפערלעכסטער דינאַמיט!...

— — — — — — — — — — — — — —

אויף רי טאַנאַיס 18 („ענגלישע לעקציעס") האָט אים געעפנט די טיר אַ שטובמיידל, האָט צוגענומען ביי אים דעם הוט און דעם מאַנטל און אים אַריינגעפירט אין אַ קליינעם זאַל.

— מיס קעטי וועט באַלד קומען.

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן די שיינע בלאָנדע פרוי פון פּאַרטער.

— אַנטשולדיקט מיר, וואָס...

— איר הייסט מיס קעטי?

— דאָ הייס איך מיס קעטי. מיין אמתער נאָמען איז אַן אַנדערער. אָבער איר פאַרשטייט... צוליב דער שטעלונג פון מיין מאַן... ער איז אַ באַאַמטער פון דער דרום-מזרח-באַן.

— און איר, מאַדאַם, גיט דאָ ענגלישע לעקציעס?

— אוי זענט איר אַ ווילדער! — האָט זיך די פרוי צע-לאַכט. — אַנטשולדיקט אויף אַ ווײַלע...

און זי איז אַריין אין שכנותדיקן צימער.

אויף אַ נידעריק טישל, וואָס האָט געהאַט ברענצייכנס פון פּאַפּיראָסן, זענען געלעגן אילוסטרירטע זשורנאַלן, בילד-לעך און פאָטאָגראַפיעס פון דאַמעלעך און ליגנדיקער פּאָזע

אויפֿן זאַמד, אָדער זיצנדיק אין אַ וואַנע מיט אַ פּאַפּיראָס אין די ציין, אָדער גאָר אָנגעטון אין קורצע העמדלעך, פֿרומגע־רינגלט פֿון מענער אין סמאָקינגען, אָדער אָנשפּאַרנדיק די האַנט אויפֿן רוקן פֿון אַ נאַרישעוואַטן כאַרט אָדער אויף אַן אויסגעצערטלטער קאַץ. פֿון שכנותדיקן צימער האָט זיך דער־טראָגן אַ גערויש פֿון וואַסער, וואָס פֿליסט פֿון אַ קראַן.

אויף דער לעצטער זייט פֿון אַן אילוסטרירטן זשורנאַל, צווישן אַנאָנסן פֿון רופֿאים־ספּעציאַליסטן, טערקישע בעדער, געהיימע מיטלען צו בלייבן אייביק יונג און אויסגעצייכנטע מאַסאַזשן, האָט פֿאָל איבערגעלייענט דעמדאָזיקן אַנאָנס:

„ענגלישע לעקציעס, די טאַנאַיס, יעדע צווײ וואָכן נײַע לערערינס, די מאָדערנסטע מעטאָדן, דאָס אויפֿדעקן די גע־היימנישן פֿון באַיאַדערעס, אַן ערשטקלאַסיקער לאָקאַל, אָפֿן פֿון 2 נאָכמיטאָג ביז 5 פֿאַרטאָג. דאָס לערנען קומט פֿאָר אינדי־ווידועל אָדער אין גרופּן, קאָמפֿאָרט, עלעגאַנץ".

— אַנטשולדיקט, וואָס כ'האָב אײַך געלאָזט וואַרטן — האָט מיס קעטי קאָקעטיש זיך אָפּגערופֿן צו פֿאָלן, שטייענדיק אויף דער שוועל.

זי איז געווען אָנגעטון אין אַ ראָזן זײַדענעם שלאָפֿראָק, באַנייט מיט שוואַנענפּוך, און אירע באָרוועסע פֿיס זענען גע־ווען אָנגעשטעקט אין אַ פּאָר נעטע לעטשעלעך, אויך פֿון ראָ־זע זייד מיט שוואַנענפּוך.

בײַ פֿאָלן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי פֿון פֿאַרוואונ־דערונג.

— דאָס לעבן איז דאָך אַזוי שווער — האָט זיך גע־קלאָגט מיס קעטי: — די הוצאות זענען אַזעלכע גרויסע. איר וועט אפֿשר אויסטון די מאַרינאַרקע? ס'איז דאָ זייער הייס.

פֿאָל האָט זיך אויפֿגעשטעלט.

— אַנטשולדיקט מיר, גענעדיקע פֿרוי, אָבער איך זע, אַז כ'האָב אַ טעות געהאַט. עפּעס טרעפֿט זיך מיר אַלץ אָפֿ־טער, אַז כ'בין זיך טועה. איר וועט מיר דערלויבן שוין אַוועקצוגיין?

מיס קעטיס געזיכט האָט אויסגעדריקט פֿאַרוואונדערונג צוליב זײַן אויפֿפֿירונג.

שטייענדיק שוין מיטן הוט אין דער האַנט, האָט פּאָל געפּרוּווט שטעלן נאָך איין פראַגע:

— איך בעט אייך זייער איבער, צי זענט איר דאָס די־זעלבע, וואָס...

— ... וואָרינט אַנטקעגנאיבער אייך אויפן פּאַרטער? וואָס פאַראַ פראַגע דאָס איז!

— וואָס קלאַפּט־אויס די דיוואַנען?

— דיוואַנען מוזן יעדן טאָג אויסגעקלאַפּט ווערן.

— ... און וואַשט די פּאָדלאָגע?

— צי איז אייך נישט אָנגענעמער צו גיין אויף אַ געוואַשענער פּאָדלאָגע?

— וואָס פּוצט אַליין דעם מאַנס אָנצוגן?

— איך פּאַרער מיין מאַן.

— וואָס אַזוינס?

— איך פּאַרער מיין מאַן.

— טאָ וויאַזוי קענט איר אים זיין אומגעטריי?

— איך בין אים דען אומגעטריי?!

פּאָל האָט מיט אַ זשעסט אָנגעוויזן אויף די ווענט, אויפן טישל, אויף דער סאָפע...

— דאָס הייסט נישט זיין אומגעטריי. ווען כ׳וואָלט געהאַט נאָר איין געליבטן, — נו, וואָלט געווען עפּעס אַנדערש. אָבער אַזוי... איז עס נישט מער, ווי ביזנעס!

אין פּאָדערציממער האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג אַ דיקע פרוי מיט בריליאַנטענע רינגען אויף אַלע פינגער. מיס קעטי האָט איר עפּעס איינגערוימט אויפן אויער, וואָס עס האָט אין איר אַרויסגערופן אַ פאַרדריסלעכע פאַרוואונדערונג.

— ס׳וואונדערט מיך זייער, מיין הער. אפשר ווילט איר זיך באַקענען מיט אַנדערע לערערינס?

— זעט אויס, אַז כ׳האָב נישט קיין פעיקייט צו שפּראַכן — האָט פּאָל געענטפערט.

— ס׳קאָסט נישט מער, ווי הונדערט פראַנק — האָט נישט אָפּגעלאָזט די קאָרפּולענטע דאַמע, און ווענדנדיק זיך צום שטובמיידל: — דער הער האָט דאָ גאָרנישט באַשטעלט?

דאָס שטובמיידל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— איר וועט אפשר עפּעס איבערלאָזן דעם שטובמיידל? — האָט די באַלעבאָסטע נאָך אַלץ נישט געוואָלט אָפּלאָזן.

פאָל האָט איבערגעלאָזט דעם שטובמיידל אַ ביסל קליינגעלט און אַריינגעזעצט זיך אין אַ טאַקסע-אויטאָ.

ביי אים אויפן טיש איז ביזאיצט נאָך אַלץ געלעגן דער טעלעגראַם אַ נישטגעעפנטער.

פאָל האָט ענדלעך איבערגעלייענט:

„כ'האָב געזאָגט ליגן, יוטאַ".

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַראָפּגעקוקט צו די שויבן פון דער פּאַרטער-וואוינונג, וואָס געהערט צו דער זויבערער, באַשיידענער בלאָנדינקע, וואָס פלעגט וואַשן די פּאָדלאָגע אין גומענע הענטשקעס און אָפּהיטן איר הוים...

צופיל איינדריקן האָבן אים געבראַכט די לעצטע טעג. ער האָט צוגעלייגט די האַנט צום שטערן — ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט היץ, אַ לייכטע, נערוועזע היץ. ער האָט צו זיך גערעדט כסדר דיזעלבע ווערטער:

„אַלץ איז אמת, יוטאַ. ענגלישע לעקציעס. די טאַנאַיס 18. כ'פאַרער מיין מיין. דאָס הייסט נישט זיין אומגעטריי. נעמט אַראָפּ די מאַרינאַרקע. אַלץ איז אמת. כ'האָב געזאָגט ליגן, יוטאַ".

— — — — — — — — — — — —

דער מיניסטער איז אויך דאָסמאָל געווען זייער העפלעך און געהייסן אַריינלאָזן פאָלן אויסער דער ריי.

— דאָס זענען די באַדינגונגען... — און האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן לוין, פּאַרגיטיגונגען, הוספות און עמעריטור.

— און דאָס אָרט?

— קלויבט זיך אַליין אויס.

און דער מיניסטער האָט אים אונטערגערוקט די מאַפּע פון אַפריקע.

— דאָ איז דער לעצטער פונקט פון דער באַנליניע — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ שטריכל, — און דאָ ווערט די ליניע אַדורכגעפירט ווייטער...

— אָ, ניין — האָט פאָל געענטפערט, — און דאָ איז אויך דאָ אַ באַנליניע?

-- ניין. דאָס איז אַ וויסטער העק, אין דער גאַנצער געגנט געפינען זיך אפשר צוויי־הונדערט ווייסע.

פאַר מיר איז דאָס אויך צופיל. און אין דעם ראַיאָן?

—אַן ערך אַ פופציק ישובים.

— נאָך אַלץ צופיל. און דאָ?

— בלויז נעגער. אָבער ליידער איז דאָ נישטאָ קיין פרייער פּאָסטן, פאַרדאָס אָט דאָ — דער מיניסטער האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן מער אויף דרום — פּאָרט אַדורך קוים איין מאָל אין זעקס וואָכן אַ קאַראַוואַן.

— און וואָס באַטייטן די רויטע פונקטן?

— דאָס איז דער רייזעגעביט פון דער טראַנססאַהאַרי־שער געזעלשאַפט פאַר טוריסטיק און יאַגד.

— זייט אַזוי גוט, הער מיניסטער, דערקלערט מיר נאָך וואָס עס באַטייטן די דרייקאַנטן?

— ראַדיאָ־סטאַציעס.

— הייסט עס — אַ קאָמוניקאַציע מיט אייראָפּע?

— פאַרשטייט זיך.

— איז עס נישט פאַר מיר.

— ס'איז שווער אייך צופרידנצושטעלן, מיין פריינט. און אפשר וועט דאָס באַקוועם זיין פאַר אייך? איר וועט זיך גע־פינען אויף דער אַנדערער העלפט ערדקויל, אויפן אַנטאַרקטיק. מ'האָט שוין אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן וועגן אַ באַנ־ייניע.

— ווען וועט זי פאַרטיק ווערן?

— די אינזשעניערן זענען משער, אַז ערשט אין פינף יאָר אַרום. קען מען, הייסט עס, זיכער זיין, אַז ס'וועט דויערן אַן ערך אַ צען יאָר.

— ווי הייסט דערדאָזיקער געביט?

— האַנגהי־האַנגהי.

— אַ שיינער נאָמען. אפשר האָט איר, הער מיניסטער, נאָך עפּעס אַ וויסטערן העק?

— ניין.

— נו, ווי ס'שיינט וועל איך דערויף מסכּים זיין, צי מוז איך גלייך באַשליסן וועגן דעם?

— באַקלערט זיך גוט דעריבער, און וועגן אייער באַשלוס זאָלט איר מיר מודיע זיין אין דער פאָרם פון אַ שריפטלעכער ביטע אויף מיין נאָמען. אגב...

— וואָס ווילט איר זאָגן, הער מיניסטער?

— צי געדענקט איר דעם נאָמען פון יענעם, וואָס האָט עדות געזאָגט קעגן מאַריע לאַנסאָן?

— איר געליבטער?

— יאָ, געדענקט איר?

— ער האָט געהייסן באַלטאַזאַר.

— פיין. אַלזוי האָב איך דאָ אַ פּאָליציייאישן ראַפּאָרט. ווייסט איר, מיט וועמען מאַריע לאַנסאָן וואוינט זינט זי איז אַרויס פון תּפיסה? טאַקע מיט דעמזעלבן באַלטאַזאַרן! און זיי האָבן איצט גענומען אויסאַרבעטן זייערע חתונה-אַקטן. צום ווידערזען, הער פּאָט.

— — — — — — — — — — — — —

פּאָל האָט צוגערופן אַן אויטאָ:

— צום קעגנאיבערדיקן שטאָטטייל.

— צום מאָנפּאַרנאַס? — האָט געפרעגט דער שאָפער, אַראָפּלאָזנדיק דאָס פענדל פון טאַקסאָמעטער.

— צו די „וויקינגען".

פּאָל האָט נאָך פאַרמאָגט אַ טויזנט פראַנק. אין עטלעכע טעג אַרום האָט געדאַרפט קומען קיין פּאַריז זיין שוועסטער, וואָס האָט געוואוינט אויף דער פּראָווינץ, כּדי איבערצונעמען זיין וואוינונג פאַר אַ קליינער סומע. ווען זיי זענען געווען קינדער, פלעגן זיי גיין צוזאַמען שפּאַצירן. די שוועסטער האָט שטענדיק געהאַלטן איר בליק געווענדט צו דער ערד, און פּאָל האָט שטענדיק געקוקט צום הימל. די עלטערן האָבן מער געהאַלטן פון זייער טעכטערל, ווייל פון אירע שפּאַצירן אין וואַלד פלעגט זי מיטברענגען אַהיים שוואָמען.

— אַזוי ווי איך האָב אין קעשענע נאָך איין טויזנטער, וועל איך טון לויט יוטאַס עצה: איך וועל איבערמישן די קאָרטן פונדאָסניי. כ'וועל נאָך איין מאָל פּרובירן מיין מזל אין

שפיל. און דערנאָך — קיין אַפריקע, אין יענעם לענדעלע וואָס זיין נאָמען איז מיר אַפילו נישט קלאָר פאַרבליבן אין זכרון.

פּאָל האָט נאָך אַלץ געהאַט די האָפענונג צו געפינען אַ פרוי, וואָס וועט ביי אים פאַרנעמען דאָס אָרט פון יוטאַ שומאַן, אָדער וואָס וועט צומווייניקסטן אים מאַכן אין איר פאַרגעסן.

דער אויטאָ האָט זיך פאַרהאַלטן ביי ריו וואַוויאַן. פּאָל איז אַריין אין לאָקאַל „ביי די וויקינגען" און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל.

די סקאַנדינאַווישע סביבה האָט אים דערינערט אין זיין טורנע איבער נאָרוועגן, וואו זיינע אויפטריטן האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג און וואו זיינע דערקלערונגען וועגן זיינע „טריקן" האָבן קיינעם נישט אינטערעסירט. דער הילצערנער באַלקן, וואָס אויף אים זענען געווען אויסגעמאָלט סצענעס פון דער מיטאָלאָגיע, האָט אין זיין זכרון אַרויסגערופן דאָס בילד פון דער טיפּישער סקאַנדינאַוויע, מיט די פיאָרדן, מיטן העי־רינגפאַנג, מיט די גערשטנפעלדער, מיט די סעודות פון פיש, מיט די בלאָנדע, בלאָנדע פרויען, ווי דער באַרמאַן, וואָס האָט געקענט אַן ערך ניינהונדערט רעצעפטן אויף קאָקטעילס און האָט זיי שמייכלענדיק צוגעגרייט פאַר די בלאָנדע סקאַנדינאַווישע געסט, וועלכע זענען געזעסן אויף הויכע בענקלעך פאַרן בופעט.

דער באַר איז געווען איבערגעפילט. די קעלנערס האָבן אויסגעשטעלט אויף די טישלעך פולע פולמיסקעס מיט פוטער־שניטן מיט קאַוויאַר און קאַלט רעניפערנפלייש; צו דעם איז צוגעקומען „האָניג פון די וויקינגען". אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַן אויפשריפט:

„אַלטער האָניג, דער נעקטאַר פון די געטער און די וויקינגען, אויסגעפּערטיקט לויט די טראַדיציאָנעלע פאָרשריפטן, ווערט אַרויסגעגעבן נאָר ביי אונז, אין „באַר פון די וויקינגען", וואָס איז באַרימט מיט זיין ספּעציעלער נאָרוועגישער קיך".

פּאָל האָט צוגערופן דעם קעלנער:

— מעד, וויקינג־קאָקטעיל און „סמערבערד מעד ראַביף אַג עג״.

אַ מאַיעסטעטישע, שיינע דאַמע איז אַריינגעקומען און פאַרנומען אַן אָרט אין צווייטן עק באַר.

דער נאָרוועגישער בלאָנדער באַרמאַן האָט זיך פאַרנייגט פאַר דער אַריינקומענדיקער פון דער הויכקייט פון זיין בענקל ביים בופעט. זי האָט געענטפערט אויף דער באַגריסונג מיט אַ קאָפּבאַוועגונג.

— די ווענוס פון צפון — האָט פּאָל געטראַכט. — און קוקנדיק אויפן באַרמאַן: — ער זעט אויס, ווי אַ מייסטער פון סקי אין סאַנט־מאָריץ.

די דאַמע האָט באַשטעלט ליקער און געוואָרפן אַ בליק אויף פּאָלן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און מיט פלומרשטער פאַראינטערעסירונג גענומען אַדורכקוקן די שפּייזקאַרטע. ווען ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער באַמערקט, אַז די דאַמע אָבסערווירט אים כּסדר. האָט ער אויסגעטרונקען אַ גלעזל אויף קוראַזש. ער האָט צו דערדאָזיקער פרוי גיכער געפּילט אַן אומווילן. איר פּנים האָט אים געבערענגט אויפן זכּרון דע הערעדיאַס אַ פערז: „אַ בלאָנדע איז אומטריי, גע־פּילקאָז און בייז...״

פּאָל האָט צוגערופן דעם קעלנער:

— נאָך אַ קאָקטעיל. ווער איז עס די פרוי, וואָס זיצט דאָרט אין יענעם ווינקל?

— אַ שטענדיקער גאַסט. זי איז אַן אַלמנה שוין זינט אַ האַלב יאָר. ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָט זי חתונה געהאַט. זי טרינקט העכסטנס פינף קאָקטעילן. ביי זעקסטן הייבט זי זיך אויף און גייט אַרויס. זי לאָזט שטענדיק איבער פינפאונ־צוואָנציק פראַנק טרינקגעלט. זייער אַ רייכע.

אַ בלאַסע, מיט קאַלטע אויגן, פיין אויסגעגאָלטע ברע־מען, אַ מויל — ווי אויסגעשניצט פון אַ קינסטלערהאַנט,—די צפונדיקע ווענוס האָט מיט אַ מיטאָלאָגישער פייערלעכקייט אויפגעהויבן דעם בעכער צו די ליפּן. אין דערדאָזיקער רגע האָט פּאָל נישט געקענט אָפּרייסן פון איר די אויגן.

— מ׳דאַרף איבערמישן די קאָרטן... אפשר וועט דידאָ־

זיקע פֿרוי, ווײַבאַלד זי איז דערשינען בײַ מײַן לעצטן, דעצידירנדיקן שריט אין לעבן, זײַן אַ נײַ געשעעניש, אַ ביזאיצט נאָכנישט אַנטדעקטע וועלט, אַ נײַ פּסיכאָלאָגיש רעטעניש...

כאָטש דער בליק פֿון דער בלאָנדינקע איז נישט געווען געווענדט צו אים מיט פֿרײַנטלעכער וואַרעמקייט, האָט דאָך פּאָל אינסטינקטיוו געפֿילט, אַז ס'וועט זיך אים אײַנגעבן צו פֿאַרפֿירן מיט איר אַ געשפּרעך. ער האָט ווידער אויסגעטרונקען אויף צוצוגעבן זיך קוראַזש, אָבער פּונקט אין דערזעלבער רגע, ווען ער האָט זיך שוין געוואָלט אויפֿשטעלן, האָט ער דערזען, אַז די אומבאַקאַנטע שרײַבט עפּעס אויף אַ קוויטל מיטן שטיפֿט צו די ליפּן.

האָט ער דעריבער באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן. מיט אייניקע סעקונדן שפּעטער איז צוגעקומען אַ קעלנער אין אַ ווײַסן סמאָקינג און אים דערלאַנגט אַ פֿאַרקלעפּטן קאָנווערט.

אין קאָנווערט איז געלעגן אַ באַנקנאָט פֿון פֿינפֿהונדערט פֿראַנק. אויפֿן ראַנד פֿון באַנקנאָט זענען געווען אָנגעשריבן אייניקע ווערטער מיט דער רויטער פּאָמאַדע צו די ליפּן.

„כ'האָב אַ קאַפּריז צו פֿאַרברענגען מיט אײַך די הײַנטיקע נאַכט".

פּאָל האָט אַרײַנגעלייגט דעם באַנקנאָט אין וועסטל־קעשענע און אַרויסגענומען פֿון פּאָרטפֿעל דעם טויזנטפֿראַנק־באַנקנאָט. דאָס איז געווען זײַן לעצט ביסל געלט. ער האָט דעמדאָזיקן באַנקנאָט אַרײַנגעלייגט אין אַ קאָנווערט, אים פֿאַרקלעפּט, גלײַכצײַטיק האָט ער צוגערופֿן דעם קעלנער, האָט רעגולירט דעם רעכענונג און געהייסן איבערגעבן דעם קאָנווערט דער אומבאַקאַנטער נאָך זײַן אַרויסגיין.

אויפֿן טויזנטפֿראַנק־באַנקנאָט איז געווען אָנגעשריבן:

„כ'האָב אַ קאַפּריז צו פֿאַרברענגען די הײַנטיקע נאַכט אַליין".

— — — — — — — — — — — —

אָבער די איינזאַמקייט האָט אים נישט געגעבן קיין רו. ער האָט זיך געשלעפּט פֿון איין רעסטאָראַן אין צווייטן, דאָ האָט ער געטרונקען ביר, דאָרט סאָדעוואַסער, ערגעצאַנדערש

ווידער האָט ער זיך געהייסן דערלאַנגען צוקער, ציטרינען און אַ סאָקנקוועטשער, און ער האָט אַליין געמאַכט לימאָנאַד.

דערנאָך האָט ער געהייסן דערלאַנגען פּאַפּיר מיט טינט און פּעדער און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן:

„צו זיין עקסעלענץ דעם יוסטיץ-מיניסטער, דער אונטן אונטערגעחתמעטער האָט דעם כבוד צו בעטן דעם הער מיניסטער...״

אין משך פון דער נאַכט איז ער נאָך געווען אין „סי-גאַן״, האָט באַקומען פונם כינעזער אַ גלאָז שאַמפּאַניער, פון אַ שיכּורער קאָקאָטע אַ קוש — און געקויפט זיך אַ בינטל יאַס-מין, וואָס שמעקט מיט יוטאַן. ער האָט אַריינגעוואָרפן אין אַ פּאָסטקעסטל דעם בריוו צום מיניסטער, און מיטן ערשטן צוג פון דער אונטערערדישער באַן, אַרום זעקס פאַרטאָג, איז ער אַהיימגעפאָרן. ווען ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קע-שענע, כּדי אַרויסצונעמען די שליסלען, האָט ער אינעווייניק אָנגעטאַפּט די פאַרגעלטע בלעטלעך פון יאַסמין. ער האָט זיך האַרציק געזעגנט מיטן קליינעם פיערן, דערנאָך איז ער אַוועק צו זיין בלינדן פריינט.

— זיי וועלן דיך ניישט לאָזן פאָרן — האָט שמואל לעווי אַרויסגעזאָגט זיין השערה: — דו מיינסט, אַז מ׳האָט אין מיניסטעריום שוין וועגן אַלעם פאַרגעסן און דיר אַלץ מוחל געווען? איך רעכן, אַז דיין ביטע וועט נישט אָנגענומען ווערן.

— און איך האַלט פאַרקערט — האָט פּאָל געזאָגט — אַז מיין ביטע וועט טאַקע אָנגענומען ווערן, כּדי דערמיט מיך צו דערנידעריקן.

— ווילאַנג רעכנסטו דאָרט צו פאַרברענגען?

— ביזן סוף פון מיין לעבן. איך נייטיק זיך זייער אין פּשטות און אויפריכטיקייט. פּאַריז, גאַנץ אייראָפּע — האָט זיך מיר שוין צוגעגעסן. אַלץ איז דאָ געקינצלט. אין שכנות מיט די געוועלבער, וואו מ׳קען באַקומען עקסטראַקטן צו מאַכן ליקער אויף אַ היימישן אופן, אין שכנות מיט די אינ-סטאַלאַציע-אַנשטאַלטן, וואו מ׳קען קויפן די באַזונדערע טיילן צו ראַדיאָ-אַפּאַראַטן, געפינען זיך זאַלן, קלובן, קאַפעען, וואו מ׳קען זיך פאַרשאַפן איינצלנע טייכן פון געוויסן, געשמאַק,

וועלטאַנשויאונג און עמפּינדלעכקייט. די מענטשן, וואָס כ'האָב באַגעגנט אין אייראָפּע, האָבן זיך פאַרשאַפט אַ געוויסן רעזערוו פון סקעפּטיציזם, האָבן זיך פאַרזאָרגט מיט אַ קאָמפּלעט ציניזם, האָבן זיך איינגעהאַנדלט אַ פּעקל סענטימענטאַליטעט. היינט קען יעדער ווערן אַ פּעסימיסט אָן אַ לערער, אַ גייסטלעכער דורך קאָרעספּאָנדענץ, אַן אַטעיסט נאָך צוואַנציק לעקציעס, אַ מיסטיקער נאָך אַ צענמינוטיקער גימנאַסטיק יעדן אינדערפרי. די ציוויליזאַציע האָט אונטערגעדריקט יעדן געפיל פאַר פשטות, און אַז מ'דאַרף עס יאָ האָבן, עפנט מען אויף אַ רעזערוואַר פון נאַטירלעכקייט, צו באַנוצן זיך דערמיט אין אַן אָאַזע פון פּרימיטיווקייט...

איך פאָר אַוועק קיין אַפריקע זוכן ריינקייט, ווייל ס'איז מיר שוין פאַרמיאוסט געוואָרן צו גריבלען זיך אין דער נשמה פון אַ ציוויליזירטן אייראָפּעער. איך ווייס איצט, אַז דאָס דערקענען אַ מענטש — איז אַ גרויסע לעקציע. דער אַנאַליז פון אַ מענטשלעכער נשמה איז מערוויינקער דאָסזעלבע, ווי שטודירן די וועלטקאַרטע. עפּעס דאָרט אַ קליינער אינדזל, עפּעס דאָרט אַן אָפּערעטיש מאַדאַגאַסקאַר דערשיינט פּלוצלינג געאָגראַפיש גרעסער פון פראַנקרייך. דו ביסט איבערציינט, אַז די כינעזער זענען אַ הייפל קבצנים, וואָס פאַרקויפן פאַר די האָטעלן פאַלשע פערל, און אין דער ווירקלעכקייט זענען זיי די באַזיצער פון אַ לאַנד, וואָס איז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּע. פרווו דערגרונטעווען די נשמה פון אַ הייניקן מענטש — איך זאָג דיר אַ תהום, אַ טיפער תהום...

די ביידע פריינט האָבן נאָך געשמועסט וועגן פאַרשידענע זאַכן; פאָל האָט זיך באַמיט צו דערפירן דאָס געשפּרעך אַזוי, אַז זיי זאָלן אָנהייבן רעדן וועגן יוטאַן. לעווי איז פאַר אים געווען דער איינציקער, וואָס מיט אים האָט ער געקענט שמועסן וועגן יוטאַן.

— דידאָזיקע פרוי איז נישט ווערט דיין ליבע — האָט זיך אָפּגערופן דער בלינדער.

— וואָס הייסט ביי ליבע ווערט, אָדער נישט ווערט? ליבע איז נישט קיין באַלוינונג אָדער אַן אויסצייכענונג.

— האָסט איר איבערגעלאָזט צופיל פרייהייט. די מזרח-

מענטשן, די מייסטער פון ליבע, האַלטן זייערע ווייבער אין האַרעמס.

— וואָס העלפט דאָס אָפּהיטן פרויען? — האָט פּאָל געזאָגט: — דאָס שטערן אַ פרוי אין איר ראַנדע-וואו, איז נישט מער, ווי נייטן זי אָפּצולייגן יענע באַגעגעניש אויף אַן אַנדערשמאָל אָדער אויף אַן אַנדער אָרט. כּדי צו פאַרהאַלטן ביי זיך אַ פרוי, איז נאָר דאָ איין עצה: זי פאַרשטיין. אָבער דאָס איז אַ קאָנקורס-אויפגאַבע!

— אַזוי מיינסטו? — האָט געצווייפלט דער בלינדער — מיר דאַכט זיך אַז ס'איז זייער לייכט צו דערקענען דאָסדאָזיקע געהיימנישפולע וועזן. נישטגעקוקט אויף דער סודותדיקייט, וואָס אין איר הילן זיי זיך איין, זענען זיי, ווי אַ שאַכטל סאַרדינען: יעדע האָט איר שליסל. מ'דאַרף נאָר באַזיצן די פעיקייט צו פאָדערן פון זיי עטוואָס געפיל און אַפילו נישט קיין ביסל אינטעליגענץ. ווייבאַלד דו באַגעגנסט אַ פרוי, וואָס איר מוח איז גרויס, ווי אַ קליין קערנדל, דאַרפסטו דיר נישט איינרעדן, אַז ער איז אַזוי גרויס, ווי אַ קאָקוסניס. און ווען דו פאַלסט שוין אַריין אין אַ ליבע-אַוואַנטורע, דאַרפסטו האָבן אויף אַזויפיל שכל, כּדי צו באַנוגענען זיך מיט אַ קורצן עפּיזאָד, — אַ פלירט מיט אַ גיכן עפילאָג. שוין גלייכער צוצוגיין צו די קליינע שפּילן, ווי אין מאָנטע-קאַרלאָ, לאָזנדיק זיך באַנוגן מיט אַ קליינעם געווינס. ווייל איז דעם, וואָס גלייבט, אַז מ'קען ביי דער רולעטקע מאַכן אַ פאַרמעגן. ווייל איז דעם, וואָס גלייבט, אַז ער וועט געפינען אַ גרויסע ליבע, וואָס וועט אים געבן דאָס אמתע גליק. אָט דיביידע גלויבנס פאַרענדיקן זיך מיט אַ קויל אין קאָפּ.

פּאָל האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט זיין בלינדן פריינט, דריקנדיק אים וואַרעם די האַנט. שוין אַרויסגייענדיק, האָט ער צוגעגעבן:

— דו ווייסט, וואָס עס איז די גרעסטע מיספאַרשטענדעניש אין דעם אַלעם? ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז דער, וואָס הייבט גאָרנישט אָן צו קענען זיך אויף פרויען, מיינט, אַז ער האָט זיי גרינטלעך פאַרשטאַנען.

און אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, האָט פּאָל גערעדט צו זיך:

— ער איז בלינד געבליבן, אָבער ווי גרויס איז דער נוצן, וואָס קומט אים דערפון אַרויס!

— — — — — — — — — — — — — —

אינדערהיים האָט ער געפונען ליגן אַ געלן קאָנווערט פון יוסטיץ-מיניסטעריום. אין קאָנווערט האָבן זיך געפונען דאָקו-מענטן, אַ שיין אויף אַן אומזיסטער רייזע מיט דער באַן און מיט דער שיף, אַ געלטאָנווייזונג און אַ נאָמינאַציע אויף פרידנסריכטער אין האַנגהי-האַנגהי.

פּאָל פּאָט האָט נאָכגעטראַכט וועגן דעם, צי ער האָט נאָך מיט ווע מען צו געזעגענען זיך אין פּאַריז. אָבער ער האָט קיינעם נישט אויסגעפונען.

די שוועסטער האָט אים פּאַרפּאַקט די זאַכן, פרעגנדיק אים יעדע רגע:

— און וואו זאָל איך דאָס לייגן?

פלוצלינג האָט ער אַרויסגעריסן פון דער שוועסטערס האַנט אַ קליין פּעקעלע און עס שטאַרק צוגעדריקט צום האַרצן. ער האָט דאָס פּעקעלע פּאָרזיכטיק פּאַרוויקלט, אַרומגעבונדן מיט אַ שנירל; דערנאָך האָט ער עס אַריינגעלייגט אין קעשענע און אַרויס אין גאַס אַריין.

די באַרן זענען געווען איבערגעפּיקט מיט דער פּאַריזער ווייבלעכער פּאַונע, די וואָס שלינגען שטייענדיקערהייט פּוטער-שניטן, וואָס פון אַ רעשטל קרעפּ-זשאָרזשעט בייען זיי זיך אַ קליידל און וואָס פּאָפּולאַריזירן פון טאָג צו טאָג אַ גאַסנלידל. דאָס זענען אַלץ יונגע מיידלעך, וואָס זייער שפּייז איז ברויט און ליבע און וואָס זענען ענלעך צו די קליינע צמחים, וואָס וואַקסן אויף די מויערן אין די ערטער, וואו ס'געפינט זיך קוים אַ קוביק-צענטימעטער ערד, און דאָך באַווייזן זיי צו לאָזן פון זיך גע-זונטע און שיינע בלעטלעך, אַרויסרוקנדיק זיך כסדר אַלץ מער צו דער זון.

פּאָל פּאָט האָט אָפּגעטרעטן אויפן מאָנמאַרטרער בית-הקברות.ביידע וועכטער, מלחמה-אינוואַלידן, האָבן געלייענט צייטונגען. ער האָט זיי אויסגעמיטן, נעמענדיק אַ גלייכן וועג,

איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דער מצבה פון אַקטיאָר לוסיען גיטרי, האָט זיך פאַרקירעוועט אויף לינקס און געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער 15-טער אָפּטיילונג.

די קאַלינקור-בריק, וואָס איז פעסט אַריבערגעהאָנגען איבערן בית-עולם, האָט געציטערט מיט אַ קלינגנדיקן ציטער, ווי ס׳וואָלט געצויגן איבער איר אַ פייערלעכע פּראָצעסיע.

פּאָל איז צוגעקומען צום קבר פון אַלפאָנזין פּלעסיס, די „קאַמעליענדאַמע". דערדאָזיקער קבר ווערט יעדן טאָג באַפּוצט מיט בלומען פון אַן אומבאַוואוסטן פאַרערער. דער וועכטער האָט פאָרזיכטיק פונוויטנס אַכטונג געגעבן, אַז די צופיל סענטימענטאַלע פאַרערער זאָלן זיך נישט פאַרהאַלטן אומאָנשטענדיק ביים קבר פון דער גרויסער געליבטער. איין אויפשריפט האָט געוואָרנט:

„Dèfense absolue d'ecrire sur le monument, de le dessiner, de le photographier, sous peine de procès verbal" *).

און אַזוי ווי דער רוב סענטימענטאַלע פאַרערער האָט געשטאַמט פון צפון, האָט זיך דאָ געפונען אַ צווייטער אויפשריפט:

"It is absoluteli forbidden under pain of punishment to wheite on the tomb to sketch it or take any photo of it" *).

פאַרליבטע פאָרלעך פלעגן נאָכן איבערלייענען דעמדאָזיקן אויפשריפט אַוועקגיין צו אַ נאָענטן בוים און אויסשניצן אויף דער קאָרע די אייגענע איניציאַלן, אָדער גאָר די נעמען. די מער ערנסטע פלעגן זיך פאַרטראַכטן איבער דער דאַטע: „15 אַפּריל 1824 — 8 פעברואַר 1847, און אויסרעכענען: דרייאונצוואָנציק יאָר.

אויף דער מצבה האָט פון אונטער אַ גלאָז אַרויסגעקוקט אַ פאַרגעלטער פרויענפּאָרטרעט: שווערע שוואַרצע לאָקן, וואָס פאַלן אַראָפּ אויף די שענסטע אָרעמס אין דער וועלט. דאָ דערנעבן, איבערן מאַרמאָר, בייגט ס׳קעפּל אַ ווייסע קאַמעליע.

*) ס׳איז אַבסאָלוט פאַרבאָטן אונטער אַ געריכטלעכער שטראָף צו שרייבן אויף דער מצבה, צו מאַכן פון איר אַ צייכענונג אָדער זי צו פאָטאָגראַפירן.

פּאָל פּאָט האָט געזוכט זיין אייגענעם קבר. צופעליק האָט ער געפונען דעם קבר פון זשאָרזש פעידאָ, אַ דראַמאַטורג, וואָס האָט גאַנץ פראַנקרייך און כמעט גאַנץ אייראָפּאַ געמאַכט לאַכן מיט זיינע טעאַטערשטיק „די דאַמע מיט די כּלים" און „אַמעליִעס געשעפטן".

פון קינאָ „גאָמאָן" האָבן זיך אַהערגעטראָגן די הילכיקע קלאַנגען פון אַ צירק־אָרקעסטער.

ענדלעך האָט פּאָל געפונען אַ ליידיק אָרט, וואָס ער האָט דאָ געזוכט. ער האָט זיך מיט שרעק אומגעקוקט. קיינער איז נישט געווען אין דער נאָענט. בלויז פונדערווייטנס האָט זיך געהערט די מוזיק. הייליק איז אים געווען דאָס אָרט פון אייביקער רו. ער האָט געדירט געטראַכט, אַז אין הייסע זומערנעכט וועלן צוזאַמען מיטן ווינטל אַהערשוועבן די טענער פון צירק־אָרקעסטער אויף זיין בלומענלאָזן קבר...

איצט האָט דער ווינט אַהערגעטראָגן זיסע, קריסטאָלריינע טענער, אויסגעשפּילטע אויף אַכטאונצוואָנציק גלעזלעך. דאָס איז געווען באַרקאַראָלאַ, וואָס זיינע פערזן זענען אַזוי זינגלאָז בישופדיק:

שיינע נאַכט, אָ נאַכט פון ליבע,
דאָס באַהעלטעניש פאַר אונזער שיכּרות.
די נאַכט, וואָס איז זיסער פון טאָג,
אָ שיינע נאַכט פון ליבע.

דאָס קינאָ גאָמאָן האָט זיך געפונען אויף אַזאַ נאָענטקייט, אַז ס'האָט אויסגעזען, ווי אַ פליגל פון מאָנמאַרטרער בית־הקברות. אַ רעקלאַמע פון דרייהונדערט קוואַדראַטמעטער האָט פאַרגעשטעלט אַ פרייסישן גרענאַדיר מיט בלאָנדע וואָנסן, וואָס קוקט זיך צו מיט אַ מאָנאָקל אין אויג צו אַ רייטערין אין אַ ווייסן קאָסטיום אויף אַ ווייס פערד. דערנעבן אַ מענטש, געקליידט ווי אַ קלאָון...

אַ קלאָון, געקליידט ווי אַ מענטש, האָט מיט די גאָלע הענט אויסגעגראָבן אַ גריבל אין דעם שטיקל ערד, וואָס איז באַשטימט פאַר אים אויף אַ קבר. ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָ אַרום געפינט זיך נישט קיין לעבעדיק נפש, האָט ער פאַרזיכ־

טיק אויפגעבונדן ס'שנירל, האָט פאַנאַנדערגעוויקלט ס'פעקעלע און מיט אַ תפילה אויף די ליפן האָט ער אַריינגעלייגט אין גריבל, אויף דעם שטיקל ערד, וואָס איז פאַר אים באַשטימט אויף אַ קבר, אַ קליין שאַכטעלע פון סאַנדאַלהאָלץ, וואָס אין אים האָט זיך געפונען אַ בינטל פאַרטריקנטע פיילכן און ברויניגס מוילקאָרב. דאָס זענען געווען די לעצטע פיילכן, וואָס ברוינינג האָט געבראַכט אין זיינע צייטן פאַר זיין האַרינטע יוטאַ שומאַן אין אַ שוין לאַנג פאַרגאַנגענעם פרימאָרגן.

קאפיטל 11

אין צען יאָר אַרום איז אין יענעם פאַרוואָרפענעם ווינקל אין אַפריקע אָנגעקומען אַ יונגער אינזשעניער מיט דער פרוי מיט איינעם פון די ערשטע צוגן פון דער דורך אים אויפגע- בויטער אייזנבאַן.

לעם-לעם טעאָלדע, די שוואַרצע דינסט פון ריכטער פאָט, איז געקומען צו לויפן צום האַר און מיט דער הילף פון ברייטע זשעסטן, מיט אַן אויסדריקלעך דרייען מיט די אויגן און קריצן מיט די ציין, האָט זי אים געגעבן צו פאַרשטיין וועגן די בייאָנגעקומענע.

ליגנדיק אין אַ ווינגשטול פון ריטלעך פאַר דער וועראַנדע פון זיין הייזל, האָט פאָל פאָט געלייענט אַ פראַנצייזישן ראָ- מאַן אין אַ געלער הילע. לעם-לעם טעאָלדע האָט אים דער- קלערט אויף איר שטייגער, אַז די ווייסע פרוי טראָגט אויפן קאָפּ אַ העלם און אַ בלאָען שאַל, און אין מויל פייער און רויך, ווי אַ מאַנספאַרשוין.

פאָלס גאָרטן איז פול געווען מיט שמעטערלינגען.

— אָ, אָ, דאָרט — האָט לעם-לעם טעאָלדע אָנגעוויזן אויף יענער זייט פלויט.

כדי צו קענען אָנקוקן די פרוי אין העלם פון קאָרנ- האָלץ און אין בלאָען שאַל, האָט פאָל געמוזט אויפהייבן זיך אויף די עלנבויגנס און אַדורכדרינגען מיטן בליק דורך דער

געדיכטעניש פון די געוויקסן. אָבער ער האָט דאָס נישט געטון.

— אַ יונגע פרוי, אַ ווייסע, אַ שיינע — האָט אים פּאַרזי־כערט לעם־לעם טעאָלדע מיט אירע שאַרפע, אויסדריקספולע באַוועגונגען.

פּאָל פּאָט האָט נישט געענטפערט.

די אַפריקאַנער זון האָט פאַרשוואַרצט זיין פּנים, זיינע ברעמען זענען ווייס געוואָרן און די האָר זענען אים געוואָרן גראָ. ער האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ פאָטאָגראַפישער נעגאַטיוו פון זיין אייגן געזיכט פון פאַר צען יאָר.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן טירל פון גאָרטן. דער זשוויר האָט געטרעשטשעט אונטער די פיס פון די אָנקומענדיקע.

לעם־לעם טעאָלדע איז אַוועקגעלאָפן צום פּאָרזאַל.

— זינט צוואָנציק טעג הער איך נישט אויף צו חלומען וועגן דיין אומפאַרגלייכלעכן אייזקרעם, לעם־לעם טעאָלדע — האָט געזאָגט דער אינזשעניער און אַרויסגעצויגן פון דער קע־שענע אַ שנור רויטע, גלעזערנע קרעלן. — זע, וואָס פאַר אַ מתנה כ׳האָב דיר געבראַכט פון פּאַריז!

די נעגערין איז געבליבן אָן לשון פון אַנטציקונג.

דער אינזשעניער האָט זיך וואַרעם באַגריסט מיטן ריכ־טער פּאָט.

פאַרן אַוועקפאָרן קיין אייראָפּע, האָט דער אינזשעניער קורץ אָנגעמערקט וועגן דער געליבטער, וואָס וואַרט דאָרט אויף אים, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט דערלויבט צו רעדן וועגן דעם געניער. ער האָט געפילט, אַז ריכטער פּאָט האָט געהאַט עפּעס אַ ליבע־איבערלעבעניש און דער טאַקט האָט נישט דערלויבט צו רעדן וועגן זיין אייגענער ליבע. ער האָט שטייענדיקערהייט געגעסן אייזקרעם, האָט געדאַנקט פאַרן פּאַ־פּיראָס, און האָט זיך נישט געוואָלט אַפילו צוזעצן:

— כ׳בין דאָ אַריינגעפאַלן אויף אַ רגע, אייך צו זאָגן גוטמאָרגן. איר הערט? כ׳האָב אַפילו נישט אָפּגעשלאָסן דעם מאָטאָר. כ׳מוז נאָך אַ בליק טון אויף די אַרבעטער. פאַרדאָס וועל איך היינט אינאָוונט זיין ביי אייך אַזוי לאַנג, ביז וואַנען

איר וועט מיך נישט אַרויסוואַרפן. און דעמאָלט וועט איר מיר דערלויבן אייך פאָרצושטעלן די פרוי.

דער ריכטער האָט געזוכט אין געדאַנק עפּעס אַ פּאַר־מולע פון אַלטער אייראָפּעישער העפלעכקייט.

— ס'וועט מיך זייער פרייען צו באַקענען זיך מיט אייער פרוי — האָט ער ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט.

— צו באַקענען? — האָט דער אינזשעניער שטיל גע־שמייכלט — איר זענט שוין באַקאַנט... אַלזוי, ביז אינאָוונט, הער ריכטער.

און איז גיך פאַרשוואונדן צווישן די קוזשאַקעס.

ווען פאָל איז אַריין צו זיך אין הויז, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט ביים פענסטער און דורך די שפּאַרעס פון דער זשאַלוזע האָט ער באַטראַכט דאָס ערשט נישטלאַנג אויפגעבויטע הייזל פון קעגנאיבער. דערדאָזיקער בנין איז געווען פון ווייסע ציגעלעך מיט אַ בלאָען פּאַס פון עמאַליע. אין גאָרטן זענען געשטאַנען צוויי קאָלירטע פּאַראַסאָלן.

לעם־לעם טעאָלדע, וואָס איז געווען גליקלעך פונם שנור רויטע, גלעזערנע קרעלן, האָט אונטערגעזונגען דעם איינאונ־איינציקן פערז פון איינאונאיינציקן לידל פון איר רעפּערטואַר:

— ני פּלי דו־זע קי לי זור...

פאָל האָט זי אַ רוף געטון. די נעגערין איז געקומען צו לויפן אַ באָרוועסע, און די קרעלן האָבן אונטערגעשפּרונגען אויף אירע קליינע בריסטן, וואָס זייער קאָליר איז ענלעך גע־ווען צו אַ גראַמאָפאָן־פּליטע.

— ווי האָט אויסגעזען די פרוי, וואָס דו האָסט געזען היינט אינדערפרי?

לעם־לעם טעאָלדע האָט באַצייכנט אַן אומבאַשטימטן קרייז אינדערלופטן.

— וואָס הייסט דאָס?

— אַ שיינע.

— דאָס איז אַלץ, וואָס דו ווייסט?

די נעגערין האָט אָנגעשטרענגט דעם זכרון:

— שיך.

— אויף וואָס האָט זי געטראָגן די שיך?

— אויף די הענט.
— ווי נאַריש דו ביסט, לעם-לעם טעאָלדע!
איצט האָט די נעגערין געפרעגט:
— קינאָ לעם-לעם טעאָלדע?
— היינט נישט. ס'דאַרפן קומען געסט. מאָרגן. ברענג מיר אַלץ צום ראַזירן.
דעם אינזשעניערס ווייסע הייזל האָט גיך געענדערט זיין אָפּשיין פון רויט אויף פּיאָלעט, לאַזור און צום סוף פאַר־שוואונדן געוואָרן גלייך מיט זונאונטערגאַנג — אָן דעמערונג, אָן איבערגאַנג — אין דער שוואַרצקייט פון דער אַפריקאַנישער נאַכט.
— גרייט שנעל צום טיש—האָט פאַראָרדנט דער ריפּטער.
ער האָט אין איילעניש אָפּגעגעסן אָוונטברויט.
— רוים שנעל אַראָפּ פון טיש, לעם-לעם טעאָלדע.
לעם-לעם טעאָלדע האָט שנעל אַראָפּגערוימט פון טיש.
— קאַווע?
— שטעלן אויפן אייז.
— פּאַפּיראָסן?
— קויפן.
— און נאָך?
— אויפדרייען אַלע ווענטילאַטאָרן. עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז עמעצער איז דאָ פאַראַן.
צווישן דיביימער פון גאָרטן האָבן געפינקלט רויטע פונקען פון פּאַפּיראָסן. דער זשוויר האָט געטרעשטשעט אונטער עמעצנס פיס.
פּאָל פּאָט איז אַרויס באַגעגענען זיינע געסט. דער אינ־זשעניער איז געגאַנגען אין באַגלייטונג פון אַ שלאַנקער איי־ראָפּעישער פרוי. דאָס איז געווען די ערשטע ווייסע פרוי, וואָס האָט איבערגעטרעטן די שוועל פון זיין הויז.
דער אינזשעניער האָט זי נישט פאָרגעשטעלט, וואָרום זי האָט גלייך אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו פּאָטן און אויס־גערופן מיט אַ געלעכטער:
— האָב איך זיך שטאַרק געענדערט?
אַ גרויליק געשריי האָט אַדורכגעריסן די לופט. די ווײ־

סע פרוי האָט נישט אָפּגעלאָזט פֿאַלס האַנט און איבערגעשראָקן געווענדט איר פּנים צום פענסטער, דורכוואַנגען דאָס געשריי איז אַריינגעדרונגען אין צימער. די געשרייען האָבן זיך אי-בערגעחזרט פינף צי זעקס מאָל אין גלייכע הפסקות.

— וואָס איז דאָ? — האָט זי ענדלעך געפרעגט.

דער ריכטער האָט נישט געענטפערט. ער האָט אין גע-דאַנק געציילט: זיבן, אַכט, ניין, צען! און באַלד האָט ער געזאָגט:

— פֿאַרטיק.

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען?

פֿאַל פֿאַט האָט זי אַוועקגעזעצט אויף אַ נידעריקער, גע-פלאָכטענער שטול, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ פּרעכ-טיקער שפּאַנישער הילע.

— ס'איז גאָרנישט. דאָס איז אַ נעגער באַשטראָפט גע-וואָרן פֿאַר גנבענען אַ ציג. כ'האָב אים פֿאַרמשפּט צו דער גרעסטער שטראָף: צען קלעפּ מיט אַ באַמבוסשטעקן אויף די פּוסזויקן, ווייל ער איז אַ רעצידיוויסט.

— און וואָס וועט איצט זיין מיט אים?

— איצט וועט ער גיין אַהיים. היינט וועט ער זיך נאָך אַ ביסל וואַקלען אויף די פיס. מאָרגן ביי דער אַרבעט וועט ער זיין אַ ביסל שוואַך, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער ווידער גנבענען אַ ציג.

— צי האָט דער אייגנטימער צוריק אָפּגענומען זיין ציג.

— ניין.

— טאָ וואָס האָט ער געהאַט פון פּראָצעס?

— גאָרנישט. פּונקט אַזוי ווי אין אייראָפּע.

— וועט ער אפשר באַקומען אַ געלט-פֿאַרגיטיקונג?

— ס'הייבט זיך גאָרנישט אָן! פֿאַרקערט, ער האָט נאָך דערביי געהאַט אויסגאַבן.

— אָבער דאָך!

— ביים פּראָצעסירן זיך קען מען פֿאַרלירן אָדער איב-גאַנצן אָדער אַ העלפט. דער, וואָס פֿאַרלירט אַ העלפט, זאָגט, אַז ער האָט געוואונען דעם פּראָצעס.

— און פֿאַרוואָס ווערט די שטראָף אויסגעפירט ביינאַכט?

— ווייל אַלע נעגער געפינען זיך דעמאָלט אינדערהיים און קענען זיך צוקוקן צו דער באַשטראָפונג.

— אַ פיינער ספּעקטאַקל!

— דאָס ווערט נישט איינגעאָרדנט צוליב פאַרשטעלונג, נאָר כּדי אַנדערע זאָלן זיך דערפון אַראָפּנעמען אַ מוסר.

— און די דאָזיקע וואָרנונג העלפט עפּעס?

— ווייניק.

— וואָס פאַראַ ציל דערגרייכט איר מיטן דאָזיקן סיסטעם?

— דעמזעלבן ציל, וואָס עס האָט אין אייראָפּע דערגרייכט די קלאַסישע שול און די פּאָזיטיוויסטישע שול.

— דאָס הייסט?

— פּשוט: קיין שום ציל.

— ס'איז אַ טרויעריקע באַשעפטיקונג צו זיין אַ ריכטער אין דאָזיקן לאַנד.

פּאָל פּאָט האָט געענטפערט:

— די היגע פּרימיטיווע מענטשן האָבן אַ התחלהדיקע אָבער אַן אומפעלבאַרן חוש פאַר גערעכטיקייט. אין פּראָצעסן אויפן געביט פון האַנדלס- און אייגנטום-רעכט מוז מען דאָ מיט אַ באַזונדער פאָרזיכטיקייט אַרויסגעבן אורטיילן. מיין פאָר-גייער האָט אויפן דאָזיקן אָרט אַרויסגעגעבן אַן אומגערעכטן אורטייל אין עפּעס אַ פּריוואַטן סכסוך. דאָ איז נישט איינגע-פירט דער מנהג פון אַפּעלאַציע. אויפן אַנדערן טאָג האָט עמע-צער אַריינגערוקט די עפענונג פון אַ ביקס צווישן די שפּאַרעס פון דער זשאַלוזע. דער ריכטער, וואָס מאַכט דאָ אַ טעות, באַ-צאָלט דערפאַר מיטן לעבן. דערפאַר איז דאָ נישט אַזוי באַ-קוועם צו זיין אַ ריכטער, ווי אין אייראָפּע...

ער האָט פּלוצלינג געענדערט די טעמע פון געשפּרעך.

— כ'האָב פאַרגעסן וועגן אַ וויכטיקן ענין, לכּבוד אייך גרייט היינט דער פּאָרטוגעזער צו אַ גאַלאַ-פאָרשטעלונג.

— וואָסער פּאָרטוגעזער.

— דאָס איז — האָט פּאָט דערקלערט — דער אייגנטי-מער פון היגן רעסטאָראַן. ביי גרויסע פייערלעכקייטן הענגט ער אויס אויף דער וואַנט אַ לייליך און באַווייזט אַ פילם, וואָס ער האָט שוין אַ סך יאָרן. מיר מוזן אַהינגיין. און דערווייל

וועט אונז לעם-לעם טעאַלדע צוגרייטן אייזקרעם און געפּרוי-רענע פּרוכטן, און וועט אַרויסיאָגן די מאָסקיטן, אויב זיי וועלן זיך אַהער אַריינכאַפּן.

דער פּאָרטוגעזער האָט אויפגענומען די געסט מיט גרויס כבוד, איבערהויפּט די פרוי פון אינזשעניער, און ער האָט זי אַוועקגעזעצט אין דער ערשטער ריי צווישן איר מאַן און דעם ריכטער. איינער אַ נעגער האָט געטראָגן אויפן האַלדז אַ ראָלקע פון צעלולאָיד מיט אַזאַ שטאָלץ, פּונקט ווי ער וואָלט געטראָגן אַ טייערן האַלדזבאַנד. אַן אַלטער נעגער האָט געטראָגן אַ מאַטראָזן-לונגעטע. די שוואַרצע דאַמען האָבן גע-טראָגן שטרויענע מענערהיט מיט שטרויספעדערן.

דער ספּעקטאַקל האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן איבער-זיכט פון אַקטועלע פּאַסירונגען: „דער רעפּובליק-פּרעזידענט לובע האָט געעפנט דעם אויטאָמאָביל-סאַלאָן — 1904". דעם אינזשעניערס פרוי האָט געלאַכט פון די דעמאָלטיקע עלעגאַנ-טע פרויען אין קאָרסעטן און אין הויכע שיך מיט אָפּצאַסן אַלאַ לואי XV און אין פלאַכע היט אין דער קווער איבערן שטערן. אויף אַ טייל ערטער איז דער פילם געווען צעריסן, אַן עמאָציאָנעלע דראַמע פול מיט ליידנשאַפט האָט זיך נישט פאַנאַנדערגעוויקלט כראָנאָלאָגיש, ווייל דער אָפּעראַטאָר האָט ביים צוזאַמענקלעבן די לענטע פאַרטוישט די באַזונדערע טיילן. ס'קומט דאָ אַלזוי אויס אַזוי, אַז די סצענע, וואו דער קאַפּיטאַן פון אַ געהיימנישפולער שיף וואַרפט אַריין אין ים אַריין אַ זאַק, און אין זאַק געפינט זיך אַ פרוי, וואָס האָט אים פאַרראַטן מיט אַ רייכן פישער, קומט פאַר באַלד נאָכן קאַפּי-טאַנס חתונה מיט דערזעלבער „פאַררעטערישער" פרוי, דערביי טראָגן איר נאָך צוויי פאַזשן מיט גרויס ווירדע דעם פינפ-מעטערדיקן שלעפּ פון איר חתונה-קלייד.

ווען די געזעלשאַפט האָט זיך אומגעקערט אין פאַלס ווילע, האָט דער אינזשעניער געפרעגט:

— ווי אָפט קומט אַהער אָן די פּאָסט?

— ווען כ'האָב זיך דאָ באַזעצט מיט צען יאָר צוריק — האָט פאַל געענטפערט — האָב איך דערהאַלטן די פּאָסט יעדע צוויי וואָכן.

— אומגלויבלעך! — האָט אויסגערופן דעם אינזשעניערס פרוי.

— און איך האָב פּאַראָרדנט — האָט צוגעגעבן דער ריכטער — אַז מ'זאָל מיר צושטעלן בריוו נישט אָפּטער, ווי יעדע צוויי חדשים.

— און איצט?

— איצט קאָרעספּאָנדירט שוין מער קיינער נישט מיט מיר. אַלע זענען אויסגעשטאָרבן.

לעם-לעם טעאָלדע האָט דערלאַנגט פּרוכטן אין אייז און געפּרווירענע קאַווע. די ווענטילאַטאָרן זענען שוין מער נישט נייטיק געווען. די היץ האָט אָנגעהויבן שוואַכער ווערן. דער הימל איז געווען באַזעצט מיט שטערן.

לעם-לעם טעאָלדע האָט נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון דער שיינער פרוי און האָט זיך באַמיט צו ווענדן איר אויפמערקזאַמקייט, מיט דער היקף פון פּרימיטיווע זשעסטן, אויף איר שנור גלעזערנע פּאַטשערקעס, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען צווישן אירע קליינע, שוואַרצע בריסטן. ווערנדיק אַרויסווייזן אַ ספּעציעלע גאַסטפריינטלעכקייט, האָט די נעגערין געברענגט אַ קליין קעסטעלע און עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

— דאָס איז דאָך אַ שפּילקעסטל — האָט געזאָגט דעם אינזשעניערס פרוי, אויפהייבנדיק ס'דעקל.

לעם-לעם טעאָלדע האָט, דרייענדיק מיט די אָפּלען און קריצנדיק מיט די ציין, גענומען אונטערזינגען אויף איר שטייגער:

„ני פּלי דו-זע קי לי זור...״

— וואָס רעדט זי דאָרט? — האָט געפרעגט דעם אינזשעניערס פרוי.

פּאָל האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין:

— דאָס איז אין איר טראַנספּאָזיציע דער איינציקער פערז, וואָס זי קען אויף אויסווייניק.

„ני פּלי דו-זע קי לי זור...״ — האָט איבערגעחזרט די נעגערין.

— דאָס דאַרף באַדייטן: „די נאַכט, וואָס איז זיסער

פון טאָג״, דער אָנהייב פון באַרקאַראָלאַ אין „האָפמאַנס דער־ציילונגען״, מוזיק פון אָפענבאַך.

די נעגערין איז אַרויס פון צימער מיט שטילע, עלאַ־סטישע טריט פון אירע באָרוועסע פיס.

— זינגט זי אַמאָל נעגער־לידלעך?

— טיילמאָל, ווען כ׳בין נישטאָ אינדערהיים. אָבער דאָס זענען בלויז מאָנאָטאָנע קלאַנגען, און ווי זי הערט נאָר מיינע טריט אין גאָרטן, הערט זי גלייך אויף צו זינגען.

— אָט די שוואַרצע נשמה מוז אייך זיין זייער איבער־געגעבן?

— מיר דאַכט זיך, אַז דאָס, וואָס זי פילט צו מיר, איז מער, ווי איבערגעגעבנהייט. דאָס איז גיכער ליבע, נאָר אָן דער אומרואיקייט, וואָס דרינגט פון איר אַרויס, אָן דראַמאַ־טישע סצענעס, אָן קאָמפּליקאַציעס. דאָס איז אַן אידעאַלע ליבע, וואָס אַן ענלעכע צו איר האָב איך נאָך ביזאיצט נישט געפונען, נישטגעקוקט אויף מיינע פיל עקספּערימענטן. ווען כ׳האָב זי געקויפט, איז זי קוים אַלט געווען דרייצן יאָר.

— געקויפט?

— יאָ. כ׳האָב זי באַקומען פון איר פאָטער פאַר אַ ביקס, פערציק קויקן, צען ראַזירמעסערלעך און צוויי פעקלעך טאַ־באַק. דאָס איז דער נאָרמאַלער פּרייז.

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַז זי האָט אייך ליב?

— זי האָט מיך ליב אויף איר שטייגער. נישט פרעגנ־דיק גאָר, צי אויך איך האָב זי ליב, אָדער כ׳ליב אַן אַנדערע. פאַר איר האָט נישט די ליבע יענע באַדייטונג, וואָס זי האָט פאַר די אייראָפּעער. שפּילן אויף אַ גיטאַרע, פּוצן מיינע שיך, צוגרייטן אייזקרעם, אָנטרינקען ס׳פערד אין דער אָאַזע, אָדער גאָר זיך ליבן, — דאָס אַלץ זענען ביי איר זאַכן פון איין גלייכער ווערט. איר ווערט אפשר נעמען נאָך אַ פרוכט?

ווען פאַל איז אויף אַ רגע אַרויסגעגאַנגען פון צימער, האָט דאָס יונגע ווייבל אַ זאָג געטון צו איר מאַן:

— ווייסט וואָס? ס׳וועט מיר זיין צו קיך אַהיימצוגיין. כ׳האָב זייער נישט גוט געטון, וואָס כ׳האָב נישט מיטגענומען דעם מאַנטל.

— וועל איך גיין אים דיר אַהערברענגען — האָט איר דער מאַן געענטפערט.

— איר גייט שוין אַוועק? — האָט פּאָל געפרעגט, ווען ער איז צוריק אַריין אין צימער.

— איך קום גלייך צוריק — האָט געענטפערט דער אינזשעניער. — אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך מיטנעמען די נעגערין, זי זאָל מיר צוזייכטן דעם וועג.

די יונגע פרוי און פּאָל זענען געבליבן אַליין.

זי איז געווען פּונקט אַזוי שיין, ווי אַמאָל. נאָר איצט האָט זי געהאַט מער פרוילעכן רייץ.

די פרוי האָט גענומען מיטביידע הענט די פאָטאָגראַפיע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זילבערן רעמל אויפן שרייבטיש, און האָט אויסגערופן מיט אַ שטים, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט קינדישער פרייד:

— אָראָלאָזשיאָ!

זי האָט געהאַלטן די פאָטאָגראַפיע אויף אַ געוויסער ווייטקייט פאַר זיך, כדי פּאָל זאָל נישט באַמערקן, אַז אירע אויגן זענען פייכט געוואָרן. דערנאָך האָט זי די פאָטאָגראַפיע איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זייט און איבערגעלייענט די דעדיקאַציע:

„דעם הער פּאָל ס'קעצל אָראָלאָזשיאָ צום אָנדענק פון ליאַנאַ".

זי האָט זיך אָנגעשטרענגט אַ שמייכל צו טון:

— כ'האָב דאָ נישט מיט זיך מיין קעצל, וויאַזוי וועל איך וויסן, ווי שפּעט ס'איז?

— איר קענט דאָס אַרויסלייענען אין די אויגנשפּעטלעך פון אַ טיגער.

— זענען דאָ פאַראַן טיגערס?

— מיט מיינע אייגענע אויגן האָב איך נישט געזען אַפילו קיין איינעם נישט, נאָר די קאָרעספּאָנדענטן פון די אייראָפּעישע צייטונגען גיבן איבער, אַז אין דערדאָזיקער געגנט געפינען זיך טיגערס אין אַ גרויסער צאָל. וואָס מאַכט אייער פאָטער?

— ער פּראַקטיצירט נאָך אַלץ אין האַוור, אין דער

ווייסער קליניק, וואו ס'זענען פאַראַן זייער פיל בלומען. איר געדענקט?

— אָ, כ'געדענק: אַ גרויסער גאָרטן, אַ ווייסע קליניק, ווילדע ווייַנטרויבן אַרום דעם פּאַסאַד, אַ גרויסער באַסיין אין גאָרטן, וועגעלעך אויף גומענע רעדער פאַר די קראַנקע. און כ'געדענק נאָך אַ קליין מיידעלע מיט געלע האָר, וואָס פלעגט פּסדר רייסן די בלעטלעך פון מאַרגאַריטקעס.

— ריכטיק! נאָר איצט רייס איך שוין נישט. איך פרעג שוין מער נישט די בלומען וועגן אמת, ווייל זיי האָבן מיך צופיל גענאַרט. ווי קאָמיש האָט עס אייך געמוזט אויסווייזן, הער ריכטער.

— פּונקט פאַרקערט, מאַדאַם. איר האָט עס געמאַכט מיט אַזויפיל פּשטות! היינט, נאָך אַזויפיל פאַרלאָפענע יאָרן, קען איך דאָך אייך דאָס אָפן זאָגן. כ'האָב זייער, זייער ליב געהאַט דאָס רויטהאָריקע מיידעלע, וואָס פלעגט ביינאַכט אָפּוואַרטן אַ פאַלנדיקן שטערן, כדי אים צו אַנטפּלעקן פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען.

פרוי ליאַנאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דער ריכטער האָט אָנגענומען איר האַנט און זי געגלעט שווייגנדיק.

— כדי צו דערוויסן זיך עפּעס גענויערס וועגן פרוי און ליבע — האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן — האָב איך אַדורכגעשטודירט די פּסיכאָלאָגיע פון יחיד ווי פון דער מאַסע. כ'האָב געלייענט די פאַנטאַסטישע דערציילונגען פון די ראָמאַנטיקער און די וויסנשאַפטלעכע דיסערטאַציעס פון די פּאָזיטיוויסטן. כ'האָב זיך פאַרטיפט אין ביכער פון אוראַלטער חכמה און אין מאָדערנע ראָמאַנען, כ'האָב זיך אויסגעפרעגט ביי מענער. וואָס מ'האָט געליבט, און ביי די, וואָס מ'האָט פאַרראַטן. כ'האָב אַנאַליזירט דאָס פּראָבלעם פון אייפערזיכט, געטריישאַפט און פאַרראַט. כ'האָב געמאַכט עקספּערימענטן איבער זיך אַליין און איבער אַנדערע. כ'האָב קאָמפּלעטירט פאַרשידענע ווידויס. כ'האָב געפאָרשט אָן אַ שיעור פאָרפאַלן. כ'האָב זיך געווענדט צו איינער אַ קלוגער און אינטעליגענטער פרוי, אַז זי זאָל מיר דערקלערן דאָסדאָזיקע רעטעניש. דידאָזיקע פרוי האָט פולשטענדיק געוואוסט צו אַנאַליזירן דידאָזיקע פראַגע אויפן

גרונט פון אינטראָספּעקציע. כ׳האָב פון איר געפּאָדערט דער־קלערונגען וועגן סיבות און פאָלגן. מיין מוח איז געוואָרן אַ מין קאַרטאָ־טעקע. כ׳בין איבערצייגט, אַז כ׳האָב שוין מער נישט צו הערן קיין נייעס וועגן ליבע, ווייל כ׳האָב שוין גע־זען אַלע מעגלעכע טיפּן און פאָרגעזען אַלע מעגלעכע קאָמ־פּליקאַציעס. און נאָך פיל יאָרן פון נסיונות, אַנאַליזן און דורכטראַכטונגען — ווייסט איר, מאַדאַם, צו וואָסער אויספיר איך בין געקומען?

— זאָגט.

— נאָך דעם אַלעם, וואָס איז געוואָרן געשריבן און גע־רעדט אויף דער־דאָזיקער טעמע, פאָרגעזען און אַנטדעקט, נאָכן דערקענען אָט די אַלע אמתן, וואָס זענען אַנטדעקט געוואָרן ביי מענער און אַרויסגעזאָגט געוואָרן ווי אַ ווידוי ביי פרויען, נאָכן אויסרעכענען אַלע מיטלען — דראָונגען, הבטחות, צירונג און רעוואָלווערן—וואָס מיט זיי באַנוצט מען זיך, כדי צוריק־צוגעווינען די פאַרלוירענע ליבע, אָדער צו דערגרייכן אַ ליבע, וואָס איז אומדערגרייכבאַר,—ווייס איך איצט, אַז ס׳עקזיסטירט נאָר איין סיסטעם, דערווייל דער ווירקזאַמסטער: אויסצוזאָגן אונזער סוד דעם קליינעם, בלינצלדיקן פונקט, וואָס טראָגט זיך פאַרביי דעם הימל אין לויטערע אויגוסט־נעכט.

— ווירקלעך?

— איך גלייב, אַז כדי עפּעס צו פאַרשטיין וועגן ליבע...

ס׳האָט זיך דערהערט דאָס סקריפּען פון זשוויר און דעם־לעם טעאָלדעס קול.

— איך וועט עס מיר שפּעטער זאָגן — האָט די פרוי שטיל אַ זאָג געטון.

ס׳איז אַריינגעקומען דער אינזשעניער, טראָגנדיק דער פרויס מאַנטל פאַרוואָרפן איבערן אַקסל.

— אַנטשולדיקט, וואָס עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט — האָט זיך דער אַריינקומענדיקער פאַרענטפערט: — כ׳האָב נישט געקענט געפינען דאָס שליסעלע. דו וועסט קיינמאָל נישט אַוועקלייגן אַ זאַך אויף אַן אָרט.

ליאַנאַ האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר האָט אַ קוק גע־טון אויף איר מאַן מיט יענעם קאַלטן, שרעקלעך בייזן בליק.

פון אַ פרוי, ווען זי הערט אויף צו ליבן. פאָל האָט זיך דער-מאָנט, אַז אין אייראָפּע הערשט אַ מנהג צו קושן די הענטלעך פון די פרויען, און ער האָט לייכט באַרירט מיט זיינע ליפּן די האַנטפלאַך פון דער דאַמע.

די געסט האָבן זיך אָפּגעזעגנט און אַראָפּגעגאַנגען צום פינסטערן גאָרטן. פאָל איז געשטאַנען ביים פענסטער און זיי נאָכגעקוקט.

פלוצלינג האָט זיך ליאַנאַ געגעבן אַ דריי-אויס און איר שטים האָט אַרויסגעקלונגען פון דער פינסטערניש:

— איר האָט געזען, הער ריכטער? אַ שטערן איז אַראָפּ-געפאַלן איבער אונזער הייזל, און אָט האָט ער זיך פאַרביי-געטראָגן איבער אייער הויז. „בּי פלי דו-זע קי די זור" — אמת, לעם-לעם טעאָדע?

— — — — — — — — — — — —

אויפן אַנדערן טאָג איז דער אינזשעניער אַוועקגעפאָרן אויף דרום, וואו ס'זענען פאָרגעקומען די אַרבעטן ביים פאַרלענגערן די באַנליניע.

— כ'בין געקומען אייך בעטן, איר זאָלט מיר באָרגן עפעס אַ ביכל — האָט זיך אָפּגערופן מאַדאַם ליאַנאַ, אַריינ-קומענדיק אין דער ווילע פון ריכטער פאָט.—האָט איר עפעס אַ בוך וועגן ליבע?

— כ'האָב ביכער בלויז וועגן ליבע.

און פאָל האָט זי אַריינגעפירט אין צימער, וואו פאָלי-צעס מיט ביכער האָבן דערגרייכט דעם באַלקן.

— פון דידאַזיקע ביכער האָט איר געשעפּט אייער וויסן? — האָט ליאַנאַ געפרעגט, איבערלייענענדיק אויף די רוקנס די נעמען פון די אויטאָרן: סענאַנקור, מישעלע, סטענ-דאַל, וויינינגער, פרויד.

— דאָס זענען מענטשן, וואָס האָבן געגבוי אויפגעקלערט די פּסיכאָלאָגישע יסודות פון ליבע — האָט פאָל גלייכגילטיק גערעדט — און דאָך ווייסן זיי וועגן דערדאָזיקער פראַגע נישט מער, ווי לעם-לעם טעאָדע.

— וואָסער בוך ראָט איר מיר צו לייענען?

פאָל האָט איר געראָטן, זי זאָל ליבערשט אַליין אויס-

קלייבן. ער האָט איר אונטערגעטראָגן אַ שטול, און ווען זי האָט פאַרענדיקט דאָס אויסקלייבן, האָט ער זי אַרויסגעפירט אויף דער וועראַנדע.

— כ׳וועל זיך אָפּוועקלייגן אויף דערדאָזיקער וויגשטול — האָט זי געזאָגט — און איר וועט מיך צודעקן מיט דערדאָזיקער פּרעכטיקער הילע. איר וועט אַרטיק זיצן נעבן מיר און פאַרענדיקן די געשיכטע, וואָס איר האָט נעכטן מיר אָנגעהויבן דערציילן.

— וואו בין איך געבליבן שטיין?

— איר האָט געזאָגט, אַז נאָכן איבערלייענען אַלע ביכער, האָט איר באַשלאָסן אַוועקצופאָרן... דערציילט ווייטער.

פּאָל פּאָט, זיצנדיק לעבן ליאַנאַ אַריבערגעבויגן איבער איר אויסגעצויגענער פיגור, ווי אַ רופא איבער אַ פּאַציענטין, וואָס ליידט אויף אַן איינגערעדטער קראַנקהייט, האָט איר ווייך געגלעט איבער די האָר.

— דערציילט, דערציילט — האָט געשעפּטשעט די פרוי, צומאַכנדיק די אויגן און אויסציענדיק אירע ליפן קעגן זיינע. — רעדט, איך הער...

דער ריכטער האָט לייכט געשמייכלט און גערעדט:

— נאָכדעם ווי כ׳האָב אַדורכגעשטודירט די ליבע אין די ביכער פון די, וואָס האָבן זי אַנאַליזירט, און וועגן איר זיך אויסגעפרעגט ביי מענטשן, וואָס קענען זי פון דער פּראַקטיק; נאָכדעם ווי כ׳האָב אויסגעפאָרשט אויף דערדאָזיקער טעמע פרויען, וואָס לעבן מיטן אינסטינקט, און פרויען, וואָס לעבן מיטן פאַרשטאַנד; נאָכדעם ווי כ׳האָב געזען די צייכנס פון די אַפּאַראַטן, וואָס פאַררעגיסטרירן די וואַקלענישן פון געדאַנק, די אָפּוועקסלונגען פון ווילן און די פאַרענדערלעכקייט פון די געפילן; נאָכדעם ווי כ׳האָב אויסגעהערט די, וואָס לייזן די מיסטעריע פון ליבע מיט דער הילף פון כעמיע אָדער עלעקטריציטעט; נאָכדעם ווי כ׳האָב אויסגעהערט יענע קאַלטע מוחות, וואָס פרוּוון צו דערקלערן אָט דאָס אייביקע רעטעניש מיט דער הילף פון פאַרגלייכונגס־כּללים, אָדער גאָר יענע פאַנטאַסטן, וואָס באַמיען זיך איינצושליסן זי אין די ריימען פון אַ פּאָעמע, — האָב איך אָנגעהויבן צו קומען צו דער איבער־

ציִיגונג, אַז כּדי תּופס צו זיין דעם אמתן זין פון ליבע, דאַרף מען — ווען שוין יאָ באַנוצן זיך מיט אַ סיסטעם — אָננעמען דיין מעטאָד.

— מיין מעטאָד?

— דאָס איז דער סאַמע ראַציאָנאַלסטער מעטאָד, דער סאַמע ערנסטער, דער סאַמע וויסנשאַפטלעכער, דער סאַמע פּאָזיטיווסטער.

זי האָט געפרעגט, נישט עפענענדיק די אויגן:

— אָבער וואָס איז עס פאַראַ מעטאָד?

דער ריכטער האָט זיך צוגעבויגן נאָענט צו איר גע־זיכט און געענטפערט:

— צו רייסן די בלעטלעך פון מאַרגאַריטקעס.

ס ו ף.

פאַרלאַג „פאַרן בוך" וואַרשע

פיטיגרילי'ס
אַלע ווערק אין יידיש

בקרוב דערשיינט:

18 קאַראַט בתולהשאַפט
דער גאַרטל פון צניעות

Printed in Poland

Pittigilli ✱ Der man wos zucht libe ✱
powieść ✱ autoryzowany przekład A. Bluma
wyd. „Farn Buch" ✱ Warszawa ✱ 1931